STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00299

LITERARISHE ESEYEN

Samuel Lestchinsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Marvin Stone
in memory of
Morris Stone

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ש. לעשצינסקי

ליטעראַרישע עסייען

ש. לעשצינסקי

1887 — 1952

ש. לעשצינסקי

ליטעראַרישע עסייען

באַנד צוויי

פאַרלאַג שאָולזאָן, ניו־יאָרק
1955

S. LESTCHINSKY

LITERARISHE ESAIEN

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, 37 East 18th St., New York, N. Y.

א י נ ה אַ ל ט :

אייניקע באַמערקונגען — ש. צ. זעצער 7

ערשטע אָפּטיילונג

שלום עליכם 13
שלום אַש 21
אברהם רייזען 47
ז. שניאור 62
מ. ז. פייערבערג 78

צווייטע אָפּטיילונג

יעקב גלאַטשטיין 91
ה. לייוויק 101
א. לעיעלעס 116
משה נאַדיר 126
פראַנץ קאַפקאַ 136
מלך ראַוויטש 150
לאַמעד שאַפּיראָ 161

דריטע אָפּטיילונג

ש. דובנאָוו 171
ש. ז. זעצער 181
ש. ניגער 190
ש. ראַווידאָוויטש 207
ב. ריווקין 225

אייניקע באַמערקונגען

שמואל לעשצינסקי איז געבוירן געוואָרן ראש השנה, אין יאָר 1887, אין אוקריינע, קיעווער גובערניע, אין שטעטל רעזישטשע, וואָס איז אויך דאָס געבורט אָרט פון לאַמעד שאַפּיראָ געווען. אגב, שאַפּיראָ איז אויך אַ שטיק צייט זיינער אַ לערער געווען.

קיין אַמעריקע איז לעשצינסקי געקומען אין יאָר 1914 — פון בעלגיע, וואו ער האָט שטודירט אויף אינזשעניר, און ער האָט דאָרטן — אויך זיין דיפּלאָמע געקראָגן. דאָ האָט ער נאָכאַמאָל געהאַלטן עקזאַמען און האָט אויך אַ היגע דיפּלאָמע באַקומען. און אויף וויפיל איך געדענק — איז פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין פריינדשאַפט מיט אים — אינזשענירונג זיין באַשעפטיקונג געווען. ער האָט געאַרבעט פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג, און לעצטנס — אויך פאַר דער ניו־יאָרקער שטאָט רעגירונג.

שרייבן האָט ש. לעשצינסקי אָנגעהויבן, ווייזט אויס, אין די לעצטע פאַר יאָר פון צווייטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט. אַזוי צי אַזוי אָבער — אָפטער און אינטענסיווער האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין יאָר 1922 — אין מיין וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט", דער ערשטער נומער פון וועלכן איז דערשינען אין דעצעמבער דעם ערשטן פון יאָר 1921. זיין ערשטע עסיי איז געדרוקט געוואָרן אין דריטן נומער — 18טן יאַנואַר, 1922 — פון צווייטן יאָרגאַנג פון „דאָס וואָרט", מיט דעם נאָמען „דער געזעלשאַפטלעכער און פאָלקס קאָלעקטיוו". אגב — מיט דער דאָזיקער עסיי זיינער הויבט זיך אויך אָן די ערשטע עסייען זאַמלונג זיינע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1938.

פון דאַן אָן פלעגט ער פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין אָנגעגאַנגען מיט דעם אַרויסגעבן פון „דאָס וואָרט" — פריער אַלס וואָכנבלאַט און נאָכדעם אַלס מאָנאַטשריפט — גאָר אָפט דרוקן זיינע אַרבעטן אין „דאָס וואָרט" אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע טעמען. פאַר אָט יענעם גאַנצן פעריאָד יאָרן — יאַנואַר 1926 איז דערשינען דער לעצטער נומער פון „דאָס וואָרט" — האָט ער אויסער דאָרטן גאָר זייער ווייניק ערגעץ אַנדערש געשריבן, און די ערשטע עסייען

זאַמלונג זיינע, וואָס איז דערשינען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אין יאָר 1938, איז צוזאַמענגעשטעלט אין גרעסטן טייל זיינעם פון די אַר־בעטן, וואָס זיינען פריער אין די נומערן פון „דאָס וואָרט" געדרוקט געוואָרן.

***

אין יאָר 1953 האָט לעשצינסקי אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף דער צוזאַמענשטעלונג פון אַ נייער עסייען זאַמלונג — די זאַמלונג, צו וועל־כער די דאָזיקע עטלעכע באַמערקונגען וועגן געשריבן — אין וועלכער עס האָבן באַדאַרפט אַריינגיין פילע פון די פאַרשיידענע אַרבעטן זיינע, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אַ משך פון אַ לענגערער צייט אין פאַר־שיידענע אויסגאַבן, ווי „די צוקונפט", „די פרייע אַרבעטער שטימע", „דער אידישער קעמפער", פילאַדעלפיער „די אידישע וועלט" און אין נאָך אַנדערע אויסגאַבן. און אינמיטן פון זומער 1953 האָט ער שוין געהאַט אַ טייל פון די אַלע אַרבעטן, וואָס ער האָט באַשלאָסן אַריינצו־נעמען אין דער זאַמלונג, איבערגעגעבן צום דרוקן, און עטלעכע טעג פאַר זיין טויט האָט ער שוין אויך געהאַט געמאַכט די קאָרעקטור פון אייניקע שוין אויפגעזעצטע עסייען.

אין דעם לעצטן דאָנערשטיק פון זיין לעבן איז ער געווען ביי מיר — ער פלעגט מיך אַ פּאָר מאָל אין וואָך באַזוכן — און מיר האָבן אָפּגערעדט, ער זאָל אין קומענדן מאָנטיק ווידער זיין ביי מיר. עס האָט שוין דאָן אָבער דער טויט אויף אים געלויערט — און מיר האָבן פון יענעם דאָנערשטיק אָן זיך שוין מער ניט געזען. ער איז מאָנטיק שוין צו מיר נישט געקומען. שבת צו־נאַכטס נאָך יענעם דאָנערשטיק איז אויף אַ שוידערלעך טראַגישן אופן זיין לעבן אויס־געלאָשן געוואָרן.

אַרויסכאַפּנדיק זיך אויף אַ ווײַלע פון הויז אין אָוונט אַריינצו־וואַרפן אין פּאָסט־קעסטל אַ בריוו צו זיין טאָכטער, איז ער אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען פון אַ אָנגעפאַרענעם אויף אים אויטאָ־מאָביל. זיין לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן, ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער סאַמער הויך פון זיינע פאַנאַנדערגעבליטע ליטעראַרישע פיאַיקייטן.

***

לעשצינסקי האָט אויך געשריבן העברעאיש. באַזונדערס האָט ער

זיך אָנגעהויבן פילן צוגעצויגן צו שרייבן העברעאיש אין די לעצטע יאָרן. אין דער לעצטער „מצודה״ פון דר. ראַווידאָוויטש געפינט זיך זיין אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע.

***

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, האָט לעשצינסקי אָנגעהויבן צו שרייבן אַרום די לעצטע פּאָר יאָר פון צווייטן צענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט. ער האָט באַלאַנגט צו די גאָר יינגערע ליטעראַטור קרי־טיקער, צו דער גרופּע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער יידישער ליטעראַטור דאָ אין אַמעריקע פאַר דער גאָר לעצטער גרופּע, וואָס איז געקומען אין דער צווייטער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט — צווישן וועלכער ער האָט גאָר אַ געהויבענע פּאָזיציע פאַרנומען.

די אַלגעמיינע ערודיציע זיינע און ספּעציעל זיין באַהאַווונטקייט און באַלעזנקייט אין דער אַלגעמיינער — אייראָפּעאישער און אַמעריקאַ־נער — און אין דער יידישער, ווי אויך אין דער העברעאישער — לי־טעראַטורן; זיין באַקאַנטשאַפט אויך מיט די ווערק פון די וויכטיקסטע שעפער זייערע אויף דעם געביט פון ליטעראַטור קריטיק; דער וואָ־רימער טאָן און דער פרומער ערנסט, אין וועלכן זיינע ליטעראַרישע עסייען זיינען געשריבן; זיין מי און אָנשטרענגונג צו דערגראָבן זיך צו די תמציתדיקע מאָטיוון און טענער פון דעם געשאַפענעם ווערק, וועגן וועלכן ער שרייבט, אַרויסצוברענגען דעם סאַמע תוך פון דער שעפערישער אינדיווידואַליטעט פון שעפער, די סאַמע שורשדיקע אייגנטימלעכקייט און אייגנאַרטיקייט זיינע, און גלייכצייטיק דערמיט אויך אַרויסצוברענגען מיט ניט ווייניקער זאָרגפעליקייט, מיט ניט ווייניקער אונטערשטרייכונג די רעטראָספּעקטיווע המשכדיקייט, מיט וועלכער זיי — אָט יענע ווערק — דאַרפן פאַרבונדן ווערן, וואָרפן ליכט אויף דעם הינטערגרונד זייערן, מיט וועלכן זיי דאַרפן אין פאַר־אייניקונג געשטעלט ווערן — דורך דעם אַלעם טרעט ער אַרויס פאַר אונדז, ווי איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע צווישן אָט יענע אַלע קריטיקער, וואָס דער פּעריאָד צייט, וועגן וועלכן מיר האָבן פריער גערעדט, האָט אַרויסגעפירט פאַר אונדז.

ש. צ. זעצער

אין 1952 האָט דער מחבר, ש. לעשצינסקי, אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס בוך צום דרוקן. ליידער האָט ער די אַרבעט נישט פאַרענדיקט.

אַדאַנק דער געטרייער און אומדערמידלעכער אַרבעט פון זיין פרוי ליליען (ליסט) לעשצינסקי איז די צוגרייטונג פאַרענדיקט געוואָרן, און דאָס בוך דערשיינט איצט דריי יאָר נאָכדעם ווי דער מחבר איז אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן.

ע ר ש ט ע
אָפּטיילונג

שלום עליכם

אַלס גרויסער פּאָעטישער גייסט און קינסטלערישע עכט־יידישע שעפּערישע נאַטור שטייט נאָר פּאָר אונדזער שלום עליכמן אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג, ווען אויך אין דער גרויסער וועלט־ליטע־ראַטור וועט אויפגעדעקט ווערן זיין ספּעציפיש יידישער כאַראַקטער פון שאַפן, זיין גרויסע פשטות, זיין גרויסער עלעמענטאַרער דראַנג און אימפּעט צו אַנטפּלעקן די קוואַלן פון דעם פרייען און באַפרייטן יידישן קינסטלערישן שאַפן.

וואָרעם אין דער וועלט־ליטעראַטור איז מען בכלל ערשט צוגע־קומען צו דער איינפאַכקייט און עלעמענטאַרישקייט פון סטיל דורך אַ לאַנגער אַנטוויקלונג און פילע גלגולים, און אַראָפּקוקנדיק פון די אָלימפּישע הויכן אַרונטער. די דערציילערישע קונסט, צום ביישפּיל, אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט פילע פאַרוואַנד־לונגען אויף דעם וועג צום אייגנטלעכן אורקוואַל און אומאויסשעפּ־לעכן מקור פון רעאַלן לעבן און עכטע לעבנס געשטאַלטונגען, צו וועלכן שוין די „סענטימענטאַלע” ריכטונג האָט פון פריער געגעבן דעם שטויס פאָראויס. עס איז נאָך לעגענדאַריש ביי אונדז אויך דאָס גאַנצע שלום עליכמשע שאַפן; ווי אַזוי ער האָט אייגנטלעך כמעט דער ערשטער געעפנט די קוואַלן פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון דעם עכטן קינסטלערישן שאַפן, וואָס האָט אַזוי פאַרשפּעטיקט צו קומען צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן אין דער מאָדערנער צייט.

אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט האָבן מיר אַ קלאָרערע פּערס־פּעקטיווע און ברייטערן אויסזיכטס־פּונקט אויף שלום עליכמען, ווי אין דער פאָריקער נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדענער תקופה און דור, ווען ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסברענגען נייערע און אומ־שטערבלעכע ווערק.

איז כדאי זיך אָפּצושטעלן און זיך דורכדרינגען טאַקע מיט זיין אייגנטימלעכקייט און איינציקאַרטיקייט, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט דעם געניאַלן שטעמפּל אויף די דאָזיקע וואונדערלעכע און קלאַסיש געוואָרענע ווערק.

שלום עליכם האָט אָנגעהויבן און פאַרענדיקט זיין גלענצענדע

און זייער רייכע ליטעראַרישע קאַריערע, זיין עכטן פּראָדוקטיוון שאַפן אייגנטליך מיט די „קליינע מענטשעלעך" פון „כתרילעווקע", און האָט זיך גאָר אַליין ניט אויסגעטאָן פון דער דאָזיקער אומגעבונג, פון אָט דעם באַצויבערטן מקור פון געשטאַלטונגען און פאַרמירונגען, וואָס ער האָט אַנטדעקט און וואָס דאָס איינפאַכסטע יידישע פאָלקס־לעבן האָט מיט זיך געטראָגן. עס איז געוואָרן אַ שפע און מזל־ברכה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

„די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך, וואָס איך פיר דיך אַהין אַריין, פריינט לעזער, געפינט זיך פונקט אין דער מיט פון דעם געבענטשטן תחום, וואו מען האָט אַוועקגעזעצט יידן קאָפּ אויף קאָפּ, ווי הערינג אין אַ פעסל, און אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן. און דער נאָמען פון דער דאָזיקער באַרימטער שטאָט איז כתרילעווקע... כתריאל, „דער כתריליק"... דאָס איז שוין ניט גלאַט אַ קבצן אַ שלימזל: דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרימאַן, וואָס פאַלט נישט חס ושלום ביי זיך אַראָפּ מיט זיין אָרימקייט; אדרבה, ס'איז אַ גדולה! אויף אונדזער לשון הייסט עס איין אָרימס און אַ פריילעכס..."

אָט די איינפאַכקייט און פאָלקס־פּשוטקייט טראָגט שלום עליכם אַריין אין זיין גאַנצן ווייטערן שאַפן, און אַלע פּראָדוקטן פון זיין שפּרודלדיקן גייסט און פינקלדיקן הומאָר. דאָס כאַראַקטעריסטישע און ווערזנטלעכסטע פון דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן שעפערישן גייסט איז די טיפסטע ליבע און סימפּאַטיע, די פאַרשטענדעניש פאַר דעם יידישן פאָלק און זיין אָננעמען זיך פאַר דעם גורל פון דעם יידישן מענטשן.

ווי דער ראַפינירטסטער און אויסגעלויטערטער פּראָדוקט פון יענעם יידישן רעליגיעזן עקסטאַז וועלכער האָט אין די פאַריקע דורות אָנגעצונדן די הערצער און פאַרשיכורט די געדאַנקען און האָט געשאַפן די וואונדערלעכע איבערקערעניש אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן, ווי די אהבת ישראל, די ליבע פאַרן פאָלקס־מענטש ביי די פאַרשטייער פון חסידות, אַזוי ספּעציפיש יידיש און באַזונדער אייגנטימלעך איז די באַציאונג פון שלום עליכם צום פאָלק און דעם פאָלקס־מענטשן. ניט קיין נאַציאָנאַליזם אָדער ראַסן־קרובהשאַפט, נאָר אַ מין הוספה, אַ צוגאָב, צום גייסטיקן יידישן מהות.

שלום עליכם איז ניט קיין הומאָריסט לשם קאָמיזם, נאָר יענער הומאָריסטישער דיכטער פון גרויסן סטיל און פאַרמעסט, און ביי אים קוועלט הומאָר פון זיין גרויסער פאָלקס־ליבע, פון זיין אייגענעם גייסטיקן רייכטום, פון זיין מיטפילן און מיטלעבן מיט די פאַרשוינען, וואָס ער שילדערט, ווי קליין און נישטיק זיי זאָלן נישט זיין. ער איז אפשר דער איינציקער אין דער וועלט־ און יידישער־ליטעראַטור שע־פערישער קינסטלער־דיכטער, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַזעלכע אוצרות פון סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר דעם פאָלקס־מענטשן, דעם געדריקטן און ליידנדן.

ניט רחמנות האָט ער געשפּירט צו יידישע מענטשן פון פאָלק, נאָר ער האָט אַליין געלעבט מיט זיי, געטראָגן ביי זיך אין האַרצן די גאַנצע „ווייזהייט" און דערפאַרונג פון פאָלק צוזאַמען מיט די נאַריש־קייטן און קליינקייטן פון דעם „קליינעם מענטשעלע". אַזאַ מדרגה איז גרעסער פון רחמנות, וואָס מען טראָגט פון אויבן אַראָפּ. דאָס האָט געמיינט די עכטע אהבת ישראל, דאָס אַריינשטעלן זיך אומעטום, דאָס באַשטראַלן די פרעמדע לעבנס, אַזוי, זיי זאָלן פון זיך אַליין שעפּן פאַר־גרינגערונג פאַר זייערע ליידן און שמערצן. אין אָט דער הינזיכט איז שלום עליכם געווען ניט דער בעל רחמים, נאָר דער גוטער געניוס, דער מלאך הגואל און באַשיצער פון זיין פאָלק. ער האָט אַליין פאַרמאָגט דעם ברייטן זשעסט, דעם נאַאיוון פאַרטרויען. די היימישע האַרציקייט, די האָפּערדיקייט און גוט־ברודערשקייט, די מענטשן־ליבע און די יידן־ליבע, וואָס שוועבט אַזוי זיכטבאַר אָדער אומזיכטבאַר איבער זיינע אַלע ווערק.

צום אָנהייב, ווען דער קינסטלערישער באַוואוסטזיין האָט דער־וואַכט ביי שלום עליכמען, כאַפּן די „כתריאלים", „די קליינע מענ־טשעלעך מיט די קליינע השגות", דעם אָנבליק פון די כעלמער נאַ־ראָנים און דעם גראָטעסקן קרומען שפּיגל פון זיין קאָמישן הומאָר. אָבער וואָס ווייטער לויטערט זיך אויס די דאָזיקע כתרילעווקע אין אַ באַזונדערער לעבנס־אַטמאָספערע, אַ באַזונדער גייסטיקייט, וואָס איז מסוגל געווען אַרויסצוברענגען דעם גאַנצן פאָלקס געוויסן און באַ־וואוסטזיין, די פּאָעטישע אוצרות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין דער פאָלקס־נשמה. אָט די כתרילעווקע שטעלט מיט זיך פאַר וואָס ווייטער דעם אָפּקלאַנג און עכאָ פון דורות און דורות פון יידישן ווערן און ווערנטלעכקייט.

אָפילו אין דעם קאָמיש גראָטעסקן אויסזען איז עפּעס פאַראַן אַזויגס

אין אָט דער כתרילעווקע, וואָס מאַכט די „כתריאלים״ פריי, ניט געבונדן, זאָגאַר באַהעמיש, אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן, זאָל זיין צוליב זייער באַדנלאָזיקייט און אומענדלעכער אָרעמקייט.

כאָטש שלום עליכם איז כמעט קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון פשוטקייט און איינפאַכקייט, ווייל ער האָט שטענדיק זיך אידענטיפיצירט מיטן פאָלק און געלעבט מיטן און צווישן פאָלק און זיין גייסטיקער אַטמאָספערע, האָט אָבער דער גרויסער שילדערער פון יידישן לעבן זיך דערהויבן צו די העכסטע מדרגות פון קינסטלערישן שאַפן. ניט רעכנענדיק די זייטיקע אָפּנויגונגען פון זיין שאַפן, ווי, למשל, די פריצייטיקע סענטימענטאַלע ראָמאַנען („יאָסעלע סאָלאָוויי״, „סטעמפּעניו״ און „סנדר בלאַנק״), אָדער די סאָציאַלע דראַמען און ראָמאַנען („צעזייט און צעשפּרייט״ און „שטורעם״ אָדער „דער מבול״, „בלאָנדזשענדע שטערן״ אאַז״וו, אאַז״וו), אין וועלכע עס שטעקט אַ היפּשער חלק פון זיין באַגאַבונג און קינסטלערישן אויסדרוק, האָט שלום עליכם אין זיין עכטן און רייפערן הומאָריסטישן שאַפן דורכגעמאַכט אַלע פאַזן פון אַנטוויקלונג פון אַ גרויסן פּאָעטישן שעפערישן גייסט.

פון דעם קאָמישן גראָטעסק און אַנעקדאָטישער כאַראַקטער־גע־שטאַלטונג („דאָס פאַרכישופטע שניידערל״, „דאָס טעפל״, „די עצה״ אאַז״וו) האָט ער זיך דערהויבן צו דער שטופע פון פאַראַלגעמיינערונג פון זיינע באַאָבאַכטונגען פון די כתרילעווקער טיפּן און האָט קינסט־לעריש דערזען די סך־הכל־שטריכן פון אַ גאַנצער גאַלעריע כאַראַק־טערן. דאָס אויפכאַפּן אַ טיפּ אין זיין גאַנצער אומפאַסונג איז שוין אַ מדרגה פון קינסטלערישן זען, וואָס פירט אָפט דעם גרויסן דיכטער אַרויס אויף דעם ברייטן טראַקט פון סימבאָל. פאַרמאָגט טאַקע שלום עליכמס שאַפן די אַלע שטריכן פון דער עכטער שילדערונגס־קונסט: כאַראַקטער, טיפּ און סימבאָל.

פון די כתרילעווקער כאַראַקטערן קריסטאַליזירט זיך אויס אַ טיפּ, אַ סינטעטישע פיגור, וואָס טראָגט אַפילו סימבאָלישע צייכנס. דאָס איז, אַוודאי, די פיגור פון מנחם מענדל, וואָס פערזאָניפיצירט די גאַנ־צע טראַגיק און דעם קאָמיזם פון אַ גאַנץ פאָלק אין אַ געוויסן מאָ־מענט, און דאָס אייביק סימבאָלישע פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות.

וואָרעם מנחם מענדל רעפּרעזענטירט די גאַנצע יידישע באָדנ־לאָזיקייט, די אויסגעהונגערטע פאַנטאַזיע פון אַ קרומער און גרויזאַ־מערווירקלעכקייט, די דאָן־קיכאָטישע אילוזיעס פון אַ פיבערישער פאַרשטעלונג.

אָבער אויסער דעם טראָגט ער מיט זיך דעם סימבאָל פון דער אימפעטיקייט און דינאַמישקייט פון דער היסטאָרישער יידישער וועזנט־לעכקייט, פון דעם גייסט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרצווייפלט נאָך שטענדיקע אַנטוישונגען אין דער עקזיסטענץ פון פאָלק, וואָס האָלט אָן זיינע דאָן־קיכאָטישע קאַמפן מיט דער רויער און גרויער וועלט פון דעם אַרום, אָדער איגנאָרירט דער וועלטס רשעות און בעסטיאַליטעט.

„טוביה דער מילכיקער" איז שוין בכלל ניט קיין פאָלקס־טיפ, נאָר דער זאַמל־פונקט און פאָקוס פון די פאַרשיידענע טענדענצן אין אונדזער פאָלקס־גייסט, דער אויסדרוק פון דעם פאָלקס סימפּאַטיעס, סינטעזירט און אַרויסגעבראַכט אין זיין געשטאַלט, אַלס אַ קאָלעקטיוו בילד. ניט קיין פאָלקס־טיפ, נאָר אַ פאָלקס־העלד, איינער פון יענע פאָלקס־העלדן, וועלכע דאָס פאָלק אַליין פאַראייביקט אין זיין עפּאָס מיט אַזאַ קראַפט פון איבערלעבונג און דערפאַרונג. טוביה איז פון יענע טראַגישע העלדן — די איוב־נאַטורן — וואָס נאָר דאָס יידיש פאָלק טראָגט אַרויס פון צייט צו צייט, בכדי צו סימבאָליזירן דעם גורל פון דעם פּשוטן יידישן מענטשן, וואָס, קאָלעקטיוו גענומען, געשטאַל־טעט ער טאַקע דאָס פאָלקס־לעבן, זיינע ליידן און פריידן.

אַ סינטעטישע פיגור, אָנגעהויכט מיט דעם גייסט פון אַלטע היסטאָרישע געשטאַלטונגען, טראָגט טוביה אויף זיך דעם גורל פון דעם היינטצייטיקן המשכדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

„מאָטל פּייסי דעם חזנס", אַזוי גוט ווי די גאַנצע רייכע גאַלעריע פון קינדער־געשטאַלטן, זאָגן עדות אויף דער נאַטירלעכקייט און לעבע־דיקייט פון דעם יידישן קינד און סימבאָליזירן די טיפע פאַרבונדנקייט מיט דעם לעבן, דעם נאַטירלעכן דראַנג, וואָס דאָס יידיש פאָלק פאַר־מאָגט, אין תוך גענומען, צו פאַרזעצן זיין עקסיסטענץ אונטער אַלע אומשטענדן.

אַפילו די עלטערע כתריאלים, כאָטש שוין פאַריאָכט און אונ־טערגעוואָרפן אונטער אוממענטשלעכע געשיכטלעכע אומשטענדן, באַ־וויזן צו איינקלאַמערן זיך אין לעבן. זיי לאָזן זיך ניט, מוראדיק עקשנות־דיק, צעמאָלן צו ווערן פון די רעדער פון דער געשיכטע.

„דער עיקר, זאָג איך, איז בטחון. אַ ייד דאַרף האָפן. אַי מע ווערט, זאָג איך, פאַרשוואַרצט. דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס יידן אויף דער וועלט; איך בין, ווי איר ווייסט, אַ גרויסער בעל־בטחון. איך האָב צו דעם וואָס לעבט אייביק, קיינמאָל קיין

טענות ניט. ווי אַזוי ער פירט, אַזוי איז גוט: „השלך על ה׳״ — פאַרלאָז זיך אויף גאָט. ער וועט שוין מאַכן אַזוי, אַז דו זאָלסט ליגן ניין איילן אין דער ערד און באַקן בייגל און נאָך זאָגן גם זו לטובה. מיר האָבן, זאָג איך, אַ גרויסן גאָט, זאָג איך, און אַ גוטן גאָט און אַ שטאַרקן גאָט. נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, טוט ער אָפּ אַ שטיקל אַרבעט. מאָגן שוין, זאָג איך, די שונאים האָבן אַזאַ יאָר״.

דער בטחון מאָטיוו פון טביה איז אייגנטלעך דעם פאָלקס פאַר־עקשנטער ווילן צום לעבן און אָנהאַלטן זיין קיום, וואָרעם די אינ־טעגראַלע יידישע מאַסן און דאָס פאָלק זיינען עס תמיד די, ביי וועמען עס באַוועגן זיך די געשיכטלעכע כחות און זיי זיינען עס דער עצם באַזיס פון דער געשיכטע בכלל.

ווען מען קוקט זיך צו צו פאַרשוינען פון „פונעם יריד״, דאָס געלייטערסטע און רייפסטע פאָלקאָמע, כאָטש ניט פאַרענדיקטע, אויטאָ־ביאָגראַפישע ווערק פון שלום עליכם, קאָן מען זען, למשל, ווי דער „פע־טער פיני״, אָדער דער „זיידע משה יוסי״ אאַז״וו, זיינען גאָרניט גע־ווען קיין קלענערע פאָעטן פון שלום עליכמען גופא. זייער אַלעמענס פאַרענגטער און באַשרענקטער אויסקוק מיט די פאַרקרימסטע כמעט אומנאָרמאַלע פיזיאָגנאָמיעס האָבן זיך אויסגעשפרייט און פאַרטיפט אין זייער אינערלעכע וועלט, וואו זיי האָבן געפונען זייער פאָעטישן תיקון.

דער עיקר שלום עליכם אַליין טרעט דאָ שוין פון קינדוויז אַרויס מיט אַן אינטענסיווער נאַטור, וואָס לעבט און רעאַגירט אין דער ווי־זיאָנערישער ווירקלעכקייט און אין דער דעקאָראַטיווער פאַרשטעלונג פון אַן אויסגעטראַכטער ווירקלעכקייט.

„די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדוויז אַן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, ביימער — מענטשן, מיידלעך — בת מלכהס, רייכע יונגעלייט — פרינצן, גראָז — חיל, שטעכעלקעס און קראָפּיווע — פלשתים, אדום און מואב און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה״.

אַזוי רעדט שלום עליכם פון זיין קינדהייט און פיבערישער פאַנ־טאַזיע, וואָס האָט אים באַהערשט אויך ווייטער אין זיין לעבנסגאַנג, און האָט אים באַגלייט אויף זיין שעפערישע קאַריערע. אָבער אַזוי ווי אויפגעצויגן און געוואַקסן איז דער העלד פון דעם דאָזיקן ביאָ־

גראַפישן ראָמאַן (פונעם ירידן) אין סאַמע כתרילעווקע, האָט ער דאָך געמוזט זיין „נאָענט באַקענט" מיט מנחם מענדלען. — זאָגט שלום עליכם עדות אויף זיך, אַז ער אַליין איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק וועג פון כמעט צוואַנציק יאָר. איז שלום עליכמס טראַגיק געווען — פון אַ האָפנונגסלאָזער לעבנס־טרוימער פון דעם ניט־דערפילטן, און זיין הומאָר האָט געמוזט ווערן דער גאַלגן־הומאָר פון אַ גרויסער רעזיגנאַציע, וואָרעם זיין וועלט איז געווען די וועלט פון אומענדלעכע טרוימען, וואָס דרייען זיך אַרום אין אייביקן שאָטן־טאַנץ אויף די ראַנדן פון ניט דערפילטע האָפענונגען און דערגרייכונגען.

ווען שלום עליכם האָט ענדלעך דערוואַכט צום קינסטלערישן באַרוף און איז אַריבער צום קינסטלעריש פאָעטישן שאַפן, זיינען אַלע זיינע פערזענלעכע אייגנשאַפטן און באַציאונגען אַריבער אין זיין קינסטלערישן מהות און די הויפּט־עלעמענטן פון זיין שאַפן זיינען געוואָרן הומאָר און פאַנטאַזיע. דער קאָמישער הומאָר האָט אונטערגעשטראָכן די איבערגעטריבענע קלייניקייט און נישטיקייט פון דעם גרויען וואָכעדיקן לעבן, די פאַנטאַזיע האָט אָפּגעשאָפּט די גרעניצן פון דעם מעגלעכן און געוויינלעכן און האָט באַפרייט שלום עליכמען פון דער גרויער ווירקלעכקייט פאַר דעם קינסטלערישן שפּיל און אומגעצוימטן שאַפן. אין טביהס בטחון־מאָטיוון זעט מען באַזונדערס ווי דער רייפער קינסטלער און דיכטער האָט אַריבערגעטראָגן זיין הומאָר אין דער ספערע פון איראָניע און רעזיגנאַציע, אין דעם דערהויבענעם שמייכל איבער וועלט און מענטש. זייער זעלטן געפינט מען די דאָזיקע פאַראייניקונג פון הומאָר און פאַנטאַזיע אין איראָנישן סינטעז, אָבער דאָס איז געווען דער העכסטער אויסגאַנג פון זיין שעפערישער נאַטור.

שלום עליכם האָט אַנטדעקט דעם אומאויסשעפּלעכן מקור פאַר דעם יידישן קינסטלערישן שאַפן און האָט אַליין זיך אויסגעקליבן די אייגענע קינסטלערישע פאָרעם, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר זיין קונסט.

דער מאָנאָלאָג, צום ביישפּיל, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך אַזוי אויסגעצייכנט פאַר זיין קינסטלערישן אינסטרומענט און אויסדרוק־מיטל, איז עד היום פאַרבליבן, אין דער יידישער און אפשר אין דער וועלט־ליטעראַטור, די אָריגינעלסטע אייגנאַרטיקע פאָרעם, די אומפאַרגלייכלעכע און אומפאַרגלייכבאַרע.

אויב ליטעראַרישע מאָדעס און צייט־געשמאַק פּסלענען אָפּ און

מאַכן פאַרעלטערט געוויסע קלאַסישע ווערק און גרויסע פּאָעטישע שאַפונגען, געהערט אָבער געוויס ניט שלום עליכמס שאַפונג צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון פאַרעלטערטע און פאַרעלטערבאַרע ליטעראַרישע דערשיינונגען. וואָרעם זיין עלעמענטאַרער דראַנג צו קונסט, זיין אומגעצוימטע דיכטערישע נאַטור, זיין דערפינדן דעם עכטן קוואַל פון פשוטער און איינפאַכער פאָלקס־קונסט, מאַכן אים שטענדיק שפרודלדיק פריש. זיין גרויסע אָריגינאַליטעט אין אהבת ישראל, זיין יידן־ליבע קאָן נאָך דינען פאַר אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, באַזונדערס אין אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלער צייט פאַר דעם וויטערן קיום פון אונדזער פאָלק.

שלום אַש

די לעצטע ווענדונג אין שלום אַשעס שאַפן

1

„דער מאַן פון נצרת"

דער שטורעם, וואָס שלום אַש האָט אַרויסגערופן מיט זיין ווערק, „דער מאַן פון נצרת", אין אונדזער יידישער וועלט בכלל און אין דער ליטעראַטור בפרט איז איצטער כמעט פאַריבער.

און ווייל די אויפרודערונג איז איינגעשטילט געוואָרן און די געמי־טער האָבן זיך באַרואיקט — קאָן מען איצט באַטראַכטן אָביעקטיוו דעם נייעם קורס, די נייע ריכטונג, וואָס זיין שאַפן האָט אָנגענומען, לויט דעם איינגנטלעכן ליטעראַריש־עסטעטישן ווערט און אינטעלעקטואַל אידיי־אישן אינהאַלט פון דעם נייעם ציקל ווערק, וואָס אַש האָט געשאַפן פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר. איך האָב אינזינען „דעם מאַן פון נצרת", דעם „אַפּאָסטאָל", „איסט ריווער" און „מערי", אין וועלכע מען קאָן זען איין פאַראייניקטן און אפשר שוין פאַרענדיקטן קרייז פון דער נייער ווענדונג אין אַש׳ס שאַפן, באַזירט אויף זיינע אויסגעפאַרמירטע אויס־געשפּראָכענע אנשויאונגען בנוגע אונדזער יידישן רעליגיעז־היסטאָרישן גלויבן און אונדזערע באַציאונגען צום קריסטנטום, וואָס ער האָט איינצייטיק אַרויסגעבראַכט און רעקאָרדירט אין „מיין גלויבן", „איין גורל" אאז"וו.

שרייבט אַש:

„איך אַלס ייד, וועמענס יעדער ריר איז פאַרבונדן מיט דעם גאָט פון ישראל, וויל גאָר ניט וויסן פון קיין שום היסטאָרישן וואונדער פון קיין שום אַנדער גלויבן אויסער די וואונדער און דער אמונה, וואָס שטראַלט אָפּ פון גאָט פון ישראל. דער דאָזיקער וואונדער איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויף צווייערליי וועגן: צום ערשטן דער נס פון דער אויפהאַלטונג פון פאָלק ישראל, צווייטנס

דער וואונדער פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער יודעאַ־קריסטלעכער אידייע אין דער פּאַגאַניסטישער וועלט... דיביידע זיינען די צוויי פּאָליוסן פון דער וועלט, און קיין שום רעטונג קאָן ניט קומען ביז די צוויי העלפטן וועלן ניט פאַראייניקט ווערן און ווערן איין טייל פון גאָט"...*)

נאַטירלעך איז אַש געווען און פאַרבליבן עד היום אַ יידישער פּאָעט און קינסטלער מיט אַלע זיינע פיברען פון זיין שעפערישן גייסט צוגעשמידט צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט עס אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון דער יידישער ליטעראַטור און האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווערן אַ וועלט־פיגור, סימבאָליזירנדיק דעם גרויסן וואוקס און פאַרנעם פון דער יידישער ליטעראַרישער קונסט לגבי חוץ.

אָבער מערקווירדיק, אַז כאָטש ער האָט געוואונען גרויסן אָנזען און רום אין דער אַמעריקאַניש־ענגלישער ליטעראַטור, זאָגאַר געוואָרן פאַר אַ קורצער צייט די סענסאַציע מיט זיינע ווערק „דער מאַן פון נצרת" און „אַפּאָסטאָל", האָט ער אָבער זייער פיל פאַרלאָרן אין דער קינסטלעריש־פּאָעטישער וועזנטלעכקייט פון זיין טאַלאַנט. נאָכגעבנדיק די אידייען און געדאַנקען, וואָס האָט אים לעצטנס באַהערשט, האָט ער זיך פאַר די לעצטע יאָרן אַ גליטש געטאָן אויף אַ פאַלשן וועג פון אויסגעקלערטע השערות, פאַרשונגען און אינטעלעקטואַלער אָנשטרענגונג צו אויפשטעלן די קינסטלערישע וויזיע פון אַזאַ פיגור ווי „דער מאַן פון נצרת".

ביי אַשן האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן די גאַנצע קינסטלערישע אָרימקייט און כחות פאַרשווענדונג און, דער עיקר, די פאַלשקייט און אומטרייהייט צום אייגענעם קינסטלערישן מקור.

ווען אין דעם „תהילים ייד" האָט אַש, למשל, זיך באַנוצט מיט פּסוקים און אָנדייטונגען, וואָס האָבן צוגעגעבן קלאָריר צו דער אַזוי אויך שוין לעבעדיקער אידעאַלער פיגור, האָט ער שוין געהאַט פאַרטיק די וויזיע פון אַזאַ איידעלער יידישער פערזענלעכקייט, וואָס האָט געשוועבט אין דער יידישער געשיכטע און דעם יידישן לעבן און וואָס ער האָט אַליין פעסטגעשטעלט מיט זיין גאַנצן ראָמאַנטישן צויבער,

---

*) ליידער האָב איך די אויבן אָנגעשריבענע שורות געמוזט אַליין איבערגעבן אין יידיש פון אַש'ס אויף ענגליש איבערזעצטן „מיין גלויבן". אַזוי ווי אויך, די שפּעטערדיקע ציטאַטן פון דעם „אַפּאָסטאָל", וואָס איז ביז איצט נאָך ניט דערשינען אין דעם אָריגינעלן יידיש. — ש. ל.

אַנפאַנגענדיק פון „דעם שטעטל", „ר' שלמה נגיד" ביז צו „קידוש השם" און אַז"וו אאז"וו. באַמיט זיך אָבער אַש דורך אַלערליי אינטעלעקטועלע מיטלען אַרויסצורופן צו אַ לעבעדיקער וויזיע פון אַן אַבסטראַקטער און אויסער זיין פאַלקס־ספערע סכעמאַטישער פיגור. אַדאַפּטירנדיק אַ פרעמדע און זאַגאַר נאָך עד היום אַ פיינטלעכע אַנטיסעמיטישע קאַנסטרוקציע און אידעאַלאַגישע קאַניוקטור.

דער פּועל־יוצא איז אַז ער בלייבט פאַלש צו זיך און צו זיין קינסט־לערישן וועזן.

אַלס יידישער קינסטלער טראָגט ער מיט זיך די יידישע אַטמאָס־פערע און דאַרף זיך גאַרניט פאַרטיפן אין דעם אָביעקט פון זיין קונסט, בכדי צו פאָרמירן און פאַרפעסטיקן זיין פּאָעטישע וויזיע, לויטן מוסטער פון וועלכע ער שאַפט. וואָרעם זי, די דאָזיקע וויזיע, שוועבט פאַר זיינע אויגן און ער קאָן זיך גאָר פון איר ניט באַפרייען, אַפילו ווען ער זאָל וועלן. אָבער דאָ איז אַש געקומען מיט אַן אַמביציע צו קינסט־לעריש פאַרווירקלעכן די קריסטלעכע סכעמאַטיש פאַרבליבענע יידישע פיגור דורך אַ פאַרטראַכטער סינטעטיזירונג מיט דעם העכסטן יידישן אידעאַלן אויפבויז און אויפשטייג. באַנוצט ער זיך מיט אַן איבערוועג פון אַבסטראַקטע ציטאַטן, וועלכע קלינגען איבערפליסיק און אומרעאַל אַפילו אין דעם עוואַנגעליום, פּסוקים און שברי־פּסוקים פון לערעס, וואָס האָבן זיך געשיכטלעך אַרויסגעוויזן אַזוי היפּאָקריטיש, וועלנדיק אַריינברענגען דעם רוח־החיים פון זיין קונסט אין דעם פּראָטאָגאָניסט פון דער קריסטלעכער באַנקראָטירטער ציוויליזאַציע.

„דער מאַן (פון נצרת ש. ל.), איז שוין דענסטמאָל אין כפר־נחום זייער באַליבט און באַרימט געוואָרן, דערציילט אונדז אַש וועגן דעם פּרסום און דער פאַרשפּרייטונג פון ישוע בן יוספס לערע.

„ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רביס ניט נאָר בלויז ביי די פישער־יידן פון קליינעם פּאָרט, נאָר אַפילו ביי די גע־בילדעטע און געלערנטע פון דער גאַנצער אומגעבונג. נאָכדעם ווי ער האָט דערקלערט פייערלעך אַנומעלט שבת אין דער שול, אַז ער איז נישט געקומען צו צושטערן די תורה און די רייד פון די נביאים, נאָר זיי צו דערפילן, האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט. ער האָט אַפילו געזאָלט אין דער שול עפנטלעך דערקלערן אַז „גיכער וועלן הימל און ערד אונטערגיין איידער אַ קוצו של יוד פון דער תורה"...

און אַזוי פּאַמעלעך טרעטן מיר אַריין אין דער קינסטלעך צו־היצטער אַטמאָספערע, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן אַש'ס געשטייגערטע

ראָמאַנטיק, ווען ער לאָזט זיך אַרויס צו אַנטפּלעקן מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין פאַרשטעלונג די וויזיע פון דער פיגור, וואָס ער וויל אַרויסברייינגען.

„באַלד, באַלד אָבער האָט מען איינגעזען, אַז פאַר אונדז אין בית־הכנסת שטייט אָבער איצט אַן אַנדער רבי. אַ רבי טויזנט מאָל העכער, ווער קאָן מעסטן? זאָל ער זיין די העכסטע יידישע האָפנונג, וואָס שטייט פאַר אונדז? און פון זייך מויל הערן מיר ווערטער, וועלכע זיינען נישט געהערט געוואָרן פון משהן אויפן באַרג סיני. ווער איז דאָס וואָס זיצט פאַר אונדז מיט אַ ספר־תורה אין זיין שויס?"...

דאָס איז די אַטמאָספערע פון ישועס תלמידים מיט דעם גאַנצן עקסטאַז, וואָס איז אין איין כהרף־עין גרייט אָפּצוואַרפן די אַזוי פיל אויסגעפייניקטע און מיט אַזוי פיל שטאָלץ און ליידן אויסגעטראָגענע יידישע תורה און יידישע געטלעכקייט און טראַדיציאָנעלע הייליקייט. און אָט האָט איר אויפפלאַמענדיקע רייד פון דעם אויפגערודערטן און דעם איבערגעגעבנסטן תלמיד פון ישוע (לויט דער אויפפאַסונג פון אַשן) יהודה איש קריות:

„ביי דער איצטיקער גאולה מוז משיח אַדורכגיין דעם ים איינער אַליין פאַר אונדז אַלעמען. איידער ער קאָן אויסלייזן דעם יחיד מוז ער פילן די יסורים פון יעדן יחיד. ער מוז דערגרונטע־ווען דעם צער ביז צו דער קבורה און נאָך ווייטער. כדי צו ברייינגען די ישועה מוז ער אַנקומען צו דער שאול תחתיה"...

און די „פּרעדיקט פון דעם באַרג" מיט די אַלע קליפּערלעך און די „פאַרהייליקטע" מימראָס:

„דאָס וואָס דער בן־אדם זאָגט און דאָס וואָס דער בן־אדם טוט האָט ער בקבלה פון זיין פאָטער אין הימל".

„אָבער איך זאָג אייך איר זאָלט אייך נישט ווידערשטעלן דעם בייזן, נייערט ווען איינער וועט דיך שלאָגן אויף דעם רעכטן באַק, אַזוי שטעל אים אונטער דעם אַנדערן באַק".

„איך זאָג אייך אָבער: פון איצט אָן וועט איר זען דעם בן־אדם זיצן אין דער רעכטער האַנט פון דער גבורה און קומען מיט וואָלקנס פון הימל"!

„איך בין דאָס לעבעדיקע ברויט, וואָס איז אַרויפגעקומען פון הימל. דער, וואָס וועט עסן פון דעם ברויט, וועט אייביק לעבן

און דאָס ברויט, וואָס איך וועל געבן און מיין פלייש, וואָס איך בין מקריב פאַר דעם לעבן פון דער וועלט״.

דאָס זיינען די מוסטערן פון דער קינסטלערישער רעאַליזירונג פון דער פאַריידישטער קריסטלעכער וויזיע, וואָס אַש באַמיט זיך צו ברייגנען צוריק צום יידנטום. און וויפיל מאָל ווידערהאָלט ער די שיל־דערונג פון דעם „בלייכן אויסזען פון ישוע בן יוסף מיט דעם שניי־ווייסן מאַנטל״, וואָס זאָל קאָנקרעטיזירן דעם פּאָרטרעט פון אַ רעאַלער פּערזאָן אויס מאַנגל, מסתמא, טאַקע פון דער עכטער קינסטלערישער וויזיע און בולטע פאַרבן און שטריכן, וואָס ביי אַזאַ קינסטלער ווי אַש זיינען זיי שטענדיק צו דער האַנט, ווען ער באַדאַרף שאַפן אַ לעבעדיקע און לעבהאַפטיקע פיגור מיט עכטן און אויפריכטיקן קינסט־לערישן דראַנג. ווי באַוואוסט, איז „דער מאַן פון נצרת״ דערשינען אין 1939 אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פון דעם כתב יד בשעת דער יידישער אָריגינאַל האָט ערשט פיל שפּעטער, אין 1943, דערזען די ליכטיקע שיין פון דרוק. עס איז די גוטע כוונה פון אַשן געווען צו ווערן דער קינסטלערישער אַפּאָלאָגעט און מליץ־יושר פון פאָלק ישראל און דערמאָנען דעם קריסטנטום זיין יידישע אָפּשטאַמונג און די סטימולירנ־דיקע קראַפט, וואָס עס באַקומט פון דעם יידנטום, אָבער אַרויסגעקומען איז דער פּאַראַדאָקס, וואָס דוקא אשס המלצה האָט זיך גאָר ניט צוגע־קלעפּט און קאָן גאָר ניט אַריינדרינגען און ווירקן אויף דער אויסער־לעכער וועלט, טאַקע דערפאַר וואָס עס קומט פון די קוואַלן פון דער ניט זייער עכטער און אויפריכטיקער קונסט און דער אויסגערעכנטער עפעקט דערגרייכט ניט געוויינלעך זיין ציל.

מעג אַש וועלן פאַרגלעטן די עוואַנגעלישע געשיכטע פון יהודה איש קריות, וואָס זאָל האָבן פאַרקויפט ישון פאַר דרייסיק זילבער־שטיק, און מעג ער מאַכן אים, דעם איש קריות, פאַר דעם נאָבעלן ענטוזיאַסט, וואָס טוט אַלץ לשם מצווה און צוליב דער אַנטפּלעקונג פון יעזוסן, וועט ער דערמיט ניט פאַרווישן די פיינטלעכע עוואַנגעלישע לעגענדע וועגן יידישער פאַרקויפטקייט.

פונקט אַזוי, ווען אַש וויל רייגוואַשן די „קריסטלעכע״ באַשולדי־קונג פון דער יידישער קרייצונג פון יעזוסן, בלייבט ער אָנמעכטיק און ניט עפעקטיוו, ווייל ער טוט דאָס ניט מיט דעם רוח־הנבואה פון זיין עכטן קינסטלערישן שאַפן.

עס איז כדאי צו ברייגנען אויסצוגן פון אַ קאַטוילישן איבערזיכט

איבער „דעם מאַן פון נצרת״, אין וועלכן מען וואַרפט אַשן פאַר וואָס ער שילדערט די פּרושים צו זיין ניט נאָר איינשטימיק מיט יעזוסן, נאָר אַז אפילו זיי פאַרטיידיקן און נעמען זיך אָן פאַר אים.

„דאָס לעבן און דער טויט פון יעזוסן ווערן ביי אשן געשילדערט אַזוי, אַז זיי זאָלן גאָר ניט דינען פאַר קיין פאַרוואורף, וואָרעם זיי ווערן געוויזן אַלס אַן איינפאַכע טראַגעדיע פון מיספאַרשטענדניש פון ניט פונדאַמענטאַלער וויכטיקייט״...

דער שרייבער פון דעם איבערזיכט זעט גאַנץ גוט דעם אָפּגרונט וואָס ליגט צווישן יידנטום און קריסטנטום און פרעגט:

„זעט עס ניט אויס ווי אַן אויגנשיינלעכער ווידערשפּרוך צו ריידן וועגן דעם יידישן פאָלק, וואָס נויטיקט זיך אין אַ משיח און צו באַהויפּטן, אַז אַ צווייטער משיח איז נאָך אַלץ פאַראויסבאַשטימט צו רעטן זיי, די אַנדערע פעלקער, אויסער זיין אייגן פאָלק״...

דערביי ווערט אויך באַמערקט אין דעם זעלבן איבערזיכט:

„זיכער איז עס ניט קיין צופאַל... וואָס די רוימישע סאָלדאַטן וועלכע האָבן אַזוי פאַרהאַסט די יידן און וועלכע האָבן באַגלייט יעזוסן קיין גולגולתא זיינען לויט אַשן גערמאַנען, כאָטש ס׳איז דאַכט זיך זיכער אַז די איינציקע פרעמדע, וועלכע האָבן קוואַרטירט אין ירושלים דאַמאָלט זיינען געווען די סירישע״...

אַזוי אַרום האָט אַש פאַרפעלט דאָס ערשטע מאָל, קאָן מען זאָגן, אין זיין גרויסער קינסטלערישער קאַריערע צו פאַרווירקלעכן און קאָנקרעטיזירן אַ פאַרטראַכטע פיגור פון ערשטן ראַנג און צו דערגרייכן די פּאָעטישע הויך, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לייכט געשטייגערט, ווייל ער האָט אָנגעווענדעט אויסערלעכע מיטלען און האָט קינסטלעריש געפעלשט זיך זעלבסט דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט באַהערשן פון פרעמדע געדאַנקען און אידייען זיין עכטן יידישן קינסטלערישן איך.

מען דאַרף אָבער ניט פאַרמינערן זיין גרויסע קינסטלערישע קראַפט, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם דאָזיקן ווערק אין די שילדערונגען און סצענעס און דעם גאַנצן היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער תקופה, אין וועלכער ער האָט באַזעצט זיין צענטראַלע פיגור.

דאָס רייכטום אַזוי גוט ווי די אָרימקייט און געפאַלנקייט, די דעקאַדענץ פון דעם פעריאָד, דער גלאַנץ פון בית־המקדש און הורדוסעס

פּאַלאַץ, די לעבנס באַדינגונגען פון די שקלאַפן, די אויסגעלאַסנהייט אין צור און צידון און די שטייגנדיקע אומרוען אין לאַנד פון יהודה ווערן געשילדערט מיט די הערלעכססטע און בונטסטע פאַרבן. אַש דער קינסט־לער האָט באַוויזן די מאַלערישע קראַפט אין די פּאַנאָראַמעס און די בילדער און סצענעס פון דער ווייטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. אַפילו די נעבן־פיגור פון פּאַן וויאַדאָמסקי, דער שווינדלערישער פּוילי־שער אַרכעאָלאָג און גרויסער אַנטיסעמיט, איז זייער אָריגינעל אויפ־געפּאַסט און געלונגען דורכגעפירט.

2

„דער אַפּאָסטל“ — דאָס גויאישסטע ווערק פון שלום אַש

שוין אין „דעם מאַן פון נצרת“, וועלכער זאָל צוזאַמענשטעלן מיט דעם דאָזיקן צווייטן ווערק דאָס איינציק גרויס ווערק לויט דעם מחברס באַנעמונג, ווערט די פּערזאָן פון ישוע בן יוסף אָנגעדייט אַלס אַ משיח פאַר די פעלקער, די אומות העולם. באַזונדערס ווערט עס אָנגעצייכנט אין די אויסטייטשונגען פון ר׳ נקדימון (אינגאַנצן אַ צוגעטראַכטע פּער־זאָן אין דעם בוך) און די ספקות און פאַרצווייפלונגען פון יהודה איש קריות.

„איך האָב געזען, אַז אַלע זיינע טאַטן זיינען לשם שמים... ער פירט זיך אויף ווי אַ פרומער ייד... אָבער, האָב איך געפרעגט, זיינען מיר געבאָרן פון גוף אַליין; איז ניט די תורה אונדזער מוטער; צו האָבן מיר נישט אויסגעוויטיקט מיט אונדזערע ליידן? פאַר וואָס וויל ער גאָר נאָר אַנדערע באַפרייען?... זאָלן איצטער אונדזערע ברכות צו־גענומען ווערן פון אונדז און אָפּגעבן ווערן צו פרעמדע?“

אַש האָט מיט אַ געוויסן קינסטלערישן טאַקט אויפגעבויט און אויפ־געשטעלט די קריסטלעכע אידעאַלסטע פיגור מיט אַ געוויסער מאָס יידיש־לעכקייט, וואָס זאָל געבן די אילוזיע פון היסטאָרישער רעאַליטעט.

איצטער, אָבער, אין דעם דאָזיקן ווערק „דער אַפּאָסטאָל“ האָט ער שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך כמעט דעם יידישן צוים און די פאַר־העמונג פון דער יידישער היסטאָרישער טראַדיציע, און גאַנץ געטריי נאָכגעפאָלגט אין די ראַמען פון די „אַקטן“ פון די אַפּאָסטאָלן, לויט דעם נייעם טעסטאַמענט, דעם פּראָטאַגאָניסט פון קריסטנטום אַזוי, אַז

אַפילו די קריסטלעך־טעאָלאָגישע קריטיקער גיבן צו אַז דער מחבר ציגט אַרויס אינטימע באַקאַנטשאַפט און באַהאַוונטקייט מיט סט. לוקאַס שריפט, מיט די בריוו (עפּיסטלס) פון סט. פּאָול, סט. פּעטער און סט. דזשיימס און האָט באמת אָנגעשריבן אַ ווערק וואָס וואָלט געמעגט אָנ־שטיין אַ קריסט עס צו שרייבן, פאַר קריסטן. ווייל דעם אַפּאָסטאָלס פּערזענלעכקייט איז אַזוי רעאַל און קאָנקרעט פאַרגעשטעלט און זעלבסט אויסגעשפּראָכן אין דעם עוואַנגעליום, האָט אַש, שוין זיכער ניט שאַפנדיק זיך קיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע וויזיע פון דעם אַפּאָסטאָלישן קריסטנ־טום און פון די ערשטע גרינדער פון דער קירכע, פון דער קאָנסטרוק־ציע פון זיין ווערק אויף די איינציקע אויטענטישע מקורים, אויף וועלכע ער האָט זיך מיט אַזאַ גרויסער התמדה אַ וואָרף געטאָן. אַליין, קינסט־לעריש, האָט ער זיך מיט דער רעאַלער און זייער קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט פון פּאָול שוין גאָר קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

כאָטש אַלס פּאָעטישער קינסטלער האָט אַש זיך פאַרמאָסטן נאָך פריער צו שאַפן גרויסע אומפאַסנדיקע ווערק, איז אָבער זיין קינסט־לערישער מעטאָד, קאָן מען זאָגן, געווען און פאַרבליבן אַ פּרימיטיווער, עלעמענטאַרער, ווייל זיין קראַפט באַשטייט הויפּטזעכלעך אין דעם רעפּרעזענטירן אין בילדער און מאָלן פּאַנאָראַמעס פון גרויסן פאַרנעם און אויסוויקלען און שילדערן מענטשן און געשעענישן גיכער איידער אין דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטערס, אָדער אין דער פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג און אַנאַליז פון די אינערלעכע מענטשלעכע אָפּגרונטן.

דעריבער טאַקע מוז ער אַלץ און אַלעס באַשטימען ביז צו די מינדסטע פּרטים און לאָזט ניט איבער צום לייענער אָדער קריטיקער קיין אָנדייטונג, רמז אָדער סימבאָל צו אויספילן פאַר זיך.

אָנגעווענדעט אויף דעם צווייטן גרויסאָטעמדיקן ווערק האָט אַש עס באַשרענקטע קינסטלערישע קראַפט, דער קינסטלער מיט די סאַמע גע־בויאיקסטע באַשרייבונגען, פאַרפעלט צו אויפפאַסן די סאַמע מיסטישע און פאַרוויקלטסטע פיגור צווישן דער גאַנצער גאַלעריע גרינדער און אָבות פון דער קירכע. און סוף כל סוף האָט ער טאַקע ניט געקאָנט געבן דעם גאַנצן פּאַנאַטיזם און די איינגעשפּאַרטקייט פון אַן עלעמענטאַרער מאַכט, וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם וועג פאַר דעם קריסטלעכן קולט און געבראַכט צו דער טראַנספאָרמירונג פון יעזוסן, אָדער ישוע בן יוסף, אין דעם קריסטוס־אידעאַל אָדער פאַרווירונג די פיקסירטע אידעע פון אַ משיח, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו די אומות העולם.

און דאָס איז דער „אַפּאָסטאָל פאַר די גוים", וואָס האָט געוויינט:

„איך בין געקרייציקט מיט קריסטוסן: דאָך לעב איך, און דאָך ניט איך נאָר קריסטוס לעבט אין מיר״, דער אייגנטלעכער שעפער און קריסטאַליזירער פון קריסטנטום, פון דער קריסטלעכער גלויבנס אידעע, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם אָביעקט פון זיין אייגענער שאַפונג.

אויפצופאַסן די דאָזיקע פערזענלעכקייט אין איר גאַנצן פאַרנעם (און אויף קיין קלענערער זאַך ווי דאָס האָט אַש זיך גאָר ניט פאַרמאָסטן, ווי עס זאָגט עדות דאָס דאָזיקע בוך פון וואָסערע 800 זייטן) האָט אַש זיך באַנוצט טאַקע מיט זיין אייגענעם אומפאַרענדערטן קינסטלערישן מעטאָד פון כמעט אויסערלעכן באַשרייבן און שילדערן דעם רעטזעלהאַפטן פול מיט אינערלעכע סתירות און קאָנפליקטן כאַראַקטער פון זיין הויפּט העלד, און האָט באַוויזן ווי אָרים זיין קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע איז און ווי אויסגעשעפּט איז זיין פּאָעטישע פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע. נאַטירלעך זעען מיר נישט בשום אופן ווי אַזוי עס איז אַזאַ פאַנאַטישער פרושי, בן פרושי, ווי עס ווערט פאַרגעשטעלט שאול פון תרשיש צום אָנהייב פון זיין קאַריערע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם עקסטאַטישן־קריסטלעכן מיסטיקער; אָדער ווי אַזוי פון אַלע ספקות, פאַרצווייפלונגען, סתירות און קאָנפליקטן וואַקסט אַרויס דער גאַנצער קאָמפלעקס פון אַ נייעם פאַנאַטיזם; ווי אַזוי דער שפּעטערער פאול האָט עס געקאָנט אַרויפצווינגען זיין פיקסירטע אידייע, געבאָרן פון האַלוצינאַציעס פון אַן עפילעפטיקער, ווי ער האָט עס געקאָנט פאַרשפּרייטן אַזוי ווייט און ברייט זיין משיח־אידייע און אַוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער רעליגיע.

וואָרעם עס איז איין זאַך צו באַשרייבן די אומגעבונג און אומשטענדן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די אידייע, כאָטש אויך דאָ איז שוין אַן אַן ערך אָפּגעשוואַכט און אויסגעשעפּט געוואָרן דער קינסטלערישער טאַלאַנט, אָבער דאָס טוען דאָך אָפט פיל בעסער די ליטעראַטור היסטאָריקער. אַ גאַנץ אַנדערע זאַך איז צו אויסגעפינען דעם וועזנטלעכן תוך און תמצית פון דער אידייע, איר לעבנסקראַפט, איר דינאַמיק, ווי עס דריקט זיך אויס און ווערט פאַרקערפּערט אין דער פיגור פון איר טרעגער און נאָכפאָלגער, ווי פרעמד די דאָזיקע אידייע זאָל אייגנטלעך פאַר אונדז נישט זיין.

בפרט, ווען אונדזער קינסטלער וואָלט אפילו פאַרמאָגט פאַר זיך די אויסגערייפטע און זעלבסטשטענדיקע אייגענע וויזיע פון דעם „אַפּאָסטאָל״, וואָלט דאָך זיין קינסטלערישער מעטאָד, דער עצם מאָדוס ווי אַזוי צו פאַרקערפּערן אין לעבעדיקע בילדער, דער אופן פון זיין

קינסטלערישן אויסדרוק, אים געשטערט צו דער פאָלקאָמער דערגרייכונג פון אַזאַ מין ווערק, ווי דער אַפּאָסטאָל.

האָבן מיר טאַקע אין דעם בוך די פולסטע באַשרייבונג פון די עקספּעדיציעס, וואָס דער הייליקער פּאול האָט געמאַכט, די אומענד־לעכע רייזעס קיין קאָרינטה, עפעסוס, אַטהענס, רוים אאז״וו און זיינע דרשות איבערגעבן מיט איבערפליסיקער און פאַרדריסיקער גענויאיקייט. כאָטש אַן „אַפּאָסטאָל פאַר די גוים״, קומט ער אומעטום און דערפרעגט זיך אויף יידן, ברידער פון זיין גלויבן, שאַפט ער אַ שפּאַלטונג אין דער יידישער קהילה און גרינדעט נייע קהלות און אין נאָמען פון זיין נייעם גלויבן ציט ער צו די גויים, וואָס „לעכצן״ נעבעך און גייען אויס ממש בלב ונפש צו באַקערן זיך צו יידישקייט און געניסן פון די יידישע גייסטיקע און גייסטלעכע פּריווילעגיעס, ניט ווילנדיק, פאַרשטייט זיך, ברייגגען קיין שום קרבנות פאַר דער זאַך.

„אין יענע טעג האָט פּאול געשפּראָכן פיל וועגן די גויים צו שמעון באַרנאַבו, דערציילט אונדז אַש, און האָט אים געלערנט צו זען דאָס גוטע אין זיי. קום און זע דעם חסד, וואָס גאָט האָט געטאָן מיט זיי דורך דער רעטונג, וואָס קומט פון משיחן. איידער נאָך זיי דערקענען אים האָט ער שוין אויפגעריכט זייער האַרץ צו פאַרשטיין אים — — — ווען דער גאָרטן ווערט געהיט און געפּלעגט פון דעם גערטנער, פאַר־זייט און פאַרפלאַנצט, אויסגעיעטעט און אָפּגעצוימט מיט אַ פּאַרקען צו פאַרהיטן פון חיות — וואָס איז דען דער וואונדער, אַז עס וואַקסט אויף גוטע פרוכט? די יידן זיינען די קינדער פון אברהם און זיי האָבן גע־ירשנט די גוטע מידה פון מיטלייד און רחמנות פון זייערע עלטערן. גאָט האָט עס באַנייט פאַר זיי דורך דער תורה, וואָס ער האָט זיי געגעבן אויפן באַרג סיני, אָבער ווען די גויים טוען דאָס זעלביקע, זיי, וועמענס גאָרטן איז קיינמאָל ניט געפּלעגט געוואָרן, ניט פאַרזייט און אויסגעיע־טעט, ניט פאַרצוימט אַרום, די גויים, וואָס האָבן קיין אברהם אָבינו ניט געהאַט, קיין באַרג סיני — איז גרויס דער וואונדער און דער חסד, וואָרעם זיי טוען עס קעגן זייער אייגענער נאַטור. זייער נאַטור זאָגט זיי: טו לויט דיין הארצנס פאַרלאַנג. און זיי טוען חסדים, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט מיר! זיי האָבן געלערנט דעם חסד פון מיטלייד אויס זייער אייגענעם האַרצן און זיי האָבן געשאַפן אַליין די גוטסקייט פון גאָטספורכט מיט זייערע אייגענע הענט. גרויס איז זייער פאַרדינסט! זאָל מיין חלק זיין מיט זיי! נון, קום און זע ווי די גויים לעכצן נאָך רעטונג און מיר האַלטן עס פון זיי. ווער זיינען די זינדיקע, מיר אָדער

זיי? גאָט האָט געעפנט די קוואַלן פון ישועה דורך ישוע דעם משיח; זאָל זי שטראָמען און באַפרוכפּערן די גאַנצע ערד — אַט אַזוי פאַר־וואַנדלט אַש אין אַ ר׳ לוי יצחק מבאַרדיטשעוו — פאַרטיידיקער און באַשיצער פון די גוים זיין הויפּט־העלד פּאול אין דעם דאָזיקן ווערק „דער אַפּאָסטאַל״.

„די פאַרשטענדניש פאַר די גוים, שילדערט אַש, די ליבע — ציִיטנווייז צו זיין אייגענעם שרעק — וואָס ער האָט אַנטדעקט אין זיך פאַר די פעלקער, האָט אים געפירט צום גלויבן אין אַ משיח, וועלכער זאָל אַרומנעמען אַלע פעלקער אונטער זיין מאַנטל. כאַראַקטעריסטיש איז ווי שלום אַש ברייננגט פאַלן צו רעווידירן לוקאַסעס שריפט. ווען ער, לוקאַס, לעזט פאַר פאַר פאולן די שטעלע: „און אונדזער האַר האָט פאַרזאָגט זיינע תלמידים, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט נישט גיין צו די גוים און אין די שטעט פון די שומרונים, נייערט צו די פאַרלאָרענע שע־פעלעך פון ישראל״, זאָגט צו אים פּאול: צו מיר האָט דער האַר געזאָגט אין בית־המקדש־הויף: „איך וועל דיך שיקן צו די גוים. דער האַר איז דער הערשער איבער אַלע מענטשן און איז געקומען צו ברייננגען אויסלייזונג צו יידן און גוים באַגלייך״.

איז עס זייער מערקווירדיק, אַז די דאָזיקע אויפפאַסונג פון דעם אַפּאָסטאַל פּאול האָט ניט נאָר געבראַכט אַשן זיין גרויסן קינסטלערישן דורכפאַל, נאָר אויך דעם קראַך פון זיין גאַנצן געדאַנקנגאַנג פאַר די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן, זיך פאַרמאָסטן צו אויסשפּרייטן זיין ווירקונג אויף די געזעלשאַפטלעכע צווישן פעלקערלעכע באַציאונגען אָדער גיכער צווישן יידן און קריסט־לעכע באַציאונגען.

אין אַ צייט, ווען דער היטלעריזם האָט נאָך געבושעוועט אין דער פולער מאַכט איבער גאַנץ אייראָפּאַ און האָט געדראָאָט צו פאַרניכטן דעם רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק און חלילה אָפּמעקן זיין זכר אומעטום, וואו ער האָט זיך פאַרקליבן, האָט די קריסטלעכע וועלט ניט געקאָנט זיך אָננעמען מיט מיטלייד צו אונדז און אַרויסצייגן אַ ווידערשטאַנד צו דער טייוולאָנישער רשעות, בפירוש אַפילו געגעבן איר שווייגנדיקע הסכמה, — איז אַש אַרויסגעקומען מיט דעם רוף צו גייסטיקער שלום און פאַראייניקונג צווישן די צוויי „שוועסטער״־רעליגיעס. אין דער דאָזיקער גייסטיקער פאַרברידערונג, פאַרשטייט זיך, דאַרפן די יידן דער עיקר אויסשטרעקן די האַנט פון שלום און פאַרגעסן

און פאַרגעבן. אמת, ער האָט אין דעם „אַפּאָסטאָל" זיך געשטעלט דעם נאָבעלן צוועק בכדי צו שעפן באַגייסטערונג פאַר זיינע לאַנג צעצוי־גענע מיזאַמע קריסטלעכע ווערק האָט ער דאָך געשאַפן די אילוזיע אַרויסצוברייגגען דעם מאור היהדות, דעם גרויסן יידיש־עטישן ווערט פאַר דער וועלט, וואָס דאָס יידנטום האָט פאַרזייט אין דער קריסט־לעכער אמונה.

אַזוי בעט אַש אין זיין קורצן עפּילאָג:

„איך דאַנק דיר און לויב דיך, האַר פון דער וועלט, וואָס האָסט מיר געגעבן כח צו ביישטיין די נסיונות און איבערקומען אַלע שטערונגען. די, וואָס איך האָב זיך געשאַפן, און די וואָס אַנדערע האָבן מיר געשטעלט און צו קאָנען פאַרענדיקן די ביידע ווערט ,דער מאַן פון נצרת' און דעם ,אַפּאָסטאָל', וואָס זיינען איין ווערק; אַזוי אַז איך זאָל אין זיי פאַרשטעלן די פאַרדינסטן פון פאָלק ישראל, וועמען דו האָסט דערווײלט צו ברייגגען דאָס ליכט פון גלויבן צו די פעלקער פון דער וועלט, פאַר דיין רום און אויס ליבע צו דער מענטשהייט".

אָבער דאָס אַריינטראָגן אַפילו אַזעלכע גוטע כוונות אין קינסט־לערישן שאַפן האָט נאָר געקאָנט רואינירן אינגאַנצן אָדער ווייניקסטנס אָפּשוואַכן דעם עפעקט פון אַזאַ אינטואיטיוון קינסטלערישן שאַפן אַשעס, וואָרעם אין בעסטן פאַל האָט ער אַריינגעבראַכט טענדענצן, דיגרעסיעס, זייטיקע אַרויסטרעטונגען פון זיינע דירעקטע שילדערונגען, האָט אומ־נויטיק געגעבן זיינע אייגענע אידייען, רעפלעקסיעס און באַטראַכטונגען, סברות און השערות, וועלכע האָבן קיינעם ניט באַקערט און קיינעם ניט אויסגעבעסערט. אָט דאָ, אין „דעם אַפּאָסטאָל", האָט אַש כמעט מיט אַמאָל אַנגעוואוירן דעם קינסטלערישן באָדן. זיינע אַלע פיגורן זיינען גיכער מאַריאָנעטן, פאַרגליווערטע, אָן דעם לעבעדיקן ריר און באַוועג־לעכקייט. די אָפּטע דיספוטן און דרשות, אַזוי צו זאָגן, דער איבערפלוס פון רעטאָריק, פון רייד אַנשטאָט מעשים, די פּראָפּאַגאַנדע דרשות פון פאולן — מאַכן דעם איינדרוק פון טעאָלאָגישע וויכוחים איידער פון קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען און דער גאַנצער ספור המעשה שלעפּט זיך נאָך בלויז ווי דורך אינערציע פון זיין קינסטלערישן טעמפּעראַ־מענט. און אַזוי ווי דער אויטאָר באַטראַכט דעם איצטיקן צווייטן בוך אַלס נאָכפאָלגער, וואָס איז משלים דאָס „גרויסע ווערק" וועגן קריסטנטום איז עס גיכער דער אַנטי־קלימאַקס פון דעם „מאַן פון נצרת" און, ווי

מיר שיינט, דער קלימאַקס פון זיין נייער ווענדונג, וואָס ער האָט אָנגענומען די לעצטע יאָרן אין זיין שאַפן.

אין דעם עסטעטיש קינסטלערישן אויסדרוק, אין דער פּאָרטרעטירונג פון דער צענטראַלער און נעבנזייטיקע פיגורן און אַפילו אין די סצענעס און בילדער פון דער היסטאָרישן הינטערגרונט, שטייט דער אַפּאָסטאָל אַ סך נידעריקער פון דעם „מאַן פון נצרת" און נידערט כמעט צום אָפּגרונט פון אומאויפריכטיקייט און ניט־אויסגעהאַלטנקייט. ניט אומזיסט וואַרפט אים פאַר אַ טעאָלאָגישער קריסטלעכער קריטיקער אין אַ קאַטוילישן זשורנאַל: „איז עס מעגלעך, אַז אַ רעליגיעזער לערער זאָל זיך דערנענטערן וואָס ווייטער צו זיינע ראַסן און גלויבנס ברידער אין דער זעלבער צייט, ווען ער אַנטוויקלט די דאָקטרין, וואָס איז דער פונדאַמענטאַלער פונקט פון שפּאַלטונג צווישן זיי?" אַזוי פרעגט אָפּ דער רעצענזענט די ניט־אויסגעהאַלטנקייט אין אַשעס צופיל פאַריידישונג פון פאולן און אין זיין איינגעשפּאַרטן און איינגעקלאַמערטן ווילן צו מאַכן אים פאַר דעם אויטאָר פון קריסטנטום. און אָט איז אַ ריינער מוסטער פון אַשעס „קינסטלערישער" טעאָלאָגיע — — „און אויב אַזוי איז דאָך דער משיח דער העכסטער ווילן פון גאָט, ער איז העכער פון חכמה, ווייל חכמה איז די אָנווענדע באַדינגונג פון שאַפונג. משיח איז די העכסטע אַבזיכט פון דער יצירה, איר שטרעבונג צו השלמה, צו באַפרייאונג פון דער ערדישער נאַטור; דער באַשאַף איז פאַרבונדן מיט דער גאָטהייט ניט דורך חכמה, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך בלויז געזעצן און מצוות — נאָר דורך דער טבע פון גאָט, וואָס איז מעגלעך נאָר דורך אויסלייזונג... משיח איז די העכסט אָנשטרענגונג פון דעם אוניווערז, אָן אים האָט די יצירה קיין זינען און קיין צוועק... פונדאַנען פאָלגט, אַז משיח איז גאָטס זון, ניט ווי די חכמה, וואָס איז נאָר די טאָכטער פון הימל, באַרירט בלויז מיט דער אייגנשאַפט פון גאָט; ער איז דער זון, וואָס טראָגט אויס צוזאַמען מיט גאָט אונדזער באַפרייאונג פון דער נאַטור און אונדזער פאַראייניקונג מיט גאָט. דורך אים ווערן מיר ווי מלאכים; דורך אים דערהויבן מיר זיך צום אייביקן לעבן; דורך אים ווערן מיר אויסגעלייזט פון אונדזער אומפאָלקאָמענהייט און דערגרייכן די העכסטע השלמה מיט דער לייטזעליקייט פון גאולה.

און אויב דאָס איז אַזוי — דאַן איז ישוע דער, וואָס איז פאַרפאָלגט געווען, וואָס האָט געלעבט מיט אונדז, וועלכער איז געקומען פון דעם אָרעמען שטעטל נצרת, וואָס האָט געפּרעדיקט אין בית־המקדש־הויף, וועלכער איז ניט אַנערקענט געווען ביי זיין לעבן, ווען מען

האָט געכאַפּט, געבונדן און געשלאָגן און פאַרשעמט. ער, וואָס האָט אויסגעליטן די פּיין פון דעם קרייץ, דער דאָזיקער ישוע איז דער משיח, די העכסטע אויסשטראַלונג פון געטלעכקייט, גאָטס אויסלייזונג פאַר דעם אוניווערז, דער העכסטער ווילן און די העכסטע חכמה, דער זון פון גאָטט" — — —

נישט אומזיסט האָט מסתמא אַש אַליין דערשפּירט, אַז דאָס איז דאָס גויאישסטע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יידיש, וואָס איז אַן אָפּלייקונג פון אים זעלבסט, פון זיין יידיש קינסטלערישן און גייס־טיקן איך און האָט שוין דעם אַפּאָסטאָל ניט אַרויסגעגעבן אין דעם יידישן אָריגינאַל. ווען דער אַפּאָלאָגעטישער כאַראַקטער פון זיין נייער ווענדונג איז אַזוי אָפן, אַזוי אומדיסקרעט אַרויסגעטראָטן אין דעם אַפּאָסטאָל און זיין פּרעדיקט פון גוטן ווילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם האַלב־בעלעטריסטישן ווערק, איז דער ענטוזיאַזם אין דער אַמעריקאַניש־ענגלישער ליטעראַטור אָפּגעקילט געוואָרן פאַר אים.

אין דעם אַפּאָסטאָל האָט שלום אַש דערגרייכט דעם נידעריקסטן פּונקט פון זיין פּאָעטישן קינסטלערישן שאַפן. זיין קינסטלערישער טעמפּעראַמענט, זיין שעפערישער אימפּעט לאָזט אים אָבער ניט זיך אָפּשטעלן און אָפּוואַרפן פון זיך מיט אַמאָל דעם שטויב, די פאַר־פלאָנטערונג פון די נייע אידייען און געדאַנקען וואָס האָבן אים באַהערשט.

אַש איז פאַראורטיילט געווען צו דורכמאַכן דעם גאַנצן ציקל פון אַ נייער ווענדונג, וואָס האָט געריכטעט זיין שעפערישקייט. אורטיילנדיק פון דעם דריטן ווערק אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס אַש האָט לעצטנס געשאַפן וואָלט מען געקאָנט אפשר זען סימנים און צייכנס פון זיין צוריקקער צום אייגנטלעכן קינסטלערישן באָדן, הגם ער איז פאַר־גאַנגען אַ היבשן מהלך פון זיך זעלבסט.

3

„איסט ריווער"

דער נייסטער ראָמאַן פון שלום אַש, וואָס גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיט צווישן פעלקערלעכע און רעליגיעזע באַציאונגען, ד. ה. צווישן יידישן און קריסטלעכן גלויבן, איז אַ ווייטערער רינג אין דער זעל־ביקער קייט, ווי די צוויי פריערדיקע ווערק „דער מאַן פון נצרת" און „דער אַפּאָסטאָל".

ניט נאָר דער אַלגעמיינער גייסט פון נייעם ווערק, הגם אין נייער ווערסיע, נאָר אַפילו דירעקטע שפּורן און צייכנס און דעם מחברס אייגענע אויסערונגען זאָגן עדות אויף דער פאַרוואַנדשאַפט און אינ־טימער שייכות מיט זיין גאַנצן קרייז שאַפן פון דער לעצטער צייט. גראַדע האָט אַש איצטער, אין דעם נייעם ווערק, זיך אומגעקערט צו דער היינטצייטיקער רעאַלער ווירקלעכקייט, זאָגאַר אויף דעם אַמערי־קאַנישן באָדן, וואו ער שילדערט אַ שטיק עמיגראַנטיש לעבן. דער שטח פון ראָמאַן „איסט ריווער" געפינט זיך אויף דער 48טער גאַס אין ניו יאָרק צווישן דער ערשטער עוועניו און דעם איסט ריווער.

אָט דאָ, הייסט עס, גרופּירן זיך צוזאַמען איטאַליענער, יידן, פּוילישע, אונגאַרישע, דייטשישע עמיגראַנטן מיט זייערע הי־געבוירענע קינדער — אַ קאַנגלאָמעראַט פון פעלקער און שפּראַכן.

אַז „איסט ריווער" געהערט צו דער לעצטער משפּחה פון אַשעס ווערק קאָנען באַשטעטיקן די פילע שטעלן, למשל, וואָס שווימען אַרויס פון די שילדערונגען און באַשרייבונגען.

אָט זיינע אַ פּאָר באַשרייבונגען:

„דאָס בערדל גיט אים, (נייטענען — ש. ל.) צו דעם אָנבליק פון פרומער גייסטיקייט, אַ געשטאַלט, וואָס וואָלט געווען אין אַ וויזיע אַהערגעשוואומען צו דעם רוישיקן איסט־ריווער פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ הערזאַישן לעבן, וואָס האָט פאַרצייטנס זיך אָפּגעשפּילט אין די גאַסן פון ירושלים. דער צווייטער יונגערמאַן מאַכט אויך אַן איינ־דרוק מיט זיין אָנבליק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט פאַרלאָזט די שוואַרצע ענטוזיאַסטישע מאַסע, וואָס האָט באַגלייט דעם פּרעדיקער פון מלכות־שמים צום בית־המקדש־הויף" — — —

אָדער אין מיטן פון דער שילדערונג פון דעם סדר ביי משה־וואָלף דאַווידאָווסקי, וואו זיין איירישע שנור, מערי, מיט דעם געטויפטן גויאישן אייניקל זייגען אָנוועזנד: „עס האָט אויסגעוויזן אַז אַלץ, יעדער קליינער דעטאַל, איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער טראַדיציע און איז זייער וויכטיק און הייליק, אָפּשטאַמענדיק פון יענער צייט, ווען קריסטוס האָט זיך געפונען אויף דער ערד אין ירושלים... זי (מערי — ש. ל.) האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין לעצטן מאָלצייט מיט די אַפּאָסטאָלן. עס איז אויך געווען אין אַזאַ אויבער־שטיבל. די דאָפּלטע הייליקייט, וואָס זי האָט דערזען און דערפילט אין דעם סדר־טיש, די הייליקייט פון דער יידישער טראַדיציע, די הייליקייט פון דער שייכות, וואָס דער טיש האָט מיט יעזוסן אין דער פּסח־נאַכט אין ירושלים" — — —

די צייט, אין וועלכער דער ספור־המעשה קומט פאָר אין דעם נייעם ראָמאַן, איז דער פּעריאָד פון 1910 ביז 1918, ווען דאָס יידיש לעבן אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן האָט זיך שוין אָנגעהויבן מער אָדער ווייניקער אויספאָרמירן, עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ געזעל־שאַפטלעך לעבן, און עס האָבן זיך באַוויזן די נייערע שפּראָצונגען אין דעם אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי באַוואוסט, האָט שלום אַש אין זיין ווערק „אָנקל מאָזעס״ אונדז געגעבן דעם ראָמאַן פון דער פריציייטיקער, הגם אויסשליסלעך יידישער עמיגראַציע און עמיגראַנטן־דור, וואָס האָט נאָך געטראָגן דעם יידיש־לעבן כאַראַקטער פון דעם היימישן „שטעטל״, כאָטש נייע ווינטן האָבן שוין אָנגעהויבן בלאָזן מיט די נייע סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אַש אַליין איז נאָך דאַן געווען דער יידישער אינטעגראַלער קינסט־לער וואָס האָט אַפילו פון סאַמע אָנהייב כמעט פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע געהאַט גרויסע אַמביציעס אַרויסצוטרעטן אין דער גרויסער גויאישער וועלט און האָט דערביי אונטערגעזינדיקט אין דער טעמאַטיק פון זיין שאַפן, מיט אַזעלכע ווערק ווי „גאָט פון נקמה״, למשל, בכדי נושא־חן צו זיין דאָרטן.

אָבער פונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל ניט פאַרראָטן זיין קינסטלע־רישן אינטואיטיוון תוך פון שאַפן, האָט זיך ניט געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט מיט פילאָזאָפישע און רעליגיעזע ספּעקולאַציעס, וואָס זיינען אים געווען לחלוטין פרעמד.

אַש האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן אַפילו מיט דעם נייעם פּסיכאָ־לאָגישן אַנאַליז, מיט פאַראַלגעמיינערונג פון איינצעלנע אינדיווידועלע טיפּן און העלדן, בכדי צו פאַרוואַנדלען זיי אין סימבאָליש־אוניווער־סאַלע אָנדייטונגען און אָנצייכענישן פאַר דעם לעזער און קריטיקער.

אַזוי ספּעציפיש־בילדלעך און רעאַל האַרט־ביי־דער־ערד זיינען זיינע איינצעלנע פיגורן און גאַנצע גרופּן געווען און אַזוי פיל מיט דעטאַלן און פּרטים, מיט איינצלהייטן, וואָס ער האָט דייטלעך געזען אין דער ווירקלעכקייט אָדער אין זיין פּאָעטישער פאַרשטעלונג, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל ביז דער לעצטער ווענדונג זיך ניט געניויטיקט אין זייטיקע אַרויסטרעטונגען און אָפּטרעטונגען פון דער שילדערונג און דערציילונג צו ברייגנען אַ מוסר־השכל, אָן אייגענע באַטראַכטונג און אָנמערקונג.

אמת, אין „די דריי שטעט״ איז דאָ אַ פאַרפלייצונג פון רעטאָריק און צייטונג־רעפּאָרטאַזש. דאָך שטייט די דאָזיקע טרילאָגיע לגמרי ניט אויף

דעם שפּיץ פון זיין שאַפן און דער זייטיקער מאַטעריאַל איז דאָרט אָנגעהויפט און אַפילו ניט קינסטלעריש פאַרדייעט פון אַשן אַליין.

אין דער נייער ווענדונג, אָבער, האָט אונדזער קינסטלערישער שאַפער מיט אַמאָל גענומען אונדז שפּייזן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, באַטראַכטונגען, סברות און השערות, מיט וועלכע ער פאַרלויפט דעם וועג זיינע העלדן און לאָזט זיי ניט זיך אויסדריקן לויט זייער אינער־לעכער לאָגיק, לויט זייער אייגענער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.

אַזוי אַרום האָט שלום אַש אָנגעהויבן שאַפן סכעמאַטישע פיגורן, סתם־סינטעטיש צוזאַמענגעקנייטע און צוגעטראַכטע לויט די פיקסירטע אי־דייען פון דעם מחבר, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין אייגענעם פּרצוף־פּנים, קיין אייגענע געפילן און געדאַנקען און לעבן מיט דעם חסד פון זייער באַשאַפער. אַזאַ סינטעטיש־קינסטלעכע פיגור אין „איסט ריווער" איז די פערזאָן פון משה־וואָלף דאַווידאָווסקי, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ בכבודיק פּלאַץ, אויב ניט דעם אויבנאָן אין דעם נייעם ראָמאַן...

„משה וואָלף, כאָטש זיינע באַליגטע פיר קלאַסן גימנאַזיע האָבן אַמאָל געשניטן אַ מחיצה צווישן זיינע בית־המדרש חברים און אים אין דער אַלטער היים, האָט, אָבער, דאָ אומגעוואָרפן די מחיצה נישט צו קאָנען זיך צופרידנשטעלן מיט די לעקציעס פון די ראַדיקאַלן, וואָס ער פלעגט אַמאָל גיין הערן. כדי צו געפינען חיונה פאַר זיין אויסגע־הונגערטער נשמה, האָט ער דאָ אין אַמעריקאַ אינגאַנצן פאַרלוירן זיין משכילישקייט און איז אַריינגעפאַלן צוריק אין דעם חסידישן שניט פון זיין יוגנט" —

אַזוי סכעמאַטיש, אָן שום פאַרבינדונגען און ענטוויקלונגען, שטעלט אַש אויף די דאָזיקע אידעאַלסטע פיגור אין זיין ראָמאַן און באַשיינקט אים נאָך מיט פילע אַנדערע מעלות טובות, כאָטש דער דאָזיקער משה־וואָלף איז ניט מער ווי אַ קרעמערל, אַ קליינטשיק אויף דער אַכט־און־פיציקסטער גאַס.

„משה־וואָלף, כאַראַקטעריזירט ווייטער אַש, איז געווען די שנעלע הילף פאַר דער אַכט־און־פערציקסטער גאַס. וואָס פאַר אַ צרה עס האָט געטראָפן ועמען אויף אָט דער גאַס איז ער ניט געגאַנגען צו קיין דאָק־טאָר, איז געגאַנגען צו דער גראָסערי צו באַראָטן זיך מיט דאַווי־דאָווסקין. האָט זיך ווער אַ שפּליטער פאַרשטאָכן אין האַנט, האָט דער ווינט פאַרטראָגן ועמען אַ שפּרינקל אין אויג, האָט ווער באַקומען אַ שווערן בויכווייטאָג איז מען געגאַנגען צו דאַווידאָווסקין. אין דאַווי־

דאָווסקיס קרעמל האָט מען באַקומען רפואות פאַר אַלע חולאתן, מיט וועלכע ער האָט געהיילט זיינע קראַנקע״ — — —

אַזוי האַלט אַש אין איין אָבסטראַאירן און אַנטוויקלען אַזעלכע מאָדנע שטריכן אויף דער פיזיאָגנאָמיע פון משה־וואָלף דאַווידאָווסקי, וואָס ווייזט אַליין קיין סימן פון לעבן סיידן אין זיינע פּאַטערלעכע האַרציקע באַציאונגען צום פּאַראַליזירטן עלטערן זון, נייטעז, וועמען דער אומגליק האָט געמאַכט אַזוי הילפלאָז. אַש נוצט אויס זיינע הויפּט־זעכלעך אומרעאַלע, סינטעטישע פיגורן, פּונקט אַזוי ווי די נעבנזייטיקע און מער רעאַליסטישע און לעבעדיקע פּערזאָנען, אויסצודריקן די נייערע ווערסיע פון זיינע אידייען און געדאַנקען, וואָס באַהערשן אים, נעמלעך, אַז די ריינע אמתדיקע רעליגיעזע געפילן און עמאָציעס ברייגנען מיט זיך טאָלעראַנץ צווישן די פאַרשיידנסטע פעלקער און מאַסן, די עכטע רעליגיאָזיטעט עלימינירט די שפּיציקע קעגנזאַצן און אַנטאַגאָניזמען און איז גובר יעדן פאַראורטייל, אַפילו די טיפסטע איינגעוואָרצלסטע טראַדיציעס. אָט־די אמת־רעליגיעזע נאַטור ווערט פאַרגעשטעלט, דער עיקר, אין דער פּערזאָן פון משה־וואָלף, וואָס זאָל דווקא אַלס פרומער ייד, וועלכער איז אַזוי געטריי דער יידישער מסורה און דער גאַנצער ירושת־אבות און היט אָפּ יידישקייט לויט אַלע תגן, זיך אַריינפּאַסן אין די נייע טעאָריעס פון אונדזער קינסטלער. אגב אורחא, זעט אויס ווי אַש וויל דאָ פאַרגיטיקן דאָס יידישע פאָלק פאַר זיינע זינד און פאַרשולדיקן זיך קעגן זיין אייגענעם אָפּשטאַם מיט זיין „גויאישקייט־אָפּנויג״ אויף דעם לעצטן ליטעראַרישן עטאַפּ.

ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אין אַ געוויסן זינען חרטה האָבן און תשובה טאָן פאַר זיינע „גויאישע״ סימפּאַטיעס, וואָס ער האָט אויס־געקליבן אַרויסצוזאָגן אין אַזאַ גרויזאַמער און קאַטאַסטראָפאַלער צייט פאַר דעם יידישן פאָלק, וואָס איז דאָך פאַראורזאַכט געוואָרן טאַקע פון דעם אָביעקט פון זיינע נייע סימפּאַטיעס.

האָט ער אויסגעוויילט, הייסט עס, איצטער דווקא דעם פרומען משה־וואָלף, דעם יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע, פאַרקנאָטן אין פרומקייט און יראת־שמים, אין ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט — צו איבערברעכן זיין פאַרעקשנטע יידישקייט, מוותר זיין אויף זיינע אינטימסטע רעליגיעז־יידישע געפילן און איבערוועגדן זיך זעלבסט אין דעם אינערלעכן שוידערלעכן קאַמף און אַריינגעמען צו זיך אין הויז אַ גויאישע שנור מיט דעם אָפּגעטויפטן אייניקל — און מצדיק זיין דעם דין אויף זיך און אויף זיינע

בני־בית. אַש האָט אפשר פלייסיק שטודירט און ערנסט זיך פאַרטראַכט איבער די פּראָבלעמען, וואָס באַאומרואיקן די מענטשהייט בכלל און דעם יידישן פאָלק בפרט, אָבער די דאָזיקע פּראָבלעמען, טראַנספּערירט אין זיין קינסטלערישן שאַפן, זיינען געבליבן קינסטלעריש אומפאַר־ווירקלעכט און אומפאַרענטפערט.

„אַזוי ווי דער קריסט טראַכט וועגן אונדז יידן, אַזוי טראַכט דאָך יעדער פרומער ייד וועגן זיי, די קריסטן און אַזוי טראַכט איין קריסט־לעכע כיתה וועגן דער צווייטער — די קאַטאָליקן וועגן די פּראָטעס־טאַנטן, די פּראָטעסטאַנטן וועגן די קאַטאָליקן. קיינער פון זיי האָט נישט געגנוג לאַנג און ברייט אויסגעשפּרייט דעם מאַנטל פון גאָטס חסד, אַז ער זאָל אַרומנעמען און צודעקן אַלע מענטשן". — — —

אַזעלכע און ענלעכע „אָריגינעלע" רעליגיעז־פילאָזאָפישע געדאַנקען האָט עס אַש געוואָלט און געזאָלט פאַרקערפּערן אין זיינע נייע ווערק, אָבער דורך דעם האָט דער גרויסער קינסטלערישער טאַלאַנט שיר ניט באַנקראָטירט, וואָרעם אַזוי ווי אין „דער מאַן פון נצרת" און „דער אַפּאָסטאָל" האָט אַש ניט געשאַפן מיט קינסטלערישע וויזיע, אַזוי האָט ער ניט געלאָזט אַפילו זיינע פיגורן צו אַנטוויקלען זיך און זיך זעלבסט אויסדריקן צוליב זיין אַבזיכטלעכער אַריינמישונג און זעלבסט־באַשטימונג, צוליב זיין אייגענער פילאָזאָפירונג אויך אין דעם איצטיקן ווערק „איסט ריווער".

„נייטען האָט געפונען זיין גאָט, באַשרייבט אַש, נישט דורך די־רעקטע מיטלען, נאָר דורך אומדירעקטע, דורך אונטער־קאַנאַלן, נישט דורך משיג זיין און גלויבן, נאָר דורך ליבע און עבודה. די עבודה פון גאָט איז די עבודה פאַר דעם מענטשן. דעם נישט באַגרענעצטן אוניווערסאַלן אינטעלעקט; און דעם אומבאַגרענעצטן כח פון זיין גאָט האָט ער געזען אין דער ליבע, אין דער ליבע צום באַשאַף, צו דער וועלט, צום מענטש און צום אייביקן יש, צו באַוועגלעכן יש, וואָס שפּינט אייביק די צוקונפט, וואו עס הערשט דער גרעסטער תכלית פון דעם באַשאַף" — — —

אַזוי גייט אַש דורך דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון דעם פּאַראַלי־זירטן יונגען אַמעריקאַניש־יידישן אינטעלעקטואַל, בכדי „פּסיכאָלאָגיש" צו באַגרינדן און אַריינדרינגען אין דעם כאַראַקטער פון דעם יונגערן דור אין אַמעריקע.

פונדעסטוועגן איז אין „איסט ריווער" דאָ אייניקע קינסטלעריש פאַרווירקלעכטע פּערזאָנען, וואָס גיבן גרונט צו דענקען אַז אונדזער

פּאָעטיש־קינסטלערישער שאַפער איז נאָך ביכולת צוריקקערן זיך צו זיין אייגנטלעכן עלעמענטאַרן אינטואיטיוון שאַפן אָן זייטיקע פּניות און באַזונדערע כוונות, אויב ער זאָל נאָר אויסניכטערן פון די פיקסירטע אידייען זיינע און דערזען די געפאַר, וואָס עס שטייט אים פאַר אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע. אויך די עלטער זאָל ניט פאַרשעמען די יוגנט.

צווישן די געלונגענע פיגורן און געשטאַלטן, וואָס זיינען לעבהאַפט אַרויסגעבראַכט אין „איסט ריווער" טראָץ דעם מחברס שטערונג און אַרויפצווינגען, טיילט זיך באַזונדערס אויס די גויאישע שנור פון די דאַווידאָווסקיס, די פרוי פון משה וואָלפס צווייטן זון, אירווינג, דעם דערפאָלגרייכן פאַבריקאַנט. דאָס קאַטוילישע שיקסל, מערי מעקאַרטי, וועלכע האָט אַ מין מיסטישע ליבע צום קריפּל בייטענען און ווערט דערנאָך זיין ברודערס, אירווינגס, ווייב, איז מערקווירדיק לעבהאַפט געשילדערט מיט אַלע אירע רעליגיעזע ספּאַזמען און איר געהיימען אָפּשמדן דאָס קינד.

„און מיט אַמאָל האָט זיך איר אָפּגעדאַכט (אין דער קירך פאַר דעם בילד פון דעם געקרייצטן — ש. ל.) אַז זי זעט פאַר די אויגן נייטענס קערפּער. נייטענס געליימטקייט, נייטענס אומבאַהאָלפנקייט האָט זי געזען אין דעם געקרייציקסטנס פיס. אויך דער געקרייציקטער קאָן זיך ניט באַוועגן מיט די פיס, ווייל זיי זיינען צוגעקלאַפּט מיט אַ נאָגל דורך דעם לעבעדיקן פלייש אין האָלץ אַריין.

„און אַזוי זיינען אויך זיינע הענט" — — —

און ווען זי קומט צום יידישן שווער, צו משה וואָלף, אין הויז ווערט זי באַזעלט מיט לייד צום אַלטן יידן און איז מתפּלל פאַר אים.

„דו זעסט, הייליקע מוטער, ער, דער אַלטער ייד, איז אַזוי גוט געווען צו מיר ווען איך בין געווען אַ קינד. ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין אַ גרויסער נויט און איך בין אַזוי שלעכט געווען צו אים, האָב אים אַזוי פיל צרות פאַרשאַפט" — — —

און דאָך קאָן זיך אַש נישט אָפּהאַלטן אינגאַנצן פון זיינע בייע סימפּאַטיעס און ער ברענגט זיי אַריין און וואַרפט זיי אַרויף אויך אויף דער קאַטוילישער מערי...

...„האָט זי ערשט איינגעזען, וואָס עס הייסט פאַרן יידן דער אויפהאַלט פון דער אמונה פון זיינע אבות. אָפטמאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז משה־וואָלף איז נישט איין מענטש, איין ייד, נאָר ער איז

אַלע יידן צוזאַמענגעקנאַטן אין אים, אַז אַלע זיינע דורות, גאַנץ ישראל פון ערשטן אָנהויב שטייען הינטער אים, זיינען אין אים און דורך זיין קאַמף קעמפט עס אויס פון גאַנץ ישראל אַ באַציאונג צו זיין אייניקל. ער ראַנגלט זיך מיט דורות צו געבן זיין אייניקל אַ פּלאַץ אין זיין האַרצן און ער טוט עס אויפן חשבון פון זיין שלווה, פון זיין מנוחה, פון זיין לעבן. ער איז אַלץ מקריב פאַר זיין ליבע" — — —

אַזעלכע געדאַנקען און געפילן ווערן עס צוגעשריבן צו דער קאַטוי־לישער, ניט רעפלעקטירנדער, נאָר רעליגיעז־היסטערישער, איר־ישער יונגער פרוי, וואָס זאָל באַדייטן די טאָלעראַנץ און דעם גוטן־ווילן, מיטלייד און מיטגעפיל צווישן טיף רעליגיעזע נאַטורן, כאָטש פון פאַר־שידענע און קעגנגעזעצטע רעליגיעזע גלויבנס.

אַזוי אַרום, טראָץ דער באַמיאונג אַבזיכטלעך צו פאַרווירקלעכן זיינע אידייען אין קינסטלערישע בילדער, וואָס האָט געדראָעט צו פאַרניכטן יענע קינסטלערישע אָנשטרענגונג זיינע, איז אַשן דאָך געלונגען טיילמאָל און טיילוויז ווידער אויפצואוועקן זיין יידיש קינסטלערישן דראַנג און אויפוואַכן צו נייעם עכט קינסטלערישן שאַפן.

עס איז גאַנץ מעגלעך אַז אַש הויבט אויף דעם מאָמענט אָן אַליין צו זען, ווי ווייט ער איז פאַרגאַנגען מיט זיין נייער ווענדונג און ווי געפערלעך עס איז דער וועג, אויף וועלכן ער איז באַטראָטן.

געדאַנקלעך און אין דעם אַבסטראַקט זיינען די נייע באַהערשנדיקע אידייען פון אַשן דורכגעפירט געוואָרן אין „איסט ריווער" ביז צום לעצטן לאַגישסטן שלוס, באַזונדערס אין דער פערזאָן פון משה־וואָלף. אין „איסט ריווער" האָט ער רעזומירט און געגעבן דעם סך־הכל פון זיין נייער ריכטונג, וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם גרויסן קריזיס אין זיין שאַפן. אויב אָבער די ווייטערע סימנים און פּאָזיטיווע צייכנס, וואָס קאָ־נען מעגלעך צייגן אויף דעם צוריקקער צום עכטן קוואַל פון זיין קינסט־לערישן שאַפן, וואָלטן ניט געווען אַזוי פאַרפירעריש — וואָלט מען געקאָנט דענקען אַז מיט דעם נייעם ראָמאַן „איסט ריווער" זאָל זיך די לעצטע זעלבסט־פאַרניכטנדיקע ווענדונג אָפּשליסן אין אַשעס שאַפן און דער גרויסער יידישער קינסטלער זאָל זיך אומקערן צוריק צום אייגענעם עיקר פון שאַפן.

4

„מערי״

מיט זיין ראָמאַן „מערי״, וואָס איז פּונקט ווי „דער אַפּאָסטאָל״ נאָך ביז איצט ניט דערשינען אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס ווערק איז אָנגעשריבן, האָט שלום אַש פאַרענדיקט די אייגנטלעכע טרילאָגיע פון דעם קריסטלעכן מיטוס.

אין דעם ראָמאַן „איסט ריווער״, וואָס איז אָנגעשריבן אינצווישן האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז מען קאָן געפינען צייכן פון צוריק־טריט פון דעם יידישן קינסטלער פון דער פרעמדער און שעדלעכער פאַר אים אַטמאָספערע, סימנים פון זיין צוריקקער, אפשר נאָך ניט איינגאַנצן באַשטימט און אויסגעשפּראָכן, צום עכטן קוואַל פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

אַש האָט אָבער שוין געהאַט אינוועסטירט כמעט אַ צענדליג יאָרן אין זיין נייעם קינסטלערישן קורס, אין די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען פאַר אַ נייער טעכניק, פאַר אַ נייער טעמאַטיק, פאַר דער קריסטלעכער לעגענדע און מיטוס פון יעזוס און דער געבורט פון קריסטנטום.

מיט זיין געוואַגטקייט און אַמביציע האָט ער ניט געקאָנט זיך פאַרגינען צו דורכלאָזן אָדער ניט צו אויסשעפּן דעם גאַנצן מיטוס פון ישו הנוצרי און פאַרבייגיין די „הייליקע מוטער״ אפשר די לעבעדיקסטע פיגור, וואָס סימבאָליזירט איינעם פון די „דרייאייניקייט״ עיקרים פאַר קריסטלעכע רעפּראָדוקציע.

האָט דאָך דער קינסטלער אין „מאַן פון נצרת״ און „אַפּאָסטאָל״ צופיל באַוואוסטזיניק מאַניפּולירט מיט צוגעטראַכטע און פאַר די פיקסירטע אידייען צוגעשניטענע וויזיעס און בילדער, אָדער זיך גאָר געלאָזן אויף פאַלשער טעאָלאָגיש־קריסטלעכער רעטאָריק, ווי מיר האָבן געזען אין די פאַריקע קאַפּיטלען.

אין זיינע קינסטלערישע באַמיהונגען האָט אַש, ווייזט אויס, נאָך אַלץ ביז איצט ניט איינגאַנצן געקאָנט און געוואָלט אַסימילירן דעם רויען שטאָף פון דער עוואַנגעליע, אויף וועלכן ער באַזירט זיינע ווערק. אַלס שעפערישער קינסטלער האָט אונדזער ראָמאַניסט זיך נאָך געראַנגלט און געשטיקט אין זיך איידער ער איז איבערגעקומען די פרעמדקייט און דעם קאָנטראַסט פון אַזאַ קעגנזעצלעכע צום יידישן שעפערישן

געניוס רעליגיעזע היסטאָרישע דערשיינונג, כאָטש זי איז אַרויס־געוואַקסן פון יידנטום.

איצטער, אין דעם ראָמאַן „מערי", האָט אַש געזאָלט קאָמבינירן איינעם פון זיינע אינטימסטע מאָטיוון, וואָס האָבן אים אַזוי פיל אינס־פּירירט במשך פון זיין גרויסער ליטעראַרישער קאַריערע, מיט דעם קריסטלעכן מיטוס, דעם מאָטיוו וואָס האָט אים אַזוי צו זאָגן געזאָלט דערוואַרעמען און אַריבערטראָגן אין דעם קרייז פון זיינע אייגענע עקזאַלטירטע עמאָציעס און לירישקייט.

דער מוטער מאָטיוו איז פאַר אים שטענדיק געווען דער קוואַל פון אינטואיטיוון אונמיטלבאַרן שאַפן פון בילד און וויזיע, וועלכע ער האָט כסדר באַאַרבעט מיט עכט יידישער האַרציקייט אין זיין אייגנטים־לעכער לירישער דערציילערישקייט.

האָט דאָך בעל מחשבות פאַרנאָטירט אַז „ער (אַש) זעט דאָס יידיש לעבן דורך די אויגן פון דער יידישער מוטער".

אונדזער דערציילער האָט זיך וואָרשיינלעך געמוזט דערפילן אומ־באַקוועם אין דעם טעאָלאָגישן זומפּ פון דעם „אַפּאָסטאָל", אין וועלכן ער איז פאַרקראָכן, און הגם ער האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן זיך אָפּ־טרייסלען דערפון מיטאַמאָל, האָט ער אָבער געזוכט זיך אָפּצופרישן מיט פרישער קינסטלערישער לופט אין זיין ראָמאַן „איסט ריווער". האָט ער ערשט דערנאָך זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אין דעם קריסטלעכן מיטוס ביז איצט פאַרפעלט צו אויסנוצן דעם מוטער־מאָטיוו, וואָס לאָזט זיך אפשר סוגעסטירן אין דער עוואַנגעליע, בכדי צו איבערשאַפן אויף זיין אייגענעם יידישלעכן שטייגער.

דערווייל אָבער, צוליב דעם מיטישן, איבערמענטשלעכן און איבער־נאַטירלעכן, אָדער ריין געטלעכן, כאַראַקטער פון זיינע נייע העלדן, האָט זיך ביי אַשן אויסגעליידיקט דער רעזערוו פון די בויטיקע מיטלען און זאַפטן פאַר קינסטלערישן שאַפן פון קאָנקרעטע און קאָנקרעטיזירטע בילדלעכקייט און וויזיע.

אין דער וועלט ליטעראַטור זיינען געווען גרעסערע קינסטלער פאַר אַשן, וואָס האָבן ניט געוואַגט זיך צורירן צום קריסטלעכן מיטוס קינסט־לעריש, צוליב דער אָטעמלאָזיקייט און אַבסטראַקטער העלער אַטמאָס־פערע, וואָס רינגלט אים אַרום.

צוליב געוואַלדיקע אַמביציע, אָדער אויס אַנדערע אורזאַכן, האָט אַש דאָך ריזיקירט מיט דעם קינסטלערישן פאַרמעסט און האָט זיך

אַריינגעטאָן אין דער קריסטלעכער לעגענדע ביז צו אידענטיפיצירן זיך מיט דעם נייעם טעסטאַמענט אין גייסט און וואָרט.

די קריסטלעכע רעצענזענטן, באַזונדערס די קאַטוילישע, גיבן צו אַז זיי זעען פאַר זיך אין אַשעס ווערק אַ קינסטלערישע פאַרשמעלצונג פון דעם קינסטלער מיט דעם געטלעכן גלויבן.

די ריזיקע איז אָבער פאַר אַשן געווען צו גרויס און דער קינסט־לערישער באָדן האָט זיך ענדלעך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס, טאַקע אין דעם דאָזיקן לעצטן קריסטלעכן ווערק.

צוליב זיין אידענטיפיצירונג מיט דער עוואַנגעליע האָט דער קינסטלערישער דערציילער שוין ניט געקאָנט פאַרמענטשלעכן דעם אים אַזוי נאָענטן מוטער מאָטיוו אין מרימען, די מוטער יעזוסעס, נאָר ער האָט זי געשטאַלטיקט לויטן טעסטאַמענט אַלס די מוטער פון דעם געט־לעכן זון, דעם בן־אדם, דעם אויסלייזער פון די גוים.

אָבער די זעלביקע „מרים־מערי״, וועלכע האָט געזאָלט זיין אייגנט־לעך די העלדין און הויפט פיגור פונעם ראָמאַן, פאַרשטויסן און פאַר־שלונגען פון דער לעגענדאַרישער אַטמאָספערע פון איר געטלעך קינד. די אומנאַטירלעכע מוטער פון דער איבערנאַטירלעכער פערזענלעכקייט פון גאָט־מענטש איז אין בעסטן פאַל ניט קיין דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַשעס קינסטלערישן שאַפן, און איז געוואָרן דער אבן־נגף און שטרויכ־לונג פאַר אים.

אַש איז געשטרויכלט געוואָרן באַזונדערס אין דער שילדערונג פון דער נאַטירלעכער משפחה און פאַמיליען־לעבן, דווקא ווען ער ברעכט זיך צו רעפּרעזענטירן „מערין״ בכדי ניט צו אָפּצורייסן זיך פון דעם קאָנקרעטן קינסטלערישן באָדן. ער ברייגט אַרויס מרימען אַלס איינפאַכע מוטער צו די אַנדערע מענטשן־קינדער, וואָס זי האָט געבאָרן צו איר מאַן יוספן, וועלכע טראָגן אגב די נעמען פון די צוקונפטיקע אַפּאָסטאָלן ווי יעקב שמעון, יהודא אאז״וו.

קיין צוויי געשטאַלטקייט האָט מערי ניט געקאָנט אָנהאַלטן און איר נאַטירלעכע געשטאַלט ווערט פאַרטושירט און מטושטש. מרים די גאָטס־מוטער ווערט באַהערשט און אָבסאָרבירט אין עקסטאַטישער באַוואונדערונג, זי ווערט אינגאַנצן דאָמינירט פון איר געטלעכן זון און פאַרשוואונדעט איבערלאָזנדיק די סצענע צום אַלערהעכסטן זון אירן יעזוסן. אַנשטאָט דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון מרימען און איר פאַרוואַנדלונג פון דער יונגער מיידל אין דער פרוי און מוטער פיגור

גייט פאַר אונדז דורך די איבערנאַטירלעכע געבורט, די קינדהייט און אַנדערע פאַזן פון דעם געטלעכן „אויסלייזער" ביז צו דער ווידערהאָלונג פון זיין קרייציקונג, וואָס איז שוין פריער געגעבן אין „מאַן פון נצרת".

ווייל אַש האָט אַנגעוואָרן די זעלבסטשטענדיקייט אין קינסטלערישן שאַפן, צוליב זיין שטעקן בראשו ורובו אין דעם קריסטלעכן מיטוס, וואָס האָט אים איינגאַנצן באַהערשט, ווייל ער איז שוין ניט ביכולת געווען צו דיפערענצירן צווישן רעאַלן און אויסגעדאַכטן, — האָט ער שוין ניט אַרויסגעבראַכט די רירנדע מענטלעכע געשטאַלטן און די לעבעדיקע מענטשלעכע דראַמע אין דעם ווערק „מערי".

אין די פאַריקע צוויי ווערק פון ריין קריסטלעכן אינהאַלט האָט אַש נאָך געפּרואווט אַנווענדן דערפינדערישע קינסטלערישע אָדער קינסט־לעכע מיטלען און עפעקטן בכדי צו אַריינפלעכטן די ווירקלעכקייט מיט דער פאַנטאַזיע.

געענדיקט האָט ער דערמיט וואָס ער האָט אין אַ ווערק פון דער גויים טרילאָגיע באַוויזן צו אַנצואווערן יעדע פאַרבינדונג אָדער חוש פאַר רעאַליטעט, וואָס ער האָט פאַרביטן מיט הוילער נאַאיווער עוואַנ־געלישער לעגענדאַרישקייט, לאָזנדיק זיך באַהערשן פון דעם רויען מאַטעריאַל די טרויעריקע באַרימטקייט און דער פרסום, די צווייפל־האַפטע פּאָפּולאַריטעט צווישן די גויים האָט אַשן מיט נאָר פאַר קיין גרעסערן קינסטלער אָדער פאַר קיין קלאַסיקער פון אוניווערסאַלן פאַרנעם ניט געמאַכט, נאָר האָט אים זאָגאַר באַרויבט פון יענער אייגנטימלעכער קונסט, מיט וועלכער ער האָט אונדז באַצויבערט אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע גרויסע קינסטלערישע אַמביציעס, וואָס האָבן אַריבער־געשטיגן די קינסטלערישע מעגלעכקייטן זיינע, האָבן אים געבראַכט צום שעפערישן באַנקראָט כמעט.

געוויס האָבן רעצענזענטן אין ציַיטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבן אין דער אַלגעמיינער פרעסע געשענקט אים לויב און אַנזען און באַזונדער ביי די קאַטוילישע שרייבער האָט ער געפונען חן און לייט־זעליקייט.

אָבער קיין איינער פון די גרעסערע אָדער קלענערע ליטעראַטור־קריטיקער און אינטעלעקטועלע דענקער פון אונדזער צייט האָט זיך ניט אָפּגערופן און האָט ניט אויסגעטיילט זיינע „קריסטלעכע" שאַפונגען אַלס אָריגינעלע נייע באַלויכטונגען פון דער קריסטלעכער לעגענדע, וואָס זאָלן האָבן אַ דויערנדן ווערט און באַדייטונג פאַר דער וועלט ליטעראַטור.

ש. לעשצינסקי

אַש האָט אייגנטלעך ניט פאַרפיינערט און ראַפינירט דעם קריסט־לעכן מיטוס און די לעגענדע, ניט איבערגעשאַפן זי, ניט סובלימירט זי קינסטלעריש און אַוודאי ניט אַריינגעלייגט אין איר קיין נייעם אינהאַלט און אָנהאַלט.

פאַרקערט, ער האָט זי, די קריסטלעכע לעגענדע, שקלאַפיש קאָ־פירט און ווייטער זי איבערגעלאָזט אויף הפקר צו די מענטשלעכע נידעריקע רויע אינסטינקטן, אַבערגלויבן און פאַראורטיילן.

אברהם רייזען

I

אברהם רייזען דער פּאָעט

אַ גרויסער שפע פון עכטער אָריגינעלער שעפערישקייט אין דער פּאָעזיע און פּראָזע איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט און די קינסטלערישע ווערק פון אברהם רייזען שוין אויף די ערשטע עטאַפּן פון זיין זייער פּראָדוקטיווער און גלענצנדיקער קאַריערע.

קודם כל האָט ער אַריינגעטראָגן אַ נייעם צווייג אין דער יידישער פּאָעזיע פון זיין צייט, די אייגנטלעכע ליריק, דעם פּערזענלעכן אויסגוס פון דעם דיכטער, זיינע אייגענע געפילן און עמאָציעס, זיינע רעאַקציעס און רעפלעקציעס איבער זיך, איבער וועלט און מענטש.

איך וויל זינגען מיין ליד ווי איך פיל,
איך וויל זינגען מיין ליד ווי איך טראַכט;
און וואָס נאָר איך וועב אין דער שטיל
וועט רוישן אין וואַכיקן פּראַכט...

זיינען שוין די ערשטע צייכן פון זיין אייגנטימלעכקייט אין דער יידישער פּאָעזיע געוועזן דאָס, וואָס ער האָט אין אָרימסטע און איינפאַכסטע קלאַנגען געגעבן דעם אָפּקלאַנג און ווידער־קול פון דעם גאַנצן עלנט און פאַריתומטקייט פון דעם איינצלנעם יידן, דעם אומעט און טרויער פון דער יידישער גרויער ווירקלעכקייט און נויט.

די צאַרט פּאָעטישע נאַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם גרויען קאָלירלאָזן פייזאַזש פון דער אָרימער דערשלאָגענער ליטע, אין דעם פאַרשטויבטן און פאַרבלאָטיקטן ליטווישן שטעטל, וואו דער וואָכעדיקער און פּראָסטער ייד האָט, נאָך מער ווי ערגעץ אַנדערש, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געטראָגן דעם יאָך פון דלות, און געשטיקט זיך

אין דחקות, און האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין צער און יסורים. ווערט שוין דער גאָר יונגער רייזען דער דיכטער פון אָט דעם צער און פיין, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער יידישער נשמה פאַר הונדערטער יאָרן. דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פון דעם יונגען דיכטער קאָן ניט פאַר־ליידן אַזוי פיל מענטשלעכע יסורים, אַזוי פיל ליידן, מיט וועלכע ער ווערט עס דורכגעדרונגען צוקוקנדיק און אַריינזאַפּנדיק אין זיך דאָס אַלעס אין זיין צאַרטער נשמה. דער גרויסער רחמנות געפיל פון מיט־לייד און באַרמהאַרציקייט ווערט אויסגעגאָסן אין זיינע לידער, וואָרעם דער פילנדיקער פּאָעט זעט און ווייסט שטענדיק עפּעס אַזוינס וועגן די דאָזיקע אָרימע שטילע און דערשלאָגענע, וואָס קיינער ווייסט ניט.

שטייט אַ שטיבעלע אַ קליינס,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן
און עס עפנט זיך אַ טירעלע,
און עס בייזערט זיך און סקריפּעט
טאַטע־מאַמע זיצן אין ווינקל
און אַ קינד אין וויג כליפּעט...

דאָס איז דער פּראָטאָטיפּ פון דער יידישער אָרימקייט און פאַר־צווייפלונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט און פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון פּאָעט און האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל טרויעריקע שטימונגען און באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין דיכטונג.

אפשר אין דיין קינדהייט,
אפשר נאָך אין וויגל
האָט דער מאַמעס לידל
דיר געשאַדעט די פליגל?

אַזוי טראַכט דער דיכטער איבער וועגן די כסדרדיקע מינאָרנע טענער, וואָס שטראָמען ביי אים דורכאויס און ער באַנעמט אַליין, אַז

אויף אַ קליין צעבראָכן פידל
האָב איך אָפּגעשטעלט מיין וועלט
און דערמאָן איך איצט דאָס שפּילן,
לויפט מיין זעעלע דורך אַ קעלט.

אָט אַזוי באַנעמט און באַשטימט און דריקט אויס דעם גאַנג פון זיין שאַפן דער דיכטער אַליין, ווייניקסטנס, אין דעם ערשטן פּעריאָד.

שטאַרק כאַראַקטעריסטיש זייַנען פאַר יענער צייַט די שטילע טרויער־ריקע טענער פון „מאי קא משמע לן?" אָדער דער „גמרא ניגון" פאַר יענעם אָפּשניט פון רייזענס שאַפן, טענער וואָס האָבן דערגרייכט און אָפּגעהילכט אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור און זייַנען אפשר אויסגעברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן פון דעם פּאָעט ח. נ. ביאַליק.

אויך אויף שפּעטער איז שוין פאַרבליבן ביים דיכטער די שטילע ליריק, די זעעלישקייט, למשל, אין זייַנע ליבע לידער, דער פיר שורה־דיקער פערז מיט די איינצלנע קורץ אָפּגעהאַקטע שורות, דער מעלאַנ־כאָליש וויגנדיקער טראכיי. און כאָטש עס זייַנען געווען אויך אין דער ערשטער תקופה פון רייזענס פּאָעזיע אַזעלכע עפּיזאָדן, ווען עס האָט דעם פּאָעט געדאַכט אַז עס רייסן זיך ביים אים די געהעכערטע אַקאָרדן, די געשטייגערטע שטימונג, אַ שטורעם פון רעוואָלוציאָנערישער עמפּער־רונג און פּראָטעסט, ווען די יידישע איינגעוואָרצלטע אָרימקייט האָט אין איינקלאַנג מיט די „נייע ווינטן" פון אַרום גענומען זיך אָנגיסן און אָנפילן מיט דעם נייעם צער און צאָרן, וואָס זאָל איבערגיין די ראַנדן פון דורות און דורות געדולד און סבלנות. האָט ער טאַקע אין אַזאַ מאָמענט האַסטיק פאַרפאַסט, למשל, דאָס „ווינטער ליד".

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן
פריי באַהערשט די וועלט;
ברעכט די צווייַגן,
טוט וואָס אייך געפעלט!

אַז די דאָזיקע מאָטיוון זייַנען בלויז געווען אַן איינצלנער עפּיזאָד אין רייזענס דיכטונג קאָן מען זען פון זייַן רעאַגירן אויף ביאַליקס פּאָגראָם־פּאָעמע, וואו ער אַליין באַשטעטיקט זייַנע אייגענע פונדאַמענ־טאַלע שטריכן פון באַרמהאַרציקייט און רחמנות, וואָס דערגרייכט ניט צו פּראָטעסט און צאָרן, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּאָגראָם־שחיטות. „מיך פערזענלעך, זאָגט רייזען אין די „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", האָט „משא נעמיראָוו", מיט דער אויסנאַמע פון אייניקע געפילפולע שטעלן, ניט צופרידנגעשטעלט; דער גרויזאַמער טאָן און איבערהויפּט די שטראָף־רייד קעגן די אומגעקומענע, דאָס אָפּשפּאָטן — מעג זיין מיט וויטאָק — פון די איבערגעבליבענע, וואָס ווילן מאַכן פון זייערע מומים אַ מיטל צו שנאָרן — ווי ביאַליק האָט זיי אין זיין גרויסער פּאָעמע חושד געווען, האָט מיך ווי באַליידיקט און פאַרשעמט"...

רייזען אַליין האָט גאָר ניט געקאָנט אַנדערש ווי רחמנות האָבן אויף

די ליידנדיקע קרבנות פון די שחיטות און האָט גאָר ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן ווי קאָן מען גאָר אָפּוועגדן פון דעם מיטלייד פאַר די קרבנות צו דעם אויסגוס פון צער און צאָרן קעגן די אומברענגער אָדער פאַראַכטונג צו דער אייגענער הילפלאָזיקייט און דערשלאָגנקייט. וואָרעם זיין מוזע איז די שטילסטע און זיין וואָרט דאָס ווייכסטע און צאַרטסטע און זיינע טענער די מינאָרנע; דערפאַר איז עס דאָ אַ שטענדיקער ציטערנדיקער נאָכקלאַנג, עפּעס ניט דערזאָגטעס און ניט דערזאָגבאַרעס אַפילו אין זיין פּרימיטיווסטן פאָרעם. אָט די אייגנשאַפט אין רייזענס פּאָעזיע האָט פאַראורזאַכט און אַרויסגעבראַכט די גאַנצע ווייטערע אַנטוויקלונג און דעם באַוואוסטזיניקן שטייגן, וואָס האָט געפאָלגט אין זיין ווייטערן פּאָעטישן שאַפן. אָבער אויך אויף דער שטופע, כאָטש זיינע רעאַליסטישע לידער זיינען אַזוי גרוי און קאָלירלאָז, שוועבט אויף זיי דער פּאָעטישער גייסט פון אַ ראָמאַנטישן בעל־חלומות, וואָס איז באַרוישט פון טרויער און אומעט און קינסטלערישער שיינקייט, באַרוישט פון אידעאַלער פרייד פאַר גוטסקייט און עקסטאַז פון רחמנות. די יסורים און ליידן, די שמערצן און וואונדן פון אַן אויסגעפּרואוווטן און פאַרפּייניקט פאָלק דערטראָגן זיך אין די אַלע קרעכצן און זיפצן פון דעם דיכטער אויף זיין אייגענעם גורל און אויף דעם גורל פון זיין פאָלק.

נאָך דער יוגנטלעכער כאָטש פאַרטראַכטער און פאַרטרויםטער האָפערדיקייט, נאָך דעם כמעט פענאָמענאַלן דערפאָלג פון דעם דיכטער, וואָס האָט אויסגעוויטיקט און אַרויסגעפירט די יידישע ליטעראַטור פון איר ערשטער אָפּגעשלאָסענער סטאַדיע אויף זיינע וואַנדערונגען פון קוידענאָוו קיין מינסק, ווילנע, וואַרשע ביז קראָקע און ווין, הויבט אָן ביי אונדזער דיכטער זיך ווייזן נייערע און אַנדערע מאָטיוון. די אומרואיקייט אין אים וואָקסט און ער הויבט אָן צו פרעגן זיך זעלבסט: „וואוהין ווילסטו נשמה, וואוהין?״

עס דאַרשט דאָס האַרץ נאָך נייע קוואַלן,
אַ ווייטע לוסט אין די אויגן ברענט!
ווי וואָלט צו זיי איך צופאַלן
און אויסגעשעפּט זיי מיט הענט!
ווי וואָלסטו וועלן בלאָדזשען, פרעגן,
וואו איז דער וועג צום נייעם לאַנד?...

אין זיינע נייע וועגן און וואַנדערונגען פאַלט ער אַריין אין אַזעלכער שטימונג:

איך זוך שוין אין לעבן קיין וועג,
מיר דאַכט שוין: דאָס בלאָנדזשען איז ריכטיק,
איך בענק שוין ניט מער נאָך דער זון —
אַ שטערנדל מאַכט מיר שוין ליכטיק. („אין וועג").

אָדער:

שטיל און אומעטיק און שפּעט האַרץ מיינס,
וואָס האָסטו זיך צורעדט.

אין זיין נאָכטראַכטן און פאַרטראַכטן זיך הערט זיך דער פּאָעט צו צו זיין אינערלעכן געזאַנג, צום קלאַנג, וואָס שלימערט אין אים, און עס דאַכט זיך אים:

אַ וואָרט רוט מיר אין האַרצן —
ס'איז ניי און פריי און פרום;
איך קאָן אים ניט אַרויסרעדן —
איך בין פאַר אים נאָך שטום,
אַ צווייטער וועט אים זינגען
אין יאָרן לאַנג אַרום — —
דאָס וואָרט איז אָבער מיינער
געוויס בין איך נאָך שטום...

דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון צווישן־צייט, ווען דער באַרימט געוואָרענער יידישער דיכטער האָט נאָך יאָרן פון אויסטרעטן די דאָרנ־דיקע וועגן און שטעגן פון דער יידישער פּאָעזיע, דערשפּירט אַ נייעם אומעט, אַ נייעם אינערלעכן טרויער פון אָנגעזאַמלטע שעפערישע כוחות, וואָס ער איז דערוויל ניט ביכולת געווען צו אומוואַנדלען און פאַר־וואַנדלען אין אַ מעכטיקן פּאָעטישן אויסדרוק. פאַר היפּשע עטלעכע יאָר האָט זיך דער דיכטער געפילט געהעמט, געשפּירט און געפילט אַז ער בלאָנדזשעט ערגעץ אויף די וועגן און שטעגן פון שאַפן דווקא נאָך אַזאַ גלאָררייכן אָנהייב און אָפּגאַנג, וועלכער האָט שוין סיי ווי פאַר אים באַפעסטיקט זיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור און פּאָעזיע. דאָס זיינען געווען נייערע חבלי־לידה פון שאַפן, אין זיין אומרואיקייט, וואָס וואַקסט, איז דער דיכטער אַפילו דוחה את הקץ:

ש. לעשצינסקי

קום שוין, קום אומבאַקאַנטער,
קלאַפּ מיר אָן אין טיר;
יאָרן לאַנג אין וויסטן חדר —
הער איך דיינע טרעט...
איז דיין בשורה לויטער פריידן,
שנעלער ברענג זי, טראָג!
טאָמער אומגליק, לויטער ליידן
קום, נאָר עפּעס זאָג!

דערוויַיל אָבער זינגט דער דיכטער דאָס ליד פון „שוויַיגן" אָדער עס דאַכט אים, אַז זיין טאָג פאַרגייט און דער אָוונט קומט אָן („אָוונט לידער"). דער פּאָעט פון דעם נאַאיוון ליריזם דערשפּירט זיך געפאַנגען פון דעם וועלטל פון שטימונג און געפילן און געדאַנקען, וואָס האָבן אים פריער אַזוי שטאַרק באַהערשט און אין דעם גרויסן וואונטש פון „באַפרייאונג" דערזעט ער זיך ווי אַ נייער אַן אויסגעלייזטער:

אָ, ניין, איך בין ניט דער!
טאָ ווער זשע בין איך ווער?
אַן אַנדערער, אַ נייער,
אַ שטילער, אַ פרייער,
פון זיך אַן אויסגעלייזטער
און זיך אַליין אַ טרייסטער.
אָ, ניין, איך בין ניט דער,
איך וויל שוין גאָר ניט מער
נאָר רו און זיין אַליין
און זיך אַליין פאַרשטיין.

און מיט אַמאָל איז אים שוין קלאָר, וואָס ער וויל און וואָס ער האָט געזוכט אויף דעם דאָזיקן לאַנגן וועג פון בלאָנדזשן און וואַנדערונגען. מיט אַ נייער פרישקייט דערשפּירט ער די באַנייטע פּאָעטישע אינספּיראַציע, די ליכטקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן פאַר אים:

כ'האָב ליב דעם וייטן רויש פון ווערטער,
וואָס פון דעם ליד זיך טראָגט,
דעם אָפּקלאַנג פון די בלאַנקע ערטער,
דאָס וואָרט וואָס ניט דערזאָגט.

דאָס שטילע מורמלען, ווי פון קוואַלן,
וואָס דיר איז ניט באַקאַנט,
פון וואַנען קומען זיי און פאַלן,
אין וועמענס וואונדער לאַנד.

און עס קומט פאַר אַ נייער אויפשטייג אין רייזענס פּאָעזיע, אַ נייער שוואונג, אַ פּאַרטיפערן און אויסלייטערן פון דעם שעפערישן קנויל, וואָס שפּרודלט מיט נייע שיינקייטן און נייערע קינסטלערישע פּאַרוואַנדלונגען. דאַכט זיך דער זעלביקער באַשיידענער פערז, אָבער פּאָרט באַנייט צוליב דעם פרישן אינהאַלט, וואָס דער דיכטער האָט געפונען אין זיינע איבערלעבונגען און איבערטראַכטונגען.

איך ווייס וואו איך גיי
די וועלט איז מיין ציל;
דער מענטשלעכער ווייי
איז מיר ניט קיין שפּיל.

פון מענטש, וואָס מען זינגט
זיין פרייד און זיין פּיין,
דאָס קלינגט און דרינגט
אין דורות אַריין! („מאָדערן״).

רייזען טראָגט נאָך אַלץ דאָס זעלביקע פּאַריתומט און פּאַרזאָרגט האַרץ און ווירקט נאָך אַלץ מיט דער נאָענטקייט פון פּאָעטישן טאָן, מיט דער פּאַטערלעכקייט און אינטימקייט צו אַלעמען, מיט דער אינער־לעכער האַרמאָניע, וואָס שטראָמט פון גוטסקייט און ליבשאַפט פאַרן מענטשן.

האָט דער דיכטער פּאַרלאָזן דאָס שטעטל, וואָס איז סיי ווי שוין אינגאַנצן חרוב ומוחרב געוואָרן, האָט ער עס איבערגעטראָגן אָדער עס אויסגעפונען אין דער גרויסער שטאָט, וואו די אָרימקייט שטיקט זיך צווישן גרויסע מאַסן מענטשן און אויפגעכאַפּט דעם אייביקן מענטשלעכן צער, די בענקשאַפט, דעם עלנט און האָט געבראַכט דאָס וואַרעמע און טרייסטנדיקע וואָרט, זיין גרויס מיטפילנדיקע האַרץ, זיינע טרוימען פאַר אַ בעסערע און שענערע וועלט. איצטער, נאָך מער אויפגערודערט און אויפגעשוידערט פון וועלט־קאַטאַסטראָפעס און קאַטאַקליזמען, ווערן אויך זיינע האָפענונגען באַנייט פאַר דעם אָנקומען פון דעם „נייעם טאָג״, ווי ער דריקט עס אויס אין „טרומפּייטן שאַלן״.

ש. לעשצינסקי

העי, איך הער טרומפייטן שאַלן,
פון דער ווייט
און פון טויערן דאָס פאָלק —
וואָס באַדייט?
ווערט וואַר־ווייט אַ פאָלק געבאָרן,
גייט וואַר־ווייט אַ פאָלק פאַרלאָרן
העי ווער רייט?

קומט אַן אָנזאָגער פון לעבן
און באַפרייט פון נויט?
וואָס זשע שרעקן זיינע אויגן
און זיין מאַנטל איז רויט,
ווי עס ברומט!
העי ווער קומט!

אַזוי סענסיטיוו פאַרשאַרפט ווערט דער אויער פון דעם דיכטער צו פאַרנעמען נייע און נייערע קלאַנגען, וואָרעם קיין עלטער און אויס־שעפּונג איז ניט שולט געווען אויף אונדזער דיכטער, וואָס האָט נאָך אַמאָל געפונען אַ תיקון פאַר זיין פּאָעזיע און זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, וואָס מען האָט פריער ניט געקאָנט פאַרדעכטיקן.

אברהם רייזען האָט אַפילו אין דעם גלאַנץ פעריאָד פון זיין אינדיווידועלן פּאָעטישן שאַפן, אויף דער סאַמע הויך פון זיין פער־זענלעכער ליריק דערשפּירט גאַנץ אָפט די שטימונגען פון צוגעבונדנקייט, וואָס האָט אים געהאַלטן אַזוי נאָענט צום פאָלק. און האָט ער זיך דער־וויטערט פאַר אַ מאָמענט און זיך אָפּגעטיילט אינגאַנצן ביחידות, אַליין מיט זיין פּאָעטישער זעעלע פאַר געבעט און האַרצנס אויסגוס איז דאָס אפשר אויך געווען אויף אַ באַשיידענעם וועג צו זיפצן און קרעכצן על שבר בת עמו. אָבער און ווידער דערפילט ער די נויטווענדיקייט און די פרייד צו אָנשליסן זיך אין די פאָלקס־רייען.

עס ציט צום אַלטן, צום אַלטן
צו דעם וואָס מען רופט עס פאַרצייטן
און דאָס וואָס איז לאַנג שוין באַגראָבן
דאָס לעבט אין געדאַנק
ביזט תמיד ווי קראַנק
פאַר בענקשאַפט צוריק עס האָבן.

וואָרעם רייזען איז טיף פאַרוואָרצלט אויף דעם יידישן באָדן. און כאָטש אַ מאָדערנער וועלטלעכער פּאָעט מיט זיין אייגענער וועלט פון געדאַנקען און קלאַנגען, קאָן ער און וויל זיך ניט אויסטאָן פון דער דאָזיקער יידישער באַקליידונג, וואָס באַשיינט און באַחנט זיין אייגענע פּאָעזיע.

אין רייד פון פאָלק, וואָס ליידט,
אין רייד פון פאָלק, וואָס שאַפט,
איז שיינקייט און באַדייט,
און שטילע טיפע קראַפט.

און אָט באַפאַלט דעם דיכטער אַזאַ שטאַרקער ווּנטש:

ווי וואָלט איך מיט גרייז גראָע זקנים
וואָס זיצן אין קעפּקעלעך שטום,
צורעדט זיך פון צייטן פון אַלטע
און גלויביק געוואָרן און פרום.
איך וואָלט זיי דעם זוהר דערמאָנען
און הייליקע ספרים נאָך פיל... („איך בין מקנא").

אָבער דער לעבעדיקער פּאָעטישער גייסט לאָזט זיך ניט פאַרשפּאַרן אין איין ריכטונג, אין איין ווינקל, און מעג ער ווי פאָלקסטימלעך זיין, איז דאָס פּאָעטישע שאַפן אינגאַנצן געגומען סיי ווייניקער ווי דאָס פאָלקס שאַפן און סיי מער ווי פאָלקסטימלעכקייט. דער פאַקט איז, אַז רייזען דאַרף ביי זיך אַליין אויסזוכן בייפאַלן און צוזאַמענקלאַנגען מיט פאָלקסטימלעכע מאָטיוון און דאַרף איבערזינגען „יידישע מעלאָדיען" בכדי צו דערפילן ווידער און נאָך אַמאָל דעם מקור פון זיין אָפּשטאַמונג, ווען ער פאַרגייט שוין ווייט אין זיינע וועלטלעכע און אייגענע מענטשלעכע מאָטיוון. ער ציינט געוויס אַרויס ווייניקער פאַנטאַזיע ווי דער פאָלק געניוס אין זיינע אונמיטעלבאַרע שאַפונגען, וואָס האָט געזאַמלט אונטער זיינע פליגלען די גאַנצע כנסת ישראל מיט די וואונדערבאַרע העלדן־פיגורן, וואָס שטיצן זי און האַלטן זי אויף און גיבן איר האָפענונגען פאַר אַ גאָלדענער צוקונפט. רייזען אַליין זאָגט צום פאָלק:

דאָך ביזטו גליקלעכער —
דיין גלויבן באַלויכטעט דיר דיין פינצטערן וועג

איך האָב אַלץ פאַרלאָרן
איך זע נאָר שוואַרצע וואָלקן יאָגן...

ש. לעשצינסקי

דאָך איז ער מער און איבער פאָלקס שאַפן און פאָלקסטימלעכקייט, וואָרעם, כאָטש דאָס פאָלקס־שאַפן נעסטעט אין זיין פּאָעזיע, האָט ער געפונען זיין אייגענעם פּאָעטישן איך, וואָס איז גרויס גענוג צו צוטוליען דאָס פאָלק צו זיין אייגענעם האַרצן.

צו רייזענס גאַנצן פּאָעטיש קינסטלערישן שאַפן קאָן אָנגעווענדעט ווערן דער זעלבער מאַסשטאַב און קריטעריום ווי צו זיין פאָלקס־טימלעכקייט און באַציאונג צום פאָלקס־שאַפן. וואָרעם אונדזער גרויסער דיכטער איז געווען און פאַרבליבן סיי אין זיין פּאָעטישן אויסדרוק, סיי אין דעם לירישן אויסגוס פון זיינע דערפאַרונגען, איבערלעבונגען און איבערטראַכטונגען, אי ווייניקער, אי פיל מער ווי דער ריינער ליטעראַ־רישער קינסטלער. במשך פון זיין גאַנץ לאַנגן אַנטוויקלונגס־גאַנג האָט ער כמעט ניט פאַרלאָזן די עלעמענטאַרע איינפאַכע פאָרעם פון מעטער, האָט כמעט זייער ווייניק עקספּערימענטירט אין דיכטונג.

ער ווערט גאָר קיינמאָל ניט פאַרכאַפּט פון שיין ווערטעריי, ווערט ניט נכשל אין אַפעקטאַציע פון סטיל און אויסדרוקס־מיטלען, פאַרמאָגט ניט קיין ליטעראַרישע פּאָזע און אָנשטעל. ער האַלט זיך ביים ניט געפליגלטן איינפאַכסטן וואָרט און איז, פאָלגלעך, גאָר ניט צוגעבונדן אָדער פאַרשקלאַפט צום וואָרט. וואָרעם ניט דאָס וואָרט, די אויסער־לעכקייט, איז ביי אים דער עיקר, נאָר די שטימונג, דער אינערלעכער פּאָעטישער געפיל.

זיין גאַנצער פּאָעטישער מהות איז לחלוטין ניט איינגעקלאַמערט אין וואָרט; איז ער דעריבער פריי פון דעם צויבער און שיכרות פון בלויז ווערטלעכער שיינקייט און איז אָנגעפילט מיט אַן איבערוועגנדיקן אינהאַלט, אַ מענטשלעכן, אַ צו מענטשלעכן, אַ לעבנס און גייסט אינהאַלט, וואָס איז אַזוי יידיש און צו דער זעלבער צייט אַזוי אַל־מענטשלעך און אַלוועלטלעך.

ער ווייסט דווקא דעם ווערט און באַדייט פון דעם עכט גרויסן וואָרט:

איין וואָרט וואָס ער וועט זאָגן
מיט ליבע און פאַרטרויט
וועט אונדז אַריבער טראָגן
אין וועלטן ניי געבויט. („איין וואָרט").

אָבער פריער פאַר אַלעס קומט דאָס לעבן, די אייגענע איינדריקע, שפּירונגען און געפילן פון דיכטער זעלבסט, די אויפריכטיקייט ניט געפעלשטע לשם עפעקט טענער און קלאַנגען און — איבער אַלעס — די נאַטירלעכקייט און אינטימע שייכות צום מיטמענטשן, דער אימפּולס פון סימפּאַטיע, דאָס צושטיין צום כלל, אָפט אַריינדרינגען און אידענטיפיצירן זיך מיט דעם פאָלק.

כאָטש אויבנאויף אַזוי איינפאַך, איז אָבער אין תוך געגומען רייזענס פּאָעזיע פאַרוויקלטערע ווי זי שיינט צו זיין, און עס איז שווער אָפּצוטיילן זייער אָפּט אין איר וואו עס ענדיקט זיך די אונמיטלבאַרע דערפאַרונגען און געפילן און וואו עס הויבט זיך אָן די קינסטלערישע רעפּרעזענטירונג און דאָס בלויז קינסטלערישע שאַפן.

II

אברהם רייזען דער פּאָעטישער דערציילער

אברהם רייזען איז אַלס דערציילער, אין זיין פּראָזע, אייגנטלעך ניט וויניקער פּאָעטיש ווי אין זיין דיכטונג. זיין גרויס קינסטלעריש־דערציילעריש שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן איינצייטיק מיט דעם דיכטעריש־פּאָעטישן שאַפן און ציט זיך פּאַראַלעל פאַר דער גאַנצער שטרעקע פון זיין פּרוכטבאַרער שעפערישקייט.

אויך מיט דער מייסטערהאַפטער קורצער דערציילונג אָדער די פאָרעם, וואָס ער רופט „סקיצן און נאָוועלן״, האָט ער אויפגעעפנט אַ נייעם קוואַל פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס טראָגט אויף זיך אַלע סימנים און צייכן פון דעם דיכטערס ריין פּאָעטישן שאַפן מיט אַ צוגאָב פון גוטמוטיקן הומאָר, וואָס פאַרבייט די איראָניע פון זיין דיכטונג אָדער די „פאַרגעבונגס״ מאָטיוון, וואָס ער דריקט אויס אין אַזאַ קאָנצענטרירטער פאָרעם אין די פאָלגנדע פערזן:

כיטראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כיבין מיט ליבע רייך;
גוטע מענטשן, שלעכטע,
אַלע דיינען גלייך.

ש. לעשצינסקי

זינג מיר ניט פון טוגנד,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

אין דער דערפאָלגרייכער קינסטלערישער דערציילונג (ליידער קאָן אַ גאַר גרויסע צאָל פון רייזענס אומצייליקע דערציילונגען ניט אַריינגערעכנט ווערן אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע), פּאַראייניקט אונדזער פּאָעט עפּישע אָביעקטיוויטעט, שילדערונג פון שטייגער לעבן, באַזונדערס, פון דעם אים אַזוי נאָענטן קליין שטעטל מיט האַרציקן הומאָר, מיט קינסטלערישן צמצום און כמעט אמתער פאָלקאָמענהייט.

אויב זיין דערציילונג איז ניט פון דעם מעכאַניזירטן סאָרט, וואָס ווערט צוגעשניטן לויט אַ געוויסן מוסטער און שאַבלאָן, אויב זי איז אימפּראָוויזירט און אינספּירירט פון זיינע גרינטלעכע פּאָעטישע מאָטיוון, צייכנט זי זיך אויס מיט קינסטלערישער גאַנצקייט און השלמה.

דווקא די דערציילונגען, אפשר מער ווי דאָס ליד און דער געזאַנג, וואָס איז אונפאַרמיידלעך סוביעקטיוו פּערזענלעך און ליריש זיינען אָנגעהויכט מיט האַרציקייט און ליבשאַפט פאַר דעם אָרימען יידישן מענטשן, פאַר דעם געפּאַלענעם און פאַרשעמטן פון נויט און דחקות. וואָרעם אַלע די דערציילונגען רעפּרעזענטירן די קליינע טאָג־טעגלעכע דראַמעס און קאָמעדיעס, וואָס זיינען אין תוך גענומען דער רעזולטאַט פון די גרויסע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, פון די גרויסע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען מצד דער אַזוי גערופענער „געזעלשאַפט" קעגן די הילפלאָזע שוואַכע און דערנידעריקטע און דער הויפּט די נויטליידנדע.

פּונקט ווי אין זיין ליד און דיכטונג האָט דער פּאָעטישער דערציילער מיט די סאַמע איינפאַכקייט און פּשוטקייט, מיט דעם עלעמענטאַרן כח צו אויפוויקלען און דערציילן אַרויסגעצויבערט דעם סוד פון דער גרויסער דערציילערישער קונסט.

„קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אָט דער ברענער וואָס איז געווען פול מיט רחמים צו דער וועלט און צו אַלע באַשעפענישן, האָט אין דער זעלבער צייט געטראָגן אין זיין האַרצן פאַראַכטונג און שיר ניט האַס צו אַלץ, וואָס איז טעמפּ און גלאַנצט בלויז אויסערלעך".

אַזוי רעאַגירט רייזען מיט זיין אייגענער אינטימער באַציאונג צו אַן אַנדערן נאָענטן דערציילער, און אַזוי קאָן ער אפשר אַליין כאַראַקטעריזירט ווערן אין זיין אייגענער דערציילערישער שאַפונג. ניט מער, ער

אַליין מיט זיין גוטסקייט און ליבשאַפט פאַר אַלעמען וויל גאָר ניט זוכן קיין חטאים אויף דעם מין מענטשן בכלל, וואָרעם אומעטום איז דאָ איבערגעגנוג מענטשלעכער צאָרן און ליידן, פאַר וועלכע מען דאַרף געפינען אַ היילונג און טרייסט. „דער קיום פון דער וועלט איז אַ גרויסער סוד... און ניט נאָר פון דער וועלט... פון יעדן מענטשן... יעדער מענטש איז אַ וועלט און זיין לעבן איז אַ סוד"... אַזוי ווערט אַרויסגעדרונגען ביי רייזען אין זיין דערציילונג „דער פרוש". פון דער איינפאַכקייט פון דער שטייגערשער שילדערונג, פון דער פשוטקייט און תמימותדיקייט פון די פערזאָנען, וואָס פיגורירן אין דער דערציילונג בכלל דערשפירט זיך אַ סימבאָלישע טיפקייט, עפעס העלזעעריש און וייטזעעריש, וואָס איז דער פאָעטישער תמצית פון רייזענס גאַנצן שאַפן.

„ווען דער דאָזיקער יאָזעף וואָלט געבאָרן געוואָרן ביי רייכע עלטערן, וואָלט ענדיקן אוניווערסיטעט און אַ געלערנטער געוואָרן, וואָלט ער זיכער זיך גערעכנט מחסידי אומות העולם... און ווער ווייסט ווי וייט זיין נאָמען וואָלט געקלונגען ביי אונדז... דערפון קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי וייט יאָזעף האָט ליב געהאַט יידן און עס וועט שוין קיין וואונדער ניט זיין, וואָס נאָך זייט טויט וויל איך שענקען אַ בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק"... אַזוי שמייכלט אונטער האַלב־ערנסט רייזען אין זיין דערציילונג איבער „יאָזעף" דעם יידישן גוי. און מען זעט בחוש, אַז כאָטש די דערציילונג איז זייער אָפנהאַרציק געשילדערט, האָט אָבער דער דערציילער אַ טיפערן מיין, אַן אַנדערע כוונה ווי בלויז צו געבן דעם קליינשטעטלישן יידישן שטייגער לעבן.

אָדער נעמט די דערציילונג „איוב", ווי דער פאָעט אַליין וויזט אויף איר אָן: „... זיין לעבן וואָלט ניט ווערט געווען אַ ציבעלע, ווען ער וואָלט ניט געהאַט צוויי תענוגים, וואָס ער האָט געקאָנט גרייכן... דער ערשטער תענוג איז די ליולקע. עס צעשלאָגט די רעיונות... און רעיונות האָט ער זייער שווערע. ער קלערט וועגן גאָט, וועגן זיין השגחה... קלערנדיק אַזוי פאַלט ער אַריין אין ספקות. אין מח גיט אים אַ קלאַפּ ווי מיט אַ האַמער די פראַזע פון דעם אַפּיקורוס! עס איז אַלץ על פי דרך הטבע און עס איז שוין ניטאָ קיין קשיות... ביי דעם רעיון פאַרלירט ער זיך אינגאַנצן... דער צווייטער תענוג זיינער איז צו לערנען מיט זיינע תלמידים איוב, און דאָס איז זיין העכסטנס ער־האָבנס פאַרגעניגן, זיין ליכטיקער גן־עדן אין דעם פינצטערן גהינום... אחר כך פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו... זעט מען דאָ דעם מלמד דעם איוב־פאָעט, וואָס זוכט אַן אויסדרוק פאַר זיינע אַנגעווייטיקטע געדאַנקען און געפילן.

אָדער נעמט אַזאַ כמעט אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג, איינע פון יענע דערציילונגען, וואָס זיינען אפשר דער מקור געווען פאַר דעם גרויסן ווערק „עפּיזאָדן פון מיין לעבן״:

„וואָס טוט מען אָבער... עס איז דאָך אוממעגלעך שטיקן זיך אַליין מיטן ליד. עד היום גלויב איך ניט די פאַרריסענע פּאָעטן, וואָס זאָגן כלומרשט אַז זיי זינגען ווי דער פויגל נאָר פאַר זיך אַליין און דער וועלט גייט זיי ניט אָן! שקר וכזב! אַ מענטש איז ניט קיין פויגל און אַז אַ מענטש מאַכט אַ ליד מוז ער האָבן, דער מענטש הייסט עס, נאָך אַ מענטש מיט צוויי אויערן, וואָס זאָלן זיין ליד אויסהערן״... („די גנבה״).

דעם זעלביקן כאַראַקטער טראָגט די דערציילונג למשל „דער טאַטע לאַכט״ געווידמעט מענדעלעס עלפטן יאָרצייט, אין וועלכער הירש דער למדן און קפדן, וואָס קיין שמייכל קומט מסתם ניט אַרויף אויף זיין תמיד פאַרערנסטדיקן פּנים, ברעכט אויס אין געלעכטער, ווען ער קוקט אַריין אין „מעשות בנימין השלישי״.

די אַלע דעראינערונגס מאָטיוון, וועלכע זיינען פאַר זיך אַזוי צויבעריש שיין, העלפן צו וואַרפן אַ ליכט אויף דער כמעט לעגענדאַריש געוואָרענער פּערזענלעכקייט און הערלעכער פּאָעטישער פיגור, וואָס האָט ניט נאָר געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט, נאָר אויך צעמענטירט און פאַרפעסטיקט אונדזער אַזוי יונג, אַזוי שפּעט אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם גרויסאַרטיקן ווערק „די עפּיזאָדן פון מיין לעבן״ דערהויבט זיך רייזען נאָך אַ מאָל צו די הויכן פון דער נאַראַטיווער קונסט, צו אַ נייער און העכערער שטופע פון דערגרייכונג אין זיין שעפערישער יידישער פּראָזע. וואָלט זיך דער אויטאָר באַצייטנס באַפרייט פון דער שטעכיקער קעגנערשאַפט פון געוויסע אַנטיטעשע דערשיינונגען אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און דענקען, וואָלט דאָס דאָזיקע ווערק געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין דער קרוין פון זיין גאַנץ שאַפן. איז אָבער רייזען אין דער דערציילערישער קונסט ניט געווען קיין זוכער און אויסטרעטער פון נייע און נייערע וועגן פאַר זיך און פאַר אַנדערע. ער איז נאַטירלעך זייער סענסיטיוו צו דער צייט, די אומשטענדן און דעם אַרום, אָבער די וואַנדערונגען און טוישונגען האָבן בלויז געבראַכט צו אַן איבערטויש אין דער טעמאַטיק, ניט אַרויסרופנדיק קיין אינערלעכן איבערברוך, קיין גרינטלעכע ענדערונג אָדער נייערע אַנטוויקלונגען אין זיינע דערציילערישע רעאַקציעס.

בלויז אין דעם סאַמע תוך און תמצית פון זיין פּאָעטישן שאַפן, אין די זעלטענע מאָמענטן פון קינסטלערישער קאָנצענטרירטקייט און השלמה איז רייזען גערעכט צו זיך, ווען ער זאָגט:

„בכלל האַלט איך, אַז כאָטש איך שרייב און זינג קלאָר, בין איך אָבער ניט אַזוי פּשוט ווי די קריטיק וויל מיך פאָרשטעלן. דווקא דאָס קלאָרע איז טיף און דאָס פאַרפּלאָנטערטע איז אַמאָל פלאַך... געוויס זיינען מיינע דערציילונגען געשריבן אויף אַ רעאַלן באָדן, אָבער נאָר מיט אַזאַ שטייגער שרייבן קאָן מען זאָגן נאָך עפּעס צו דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן... איך האָב ניט ליב סימבאָליק, וואָס איז געשריבן אין סימבאָליזירטער פאָרעם. איך האָב אָבער ליב סימבאָליק, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ רעאַלער דערציילונג און אַפילו פון אַ רעאַליסטישן ליד"...

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז לכל הדעות דאָס גאַנצע שאַפן פון אונדזער גרויסן פּאָעט, דיכטער און דערציילער, געווען און פאַרבליבן אַ ברכה פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט ערשט אַ דאַנק אים גענומען זיך פאַנאַנדערבליען און וואַקסן.

ז. שניאור

זלמן שניאור — אונדזער פּאָעטישער מייסטער אין ביידע שפּראַכן

1

ז. שניאור, וועלכער האָט נאָך אַזוי יונג, ביים לעבן פון ח. נ. ביאַליק, געירשנט די קרוין פון דער העברעאישער פּאָעזיע, האָט מיט זיין מעכטיקן שאַפן געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק פאַרן וועלטלעכן יידישן רענעסאַנס פון אונדזער צייט. מ׳קאָן זאָגן, אַז ער פאַרקערפּערט אָט דעם רענעסאַנס אין זיין אייגענער אָריגינעלער און אייגנטימלעכער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט.

זיין גאַנצער יונגטלעכער ברען און דורשט נאָך לעבן, זיין גרויסער הונגער פאַר די תענוגי עולם־הזה (און מיט זיי האָט ער דעביוטירט אין אונדזער ליטעראַטור) זיינען געווען זייער סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם נייעם דור און דער נייער עפּאָכע אין יידישן לעבן.

אויפגעוואַקסן אין אַן אַטמאָספער פון פאַרשטיקטער און פאַרצוימטער לעבנס־לוסט, וואָס די פאַרשפּעטיקטע פאַרפּאַנצערטע און פאַרפינצטערטע געטאָ האָט גאַנץ אָפט געדריבט פון דער יידישער יוגנט; דערצויגן אין דעם געדריקטן גייסטיק־יידישן שטייגער, וואָס האָט זי אונטערדריקט — האָט די יונגע סענסיטיווע און סענסועלע נאַטור פון דעם שעפערישן ריז רעוואָלטירט און ווידערשפּעטיקט. דער רעזיגנירטער רעליגיעזער גייסט, וואָס האָט באַהערשט די יידישע מוחות און הערצער, האָט געהאָלפן איבערטראָגן די שרעקלעכע יידישע ליידן אויפן לאַנגן גאַנג פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, אָבער ער האָט זייער אָפט אָפּגעשטופּט, פאַרטעמפּט און פאַרשטויסן, דעם לעבנס־חוש, די נאַרמאַלע פרייד און דעם גענוס פון לעבן, און האָט געלאָזן דעם טרייסט און די באַלוינונג פון „יענער וועלט״.

אַן ענלעכע קאָמפּענסאַציע פון עולם־הבא, אָבער פאַרוועלטלעכט

אונטערן נאָמען צוקונפט, גיט יעדע אידעאַליסטישע שטרעבונג. זי טוט עס, פאָדערנדיק מקריב צו זיין אַלץ וואָס איז טייער אין לעבן, אָדער אַפילו דאָס לעבן גופא, אויס פּאַטריאָטיזם, למשל, אָדער צוליב פּאָליטישער און סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווערט עס אָבער אין דער ברייטער וועלט זייער אָפט אויסגענוצט פון די מעכטיקע און גרויסע צו באַרויבן דעם קליינעם דערשלאָגענעם מענטש און מאַכן אים דעם איינצעלנעם קרבן פאַר דער צוקונפט און דעם פאָטער־לאַנד.

מיט שאַרפער איראָניע און גיפטיקן סאַרקאַזם פּראָטעסטירט דער פּאָעט אין זיין סאַטירע „יענע וועלט״:

עס ברענט? עס בריט? עס פּיבערט?
אַך, ליבע זעלנערלעך, דאָס איז אַלץ גאָרנישט!
וואָס האָט דאָס, קינדערלעך פאַר אַ באַטרעף
אַקעגן פליכט, אַקעגן אייביקייט?
דער עיקר איז — ס'איז דאָ אַ פאָטער־לאַנד
און יעדע פאָטער־לאַנד האָט אַן ערן־פעלד.
דאָס פאָטער־לאַנד, עס טוט און לעבט,
עס טוט און וואַקסט.
און אינעם ערן־פעלד — דאָרט פאַלט און פאַלט
העלד נאָך העלד...
הקיצור „יענע וועלט!״

— —

וואָס אָרט אייך ס'ביסל בלוט חברימלעך?
וואָס אָרט אייך קעלט, וואָס אָרט אייך הונגער
און קרעץ, און שמוץ, און חושך,
און דאָס וואָס קינדער פאַלן ווי די פליגן?
דער עיקר איז דאָך — צוקונפט, שפּעטער...

ווייל אַזוי לעבנספול, מיט אָפענע און פרישע חושים אויפצונעמען און אויפצומאָנען אַלץ, וואָס עס קומט אים פון לעבן נאָך מיט אַ שמיצל מער, צוליב זיינע פאַרשאַרפטע חושים אַלס סענסיטיוו, סענזוסעלע פּאָעטישע נאַטור, — איז ז. שניאור מיט באַזונדערער טראַגיקייט און בונטאַרישקייט אַריינגעטראָטן אין אונדזער, פאַרנעבעכדיקטער און פאַר־ווינטער אויפן גורל פון אונדזער פאָלק, דערציילערישער ליטעראַטור און פּאָעזיע.

ער איז געקומען און האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט דעם

גוף און די גשמיות, די ערדישקייט, אין דער הערשנדער אַבסטראַק־טער הוילער גייסטיקייט, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אַלץ פאַרגלי־ווערנדיקן יאָך פון דורות, און האָט פּאַרמענטשלעכט דעם לעבנס־הונגער און אויפגעמאָנט אַגרעסיוו זיין חלק עולם־הזה. און דאָס אַליין איז ביי אונדזער גרויסן דיכטער געוואָרן אַ קוואַל פון פּאָעטישע וויזיעס און פּראָפעטישע זעאונגען בנוגע דער מענטשהייט בכלל און דעם יידישן פאָלק בפרט. פון זיין אייגענער טראַציקייט און בונטאַרישקייט געפינט ער ענטציקונג און באַגייסטערונג פאַר דער געשטאַלט פון ספּאַרטאַקוס, דעם קנעכט־רעוואָלוציאָנער פון אַנטיקן רוים, וועמעס איינציקע אויפגאַבע איז געווען צו רעוואָלטירן, רעוואָלטירן, אָן אַן עק! („להתקומם, להתקומם עד אין תכלה!״), ווייל דאָס איז דאָך דער סוד פון דעם מענטשלעכן פאַרלאַנג און פון זיין גייסטיקער שטרע־בונג.

וועט ניט דו, ספּאַרטאַקוס, און דיר ענלעכע און נאָכפאָלגנדע\
וואָלסט צעשטערט מיט שווערד, מיט שטאַרקן גייסט\
די האָפענונג פון טיראַנען מיט די טיראַנען־תורות;\
וואָלסטו ניט איבערשראַקן מיט דיין מעכטיקער צונג\
דעם גלייכגילט פון קנעכט, גופים־פלייש,\
צו שטאַרבן אַ מויזן־טויט, פאַרברענט, צעלאַמעט\
אין דער גרויסער פּאַסטקע פאַר אַ שפּיל,\
ווער ווייסט, וואו איך וואָלט איצט געווען,\
דאָס אייניקל פון אַ באַזיגטן פאָלק?

(איבערזעצט פון דער העברעאישער פּאָעמע „ספּרתקוס״, 1917, בוך „חזיונות״ — ש. ל.)

און אָט פּראָטעסטירט ביי אים דער קוילנגרעבער אַזוי הילכיק פון אונטער דער ערד אין דער סעריע „ביים אייזערנעם פּולט״:

איך וויל ניט טראָגן מער, ווי ס׳טראָגט דער אַלטער אַטלאַס,\
אַזעלכע שווערע מצות, בערג פון טוגנטן,\
אויף מיינע פּלייצעס, די צעשונדענע.\
איך וויל ניט מער באַמיסטיקן\
מיט מיין שוואַכן געביין\
די פאַרבנרייכע גיפט־שוואַמען.\
פון לוקסוס וועט־געלויף, באַרימעריי, —\
דאָרט אויבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיט איין בלאָז אויף מיין לאָמטערנדל —
טיילן וועל איך זייער גרינע עולם־הזה
און מיין שוואַרצע עולם־הבא, מיט זיי טיילן
און הערשן!

אַזוי זיינען פון דעם פּאָעטס אייגענעם עמפּערונגס־אויפשטאַנד קעגן דער פאַרשטימקייט פון לעבנס־געגנוס, און קעגן דער אונטער־דריקונג פון לעבנס־באַגער, דורך דעם גייסטיקן עולם־הבא, אַרויס־געוואַקסן שניאורס אויסגעברייטערטע מאָטיוון פון רעוואָלט קעגן פאַרגוואַלטיקונג, קעגן דאָס פאַרשטיקן דאָס לעבן ביים יידישן פאָלק און ביי דער מענטשהייט.

דעריבער ווידערהאַלט ער אַזוי שטאָלץ דעם אַרויסרוף: „אַ ייד בין איך... אַן אייניקל פון די בריונים" (יידישע רעוואָלוציאָנערן קעגן דער רוימישער הערשאַפט, זעלאָטן).

דער נאָמען פון די זעלאָטן, וואָס זיינען פאַרדאַמט געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע, איז ביי אונדזער דיכטער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ סימבאָל פון רעוואָלט, מענטשלעכן שטאָלץ און מענטשן־ווירדע, און ער הערט ניט אויף זיך צו יחוסן מיט זיין אָפּשטאַמונג פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן גייסט.

אַפילו ר' לוי יצחק בערדיטשעווער (אין „אַ נייער דין תורה פון ר' לוי יצחק", אַגב איבערזעצט פון העברעאיש דורך ז. שניאור אַליין) פאַרוואַנדלט ער אין אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסטירער קעגן דעם רבונו של עולם, כביכול, ווען ער רופט אויס:

גענוג וועלן אונדז זיין, דערבאַרימענדיקער!
די עולמות, וואָס מירן געקויפט שוין
מיט מקדש השם זיין,
זייט דעם חורבן בית־המקדש
ביז צו די גזירות תש"ג...
אונדזער עולם־הזה ווילן מיר! —

איז ז. שניאור אַליין לכתחילה געקומען אַגרעסיוו אויפמאָנען זיין חוב, זיינע אייגענע פערזענלעכע רעכטן אויף לעבנס־פרייד און פאַר־געניגן — און אָט דער אויפברויז פון לעבנס־לוסט איז געוואָרן די סטיכיע, וועלכע שטורעמט אויף זיין פּאָעטישן גייסט און רודערט אויף זיינע שעפערישע כוחות.

אַלס רעאַקציע צו די גייסטיקע און זעלישע מאָטיוון אין דער

יידיש־העברעאישער פּאָעזיע פון אַנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט מיט איר בלאַסער און בלוטלאָזער ליריק, האָט דער סענטועלער פּאָעט אַריינגעבראַכט דעם מאָטיוו פון סעקסועלער ליידנשאַפט, דעם עלע־מענטאַרן צוזאַמענשטויס פון די געשלעכטער, די פולבלוטיקע ליבע און די עכטע שנאה.

באַזונדערס די העברעאישע פּאָעזיע האָט ער רעוואָלוציאָניזירט מיט זיין אַריינגיסן זודיקע ליידנשאַפט אין די אַבסטראַקטע און הוילע מליצהדיקע ליבע־מאָטיוון, וואָס האָבן ביז אים דאָרט געהערשט. האָט מען אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער פאַראיידלט ניט די ליבע־מאָטיוון, סוב־לימירט ניט די ליידנשאַפטן אַז ער רייסט אַראָפּ דעם גאַנצן רייץ און חן פון דער עראָטישער שפּילעוודיקייט און ראָמאַנטיק. אָבער דער אויפברויז פון עלעמענטאַרע ליידנשאַפטן פון ליבע און שנאה איז שטענדיק פאַרן פּאָעט אויך אַ קוואַל פון ברייטערע זעאונגען און פּאָעטישע וויזיעס.

אין זיין באַוואוסטער פּאָעמע „פרגים״ (מאַנען) פון בוך „גשרים״ קאַכט מיט רויטקייט פון בלוט און תאווה. די מאַנען־בלומען זיינען ווי גלוסטונג־געשרייען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער ערד; פייער־צונגען אין דעם גרינס, און דאָס גרינס ווערט ניט פאַרברענט. דער פּאָעט, דער גליענדיקער, דער תאווהדיקער שטייט אין מיטן, אַ פלאַמיקער טאַנץ אַרום אים. עס זידט דאָס בלוט פון פעלד. ער הערט די פאַרלאָזטע ערד שרייען צו איר אויסדערוויילטן — צו דער זון. עס ציט זיך די ערד צו דער זון און עס שפּראָצן אַרויס די בלומען פון מאָן, די תאווה־געשרייען פון דער ערד. די גאַנצע וועלט שרייט אַרויס איר ליידנשאַפט.

אָבער אָט דערוואַכט ביים פּאָעט אויך דער קול פון זיין ראַסע און אָפּשטאַמונג. און ער דערשפירט דעם ריח פון מזרח צווישן דעם מאָן. די פאַרב פון אָריענט. אַז ער קוקט אויף די בלומען דערזעט ער אַראַבער און יידן, בעדואינער אין מחמדס צייטן. הויבט ער אָן טרוי־מען וועגן די „בריונים״, די יידישע זעלאָטן און זעט בלוט־פלעקן פון נקמה איבער די רוימער אויף זייערע קליידער.

דאָס קאָן מען זען אין אַזעלכע פּאָעמעס ווי „מיט די קלאַנגען פון דער מאַנדאָלינע״ (עם צלילי המנדולינה, בוך „גשרים״).

אויך פאַרפאָלגן אונדזער דיכטער די ליידנשאַפטלעכע עמאָציעס אַפילו ווען ער איז אַריבער צום צווייטן מאָל צו דער יידישער פּראָ־זע, אין די וואונדערבאַרע עפּישע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואו

מ׳קאָן געפינען, מייסטנס אין אַ פיל באַשיידענער און צניעותדיקער פאָרעם, די זעלבע מאָטיוון. אַזוי לייענען מיר אין „צוויי וואַסערן״ (אנשטאָט אַ הקדמה) צום צווייטן טייל פון דער סעריע „עמי הארצים״, „ביים דניעפּער״:

> די מאַנסבילשע קאַלטע וואַסער־לאַפּע פון דניעפּער נעמט אָן די ווייבלעכע לעבעדיקע האַנט פון דער ווייבערשער אָזערע. פון דער דאָזיקער קרעפטיקער באַרירונג וועקן זיך ביי דער צנועהדיקער צעשוואומענער וואַסער ווייב אירע פאַרטייעטע לײדנ־שאַפטן, ברויזן אויף. וואַרפט זי זיך שטורמיש קאָפּ אַראָפּ אין שוים פון דניעפּער מיט צעשויבערטע שוימיקע קודלעס דורך דער הרעבליע פון דער מיל אין שוים פון דניעפּער, אויף זיין מאָגערער מאַנסבילשער ברוסט אין זאַמדיקן טיף אַריין...

אָדער:

> די גאַנצע ווילדע סצענע וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָפּגעשפּילט אין פּירהויז, האָט זיך איר הייס געטומלט אין קאָפּ. זי האָט אַפילו ניט געוואוסט וואו איז איר טאַטנס הויז. אין איר גע־שפּאַנטער נאַקעטער געשטאַלט איז לעבעדיק געוואָרן אַ שטיק מענטשן־געשיכטע פון אוראַלטע צייטן, פון דער צייט אפשר ווען דאָס פרייע ווייב האָט זיך געשיצט קעגן גראָבע אָנפאַלן אין איר נאָרע; און מיט אַ שטיק שטיין צו מיט אַ ביין פאַרטריבן ווילדע זכרים, וועלכע געפעלן איר ניט...

אַזוי דערקלערט אונדז דער דערציילער אין „די וואַנט״ — דעם פערטן טייל פון דער סעריע „עמי הארצים״ — דעם זייער פרימי־טיוון צוזאַמענשטויס פון די געשלעכטער.

די פאָלקסטימלעכע יידישע ליבע־לידער ביי אונדזער דיכטער זיינען זייער חנעוודיק און צניעותדיק אין גייסט פון עכטע פאָלקס־לידער. עס איז אַפילו אינטערעסאַנט ווי אַזוי דער דיכטער נעמט אָפּשייד פון זיינע שטורמישע ליידנשאַפטן, ווען ער דערגרייכט דעם רייפערן און אויסגעצייטיקטן פעריאָד פון זיין שאַפן אין זיין יידיש ליד „דער דאַנק״, דאַטירט 1939, פּאַריז.

> ווי אדם האָב איך געזוכט ביי אייך
> מיין ריפּ דעם אָפּגעשניטענעם, פון וועלכן
> גאָט האָט חוהן אויפגעבויט.

ש. לעשצינסקי

געוואַלט האָב איך נאָר אויסשפּילן מיין גרויסע וואונד,
מיין ווייטיק — היילן און קיינמאָל ניט געהיילט
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איז לאָזט מיר דאַנקען נאָך אַמאָל, די קני אייך קושן —
איידער מיין אַוועקגיין אין חכמים־לאַנד,
וואו געפּיל איז — קינדערשפּיל; וואו ליידנשאַפטן
רויכערן ווי אויסגעברענטע פּלאַקערס.

2

ז. שניאור איז ניט נאָר דער סענסועלער און סענסיטיווער פּאָעט, דער פּאָעט פון ליבע און ליידנשאַפט, נאָר ער קאָמבינירט אין זיין שעפערישן גייסט דעם הויכן אינטעלעקט און די פּראָפעטישע וויזיע. זיין אויפנעמען און אויפפאַסן די נאַטור־דערשיינונגען, זיינען נאַטור־מאָטיוון, זיינען פּאָעטיש העלזעעריש, טיף אַריינדרינגלעך און שטעלן מיט זיך פאָר די אָריגינעלע זעלטזאַמע אייגנאַרטיקייט, אַפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור.

זיינע באַרג־ און טאָל־לידער, פּאָעמעס פון פעלדזן און וואַסער, וואַלד און חיה, פעלד און פלאַנצן, הימל און ערד, ווייזן די ברייטע האָריזאָנטן פון שניאורס פּאָעטישן שאַפן, זיין אייגנטימלעכן שטיפערישן און ערנסטן געוואָגטן אינטעלעקט, די קינסטלערישע קראַפט פון אַ פּלאַסטישן געמעל, די פאַרבנרייכע אימפּרעסיעס פון אַ נאַטוראַליסט, צונויפגעפּאָרט מיט אַ שעפערישער פאָרשטעלונג. ניט קיין געצנדינער אָדער פאַרגעטערטער פון דער נאַטור און אירע סטיכישע דערשיינונגען, ברענגט ער אומעטום אַריין דעם מענטשלעכן געדאַנק און אָפט די מענטשלעכע פאָרעם.

אויך דאָ פאַרבלייבט ער דער וועלטלעכער מאָדערנער יידישער פּאָעט, וועלכע האָט זיך באַפרייט פון דעם רעליגיעזן עקסטאַז און עמאָציעס, צו וועלכע עס זיינען אונטערוואָרפן מערסטע, אַפילו ניט־יידישע דיכטער, ווען זיי ווערן דורכגעדרונגען מיט דער נאַטור. וואָרעם ביי שניאורן איז דער עיקר דער מענטש — דער דעראָבערער פון דער נאַטור, דער באַצווינגער פון דער מאַטעריע, דער אומדערמידלעכער אַנטדעקער פון גאָטס סודות.

אין דעם ציקל „וואַלד קאַפּיטלען" (בוך „פּרקי יער", יובילײ אויס־גאַבע, „דביר", תל אביב, 1933), למשל, זעט אונדזער דיכטער די גאַנצע טראַגעדיע פון וואַלד, וואָס איז פאַרמשפּט צו פאַרניכטונג צוליב

דער אייזנבאַן, וואָס דער מענטש נעמט אונטער אויפצובויען. זיינען די וויזיעס פון לעבעדיקן וואַלד אַזוי מענטשלעך און דאָך שטויגענד־נאַטירלעך וואַלדיש, ווי נאָר אַזאַ אויג פון אייגנאַרטיקן פּאָעט קאָן זען אין דער ווירקלעכקייט און מיט דער פאַנטאַזיע. מיט הערלעכע בילדער און גייסטרייכע אימפּרעסיעס פון אַן אינספּירירטן פּאָעטישן שעפערישן געמיט זיינען איבערגעפילט די סעריע לידער און פּאָעמעס „פון דער זאַקסישער שווייץ״, וועלכע געפינען ניט כמעט קיין פּאַראַלעל אין דער יידישער פּאָעזיע. ער פּערזאָניפיצירט די בערג און פאַרקערפּערט זיין אייגענעם פרייהייטלעכן גייסט, דעם גאַנצן פּאָעטישן שוואונג אין די פּאָעמעס „בהרים״, בוך „גשרים״, אָדער אין „משירי הארץ״, בוך „חזיונות״, וואָס שפּיגלט אָפּ די הויכע מאָס פון זיין אייגענעם אינטעלעקט זיין שעפערישע פאָרשטעלונג און פּאָעטישע וויזיע. אָבער אַלץ קומט אַרויס פון דער גרויסער „מענטשן־זעאונג״ („חזון האדם״, בוך „חזיונות״) פון דעם פולן גלויבן, אַז דער מענטש וועט און מוז סוף־כל־סוף באַזיגן זי, די נאַטור. ליידער קאָן איך דאָ בלויז איבערגעבן אין מיין אָרימער פּראָזע די „זעאונג״, געדיכטעט אין העברעאיש.

„פאַרלאָזן וועט דער מענטש ברודער־קריג, בלוט־קריג
און מיט דער רידיקער נאַטור אַן אויביקן קריג פאַרפירן.
באַשטרייטן וועט ער די נאַטור, די הערשערין פון דער וועלט,
וואָס פאַרמעסט זיך קעגן לעבן מיט בייד־דיכערקייט און אַ
האַנט אַ שטאַרקער.
וועלן זיך די צוויי גיגאַנטישע כוחות פאַרפלאָנטערן אין אַ
פאַרוויקלטן קאַמף:
דער מענטשן־ווילן, זיין געדאַנקן־שפּיל,
און די אומענדלעכע כוחות, די מעכטיקע,
וועלן פילע דורות שטרייטן,
וועלן פילע כוחות געבוירן און צעטראָטן ווערן אין דעמערונג.
אַט שטאַרקט זיך איינער, און אַט זיין שונא, די סטיכיע
אַזוי בייטן זיך דער אויפשטייג און דאָס פאַלן,
אַזוי פאַרגייען אַ סך יאָרן.
אָבער ענדלעך וועט דער מענטש זיגן,
וועט אַלץ אונטעריאָכן
און די נאַטור וועט זיך אונטערגעבן —
אונטעריאָכט, באַזיגט און זיין שקלאַף ווערן.

ש. לעשצינסקי

אַפּילו די שכינה וועט איר שטאָלצע קרוין
פון שטערן אויף דער ערד אַראָפּשליידערן, צעברעכן
און איר גאָלדן צעפּעטער צום מענטשן, איר באַזיגער,
איבערגעבן.
— — — — — — — — — — — — — — —
און גאָט, וועט באַשאַפן די וועלט,
וועט מענטש פאַרזינקען לאַנגזאַם אין די פלוסן פון ליכט...

אָבער דווקא דער דאָזיקער נצחון און די זעלבסט־באַפרייאונג פון דעם מענטש רופט אַרויס ענדלעך ביים פּאָעט מעלאַנכאָלישע, טרויע־ריקע געדאַנקען און שטימונגען.

אָט איז פּאַריז, צום ביישפּיל, די שטאָט פון ליכט אויף דעם ברעג פון דער סענע, אַ דענקמאָל פון דעם זיג פון פרייען מענטשלעכן געדאַנק איבער די געטער, וואָס ער, דער מענטש, האָט אַליין געשאַפן. (זעט די פּאָעמע „אויפן ברעג פון דער סענע", דאַטירט 1912־44, וואָס איז, אגב, איבערגעדיכטעט פון העברעאישן אָריגינאַל פון שניאורן אַליין).

דערשפּירט אָבער דער מענטש זיין שוואַכקייט, ווען ער בלייבט מיט זיך אַליין, זיין איינזאַמקייט און די פּוסטקייט, וואָס רינגלען אים אַרום. נאָך מער ווערט פאַרפאָלגט פון אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען דער יידישער פּאָעט, דער שטאָלצער טרעגער פון אַריסטאָקראַטישן גייסט פון פאָלקס־געניוס, וועלכער האָט אַזוי פּריציייטיק אין דער גע־שיכטע געשענקט דער מענטשהייט די הויכע לערעס פון מאָראַל און סאָציאַלער גערעכטיקייט און צו וועלכע אַפּילו דער וועלטלעכער מאָ־דערנער מענטש איז נאָך אַלץ ניט דערוואַקסן.

אין זיין פּאָעמע „דער מיטלאַלטער קומט אָן" (ימי הבינים מתקרבים, 1913), בוך „גשרים", דאָס העלזעעריש ליד, וואָס ז. שניאור האָט געשריבן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער גרויסער פּאָעט מיט אַ זעלטזאַמער אינטואיציע פאָראויסגעזאָגט דעם נייעם מיטלאַלטער, וואָס איז שפּעטער אָנגעקומען מיט דער דעגענעראַציע פון מערב־איירא‌פּע און דעם היטלעריזם.

און ווידער דערלויב איך זיך איבערצוגעבן אין פּראָזע עטלעכע שטעלעס פון אָט דער פּאָעמע, פון דעם העברעאישן אָריגינאַל, כדי צו געבן אַן אָנונג פון דער אינטואיטיווער קראַפט פון שניאורס מוזע:

האָט אייער האַרץ פאַרנומען אין דער נאַכט
אַ באַשטענדיק קול, ווייט און בייז, נעגל קראַצנדיק אין די
פענצטער?
דאָס קערט זיך איבער דער מיטלאַלטער־שלאַנג צו אַראָפּ־
וואַרפן זיין הויט,
פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע פאַראַליזירט, פאַרקאַרטשעט, טויט־
פאַרשלאָפן,
איינגעקלאַמערט אין זיין פאַרענגטער פעל,
איינגעשלאָפן צו אויסציייטיקן דעם איבערבייט...

— —

און פון די רואינעס ווערט דער אויפגעבראַכטער מיטלאַלטער־
ריז אויפשטייגן נאָך גרעסער און שטאַרקער ווי געווען...

— —

איז פאַרבליבן אַן אַלט־באַדריקטער גאָט, איינגעהילט אין
קליידער — קעניגלעך־פּריסטערישער פּורפּור, אין טאָגעס
פון חכמה און מוסר,
צו דערוואַרעמען זיין דערפרוירן בלוט און פאַרהערלעכן אים
פאַר די אַנשויער פון דער ווייטן.
אָנגעהאַנגען די הייליקע סימבאָלן אויף זיינע ליידיקע און
אויפגעבלאָזענע אַרבל, איז ער די סטראַשידלע פאַר בהמה
און עוף,
אַז די נאַרישע הונגעריקע זאָלן זיך ניט דערוועגן אַריינצוכאַפּן
זיך אין דעם וויינגאָרטן און ענג מאַכן די זויפער, וואָס
ווייסן ניט פון זאַט...

— —

„אַלע נאַקעטע", ווינקט אַ פאָלק צו זיין שכן: „זע וואָס טוט
דער אַנגעטאָנענער ייד צווישן אונדז?! רק פאַרהילט, און אַליין
בלאָנקעט ער... ווער קען זאָגן, וואָס עס באַהאַלט אונטער זיין
אייביקן מאַנטל? אַ תורה, אַן אמת אַ נייעס, אָדער אַן אויפ־
שטאַנד און שאַנד פאַר אַלע?

**און מיטן פולן באַוואוסטזיין פון דעם גורל פון זיין פאָלק פאַר־
ענדיקט דער דיכטער מיט אַ וואָרנונג און פאָדערונג:**

געוונוג אייך צו שטאַרבן ווי הייליקע און איבערלאָזן די וועלט
פאַר טמאים! שטאַרבט מיטן טויט פון שעפער: וואָס פאַרניכטן

און ווערן פאַרניכטעט צוליב דעם נייעם, וואָס גייט אויף און פאַרגייט און דער בראשית־סוד אין זיינע אויגן. הערט אויף הייליקע צו זיין, לערנט זיך העלדן זיין. — — — דער מיטל־אַלטער קומט אָן!

די דאָזיקע „זעאונג" פון אָנקומענדן מיטלאַלטער און דעם שרעק־לעכן קריזיס אין דער אייראָפּעאישער קולטור באַקומט אויף אַ יידישע באַקליידונג אין דער פּאָעמע „פעלקער־דעמערונג", פּאַריז, 1928.

— — — — — — — — — — — — — — — —

גערוועזן זיינען אונדזערע מאַרטירער אומעטום
די וועגווייזער אויף הויכע עשאַפאָטן;
די ברענענדיקע קדושים־פאַקלען.
אין אַלע פעלקער בלאָנדזשעניש;
און אונדזער פיין — אַ מוסטער אויסצוהאַלטן
אַלע פּרוּוואונגען און בלייבן גאַנץ.
אומזיסט!... מיר שטייען ווידער אין אַ מדבר
אָן לוחות און אָן אַ פאָטערלאַנד.
און ווידער רויטלט זיך אַ בין־השמשות
אַ מיטלאַלטער־דעמערונג...

אָבער דער דאָזיקער לאַנג־פאַרצויגענער קריזיס און די אַנטוויקלונג אין דער אייראָפּעאישער קולטור האָט פונדעסטוועגן ניט צעבראָכן דעם פּאָעטישן דראַנג פון דעם דיכטער און האָט ניט אָפּגעשטעלט די פּראָפעטישע זעאונג און שטרעבונג צו אַ בעסערער און שענערער וועלט.

דער „אַרבעטער כאָר", פון דעם ציקל „ביים אייזערנעם פולט", רופט אויס:

ווער שאַפט אונדז די רעליגיע פון רו?
צו אָפּשפּאַנען אַ געדולד, אַ טוידנטיאַריקן
אַ מידקייט פון די פּיראַמידן ביז די וואַלקנקראַצער־בוים,
און האָבן צייט, אַ, צייט צו אָפּריכטן
אַ שבת איבער אַלע שבתים...

אָדער אין „אַ ליב־געזאַנג דער מלכה" פון די „שבת־לידער" זעט דער דיכטער:

אַז אַלע שטרייטן, אַלע וועלט־מלחמות
פון פעלקער און פון קלאַסן —

האָבן אויפגעפלאַקערט אַלעמאָל און אומעטום
צוליב דיר אַליין, פּרינצעסין שבת!...

און מיט אַ באַגייסטן גלויבן אין דעם זיג פון מענטש איבער דער נאַטור זעט ער נאָך אַלץ:

און נאָר פון כמורנעם דומם (די אומאָרגאַנישע וועלט — ש. ל.)
פון פאַרהאַוועטע מאַשינס
וועט טריפן הייסער פעטער שווייס;
נאָר זיי וועלן ניט רוען און ניט דענקען
ביז די שטיינבילד־מוזעס, מיט די אָפּגעהאַקטע נעז, וועלן אָפּלעבן,
ביז דאָס לעבן וועט אין גרויסער שבת ווערן,
און ווידער פון אַלימפּ אַראָפּשטייגן,
ליבלעך פריש, ווי אין דער ערשטער יוגנט.

(„ווען די וועלט וועט זיך באַפרייען״).

3

אין באַצוג צו יידיש איז ז. שניאור אין אונדזער ליטעראַטור אַ יחיד־במינו, אַן איינציקאַרטיקע און אייגנאַרטיקע דערשיינונג, איינער וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט יידיש אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געטראָגן די קרוין פון דער העברעאישער פּאָעזיע, און האָט אָנגעהאַלטן זיין אינטימע שייכות פאַר דער גאַנצער שטרעקע פון זיין ליטעראַרישער פּאָעטישער קאַריערע.

האָט אויך, צום ביישפּיל, ביאַליק געפלירטעוועט מיט דעם יידישן פּאָעטישן פאָלקס־שאַפן, איבערזעצט און געשאַפן אַליין פאָלקס־לידער אין יידיש. אָבער בלויז שניאור איז אַזוי צונויפגעוואָקסן אָרגאַניש מיטן יידישן פאָלקס־געניוס, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון זיין אייגענעם שעפערישן גייסט איז ער אויסגעוואָקסן צו דעם ריז פון אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז שניאורס העברעאיש איז אונטער־געוואָרפן צום גרויסן מייסטער, וועלכער לאָזט זיך ניט באַהערשן פון דער שפּראַך (ווי ס'טרעפט יאָ אָפט ביי ח. נ. ביאַליק) דעריבער האָבן מיר דאָ אפשר איינע פון די אורזאַכן פאַרוואָס אונדזער דיכטער איז ניט פאַרשלונגען געוואָרן אין העברעאיש און האָט דווקא זיך געפונען אין יידיש מיט אַזאַ היוכער דערגרייכונגס־קראַפט, מיט אַזעלכע גרויסע ווערק, באַזונדערס אין דער עפּישער, דערציילערישער פּראָזע. שניאור

האָט זיך קיינמאָל ניט איזאָלירט פֿון יידיש און יידישן שאַפֿן, וואָרעם אין אַלע זיינע לירישע מאָמענטן האָט שטענדיק אויפֿגעטויכט די וויזיע פֿון פֿאָלק און אין זיין אינטעלעקטועלן דענקען איז ער אפשר דער שטאָלצסטער און באַוואוסטזיניקסטער יידישער פּאָעט פֿון אונדזער צייט.

דער אינטואיטיווער בליק און די פּאָעטישע העלזעערישע וויזיע פֿון אָנקומענדען שוידערהאַפֿטיקן קריזיס אין אייראָפּע האָבן נאָר פֿאַרשטאַרקט דעם אינערלעכן רוף פֿון פּאָעט צו זיך און צו זיין פֿאָלקס־אָפּשטאַם:

„וואו זייט איר אַצינד, איר דעמבענע יידן מיט די ברייטנאָזיקע שטיוואַלעס און מיט די צעשוואומענע פֿאַרברענטע נעזער ווי ביי לייבן? איר באַלעגאָלעס, קצבים, לאַסט־טרעגער, ליימער, זעגער... עם־הארצים האָט מען אייך גערופֿן... דער באַהעלטער פֿון געזונט בלוט און ערדישע ליידנשאַפֿטן זייט איר געווען אין פֿאָלק ישראל. ווען ניט די רויטע זאַפֿט פֿון אייערע שטאַרקע אברים, ווען ניט דער אוראַלטער פֿייער פֿון אייערע אָדערן — וואָלטן אויף דער יידישער גאַס געבליבן מערידאַלניקעס, פֿאַרשפּיצטע בלייכע נעז, קרומע קעפּ, ווינט־מענטשן, אויסגעצוואָגענע לייבער פֿון פֿרוי־מאַקעס נעווראסטעניקער... די פֿונקן פֿון ליבעס האָט איר באַהאַלטן. דאָס גליק פֿון אַרבעט האָט געטליעט אין אייער לייב, די בענקשאַפֿט נאָך פֿעלד און וואַלד קומט פֿון אייך, פֿון אייער ערדישער פֿעסטקייט, פֿון אייערע מעשיות. דער ווילן צו צעברעכן די לעצטע טויערן פֿון דער געטאָ שטאַמט אויך פֿון אייך. פֿון אייער מיטן האָט דער נייער קוואַל פֿון דער וועלט־באַפֿרייאונג אויפֿגעשלאָגן און צעגאָסן זיך איבער יונגע דורות. פּונקט ווי אייערע עלטערן זיינען אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן באַלעמער צו דער תּורה, אַזוי אייערע קינדער — אויף די עשאַפֿאָטן. און פֿון הויכע תּליות האָט איר אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פֿון נייע צייטן... די קלענסטע צאָל פֿון איבערלויפֿער, די אומשעדלעכסטע משומדים זיינען פֿון אייך אָפּגעפֿאַלן, ווי זשאַווער פֿון הייס געקאָוועטן אייזן...״ (זעט פֿאָרוואָרט צו „נח פּאַנדרע״).

אָט אַזוי באַזינגט ז. שניאור דעם פֿאָלקס־מענטש און אָט פֿון וואַנען ער האָט גענומען שעפֿן באַגייסטערנדיקן מאַטעריאַל פֿאַר זיינע נייערע גרויסע ווערק, וועלכע זיינע אויסגעוואָקסן אין יידיש.

זיינע פֿריערדיקע בייסנדיקע סאַטירעס און גיפֿטיקע איראָניעס

זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון לירישער עפּיק. צום צווייטן מאָל איז ער אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען עס האָט שוין געשוויבלט און געגריבלט מיט שעפערישע דערציילער און גרויסע ראָמאַניסטן, און האָט דאָך באַלד פאַרנומען זיין אייגנאַרטיקע פּאָזיציע.

ווי אַ נייער, אומאויסשעפּלעכער פאָנטאַן, האָט אַ שלאָג געטאָן ביי אונדזער גרויסן העברעאיש־יידישן דיכטער זיין עפּיש־דערציילעריש שאַפן אין דער יידישער פּראָזע. ער האָט נאָך אַמאָל אַנטדעקט פאַר זיך און פאַר אונדז דאָס פאָלק, די פּשוטע און פעסטע עלעמענטן פון פאָלק, וואָס טראָגן אויס די יידישע געשיכטע, די יידישע ליידן, אויף זייערע אייגענע פּלייצעס און וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונדזער קיום און דאָס גאַנצע וויטערדיקע שפּינען די געשיכטלעכע פעדים *).

אָבער ניי און דערפרישנדיק איז ניט נאָר דאָס אויפדעקן פון דעם פאָלקס־קוואַל ביי דעם גרויסן פּאָעט און ראָמאַניסט, אָבער אויך דאָס ברייטע און פּינקטלעכע וויסן פון דער אָביעקטיווער וועלט, זיינע גענויע און דעטאַליזירטע שילדערונגען פון יעדן ווינקל פון דער אָרגאַנישער און אומאָרגאַנישער נאַטור, זיין אינטואיטיוו אַריינדרינגען אין לעבן פון חיות, פונקט ווי זיין באַקאַנטשאַפט מיט די פלאַנצן — בלומען פון די פּרעכטיקסטע פאַרבן און שאַטירונגען, וואָס מען טרעפט ניט כמעט ביי קיין איינציקן יידישן דערציילער אָדער פּאָעט אין אונדזער ליטעראַטור.

*) דער פינפבענדיקער ראָמאַן „קיסר און רבי", וואָס וואָלט געקאָנט זיין ז. שניאורס קרוין־ווערק, וואָלט באמת געקאָנט און געזאָלט ווערן זיין העכסטע דערגרייכונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

האָט זיך אָבער שניאור פאַרמאָסטן ניט נאָר אויף אַ היסטאָרישן ראָמאַן, נאָר אויך אויף אַ פּראָבלעמען־ראָמאַן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער עדיפּוס־געשיכטע מיט ר' מרדכי ליפּעלערס טאָכטער, וועלכע איז דערגאַנגען צו אים און „האָט אַפילו זיך געטראָגן אין די חב"דישע קרייזן", מיט וועלכער דער דיכטער האָט געוואָלט צעמענטירן די אָנגעפּיקעוועטע מיט פּערזאָנען און עפּיזאָדן קאַפּיטלען פון זיינע סעריעס. ער האָט געוואָלט שאַפן ניט נאָר דעם היסטאָרישן, נאָר אויך דעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן על פּי דער מאָדערנער טעכניק, און גראַדע דאָס איז אים ניט גאָר געלונגען.

יעדנפאַלס האָבן מיר באַקומען אַ גרויס ווערק, וואו עס פיגורירן די קלאַסישע פיגורן און גרויסע העלדישע גייסטער פון דעם ווילנער גאון און דעם אַלטן רבין זלמן שניאורסאָן, מיט דעם גאַנצן יידישן און ניט־יידישן הינטערגרונט, מיט אַזאַ שלל פון קענטשאַפט, ווי נאָר אַזאַ קינסטלער ווי ז. שניאור האָט געקאָנט אַסימילירן און רעפּראָדוצירן אין זיינע ווערק.

ז. שניאור, אַלס פּאָעט פון גרויסן שוואונג און פּאַרמעסט, טראָגט שוין פון זיינע פריסטע יאָרן (און ער איז אַריינגעטראָטן אין דער ליטע־ראַטור ווי אַ וואונדער־קינד) דעם פּולסטן באַוואוסטזיין פון זיין אויפגאַבע און פון די פונקציעס פון פּאָעזיע.

„זאָל עס מיין רעכט, זאָל מיין זינד זיין!
און ווי באַצווינגט זאָל מיין שטאַרקער ווילן ווערן,
דעסטאָ קרעפטיקער דער ווידערשטאַנד.
און אומגעוואָרפן זיין באַדריקער לייכט בליץ־שרעקנד —
דער וועלטס נביא בין איך

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל די גרויסע שיינהייט־נשמה, וואָס בלאָנדזשעט
און וויינט און קיינער פאַרנעמט זי ניט, פאַרוועבן אין אייבי־
קייטס־ליד אַ מעכטיקע, און וועל צוגעבן פון מיין בלוט
און מוח
און עס פאַר דער וועלט צעשמעטערן — עזות־פּנים בין איך".

איבערזעצט פון העברעאישן אָריגינאַל
„משירי הנביא", בוך „גשרים" — ש. ל.

די חוצפּהדיקייט, די דרייסטקייט און געוואַגטקייט זיינען די ערשטע סימנים געווען פון דער אויפברויז פון שניאורס קרעפטיקער פּאָעזיע, צוגעבנדיק צו דעם הויפּט־כאַראַקטער פון זיין פּאָעטישן שאַפן דעם אימפּולס פון אַ יוגנט־קאָמפּלעקס, מיט וועלכן עס איז אָנגעשטעקט געוואָרן אונדזער ליטעראַטור. דירעקט אָדער אומדירעקט האָט דער דאָזיקער דראַנג און אימפּעט געגעבן דעם שטויס צו באַנייאונג און אויפ־לעבונג פון יידישן וועלטלעכן שעפערישן גייסט.

„מיך ציט צו יענע, וועמענס וועג
אַ שטורעם האָט געוויגט;
וועמ ס'איז געוואַקסן האַרט און פריי
מיט גאָט און שד צעקריגט..."

דאָס איז געווען די קווינט־עסענץ פון זיין אימפּעטיקן ליד. און כאָטש אַזוי אייפערזיכטיק לירישׂ און עגאָצענטריש איז געווען די געבורט פון שניאורס ליד, האָט זיין שעפערישע פּאָעזיע וואָס ווייטער אָנגעהויבן אַרויסווייזן צייכנס פון אָביעקטיווער עפּישער קונסט.

זיין פאַרמענשטלעכונג פון דער נאַטור און זיין פּערזאָניפיקאַציעס, די רייכקייט פון פאַרבן און ניואַנסן האָבן אַנטהאַלטן קערנער פון

עפּישער אָביעקטיווער דערציילערישער קראַפט, און ער איז געוואָרן אַ צווייטער ריז, אַ גרויסער נאָוועליסט און ראָמאַניסט אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָך דעם ווי ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט געטראָגן די קרוין פון דער העברעאישער פּאָעזיע. אַ סך פון זיינע אָריגינעלע און באַ־דייטונגספולע שאַפונגען אין העברעאישער פּאָעזיע, האָט ער אַריבער־געפלאַנצט אויך אין יידיש. אָבער אין יידיש איז ער אויסגעוואָקסן הויפּט־זעכלעך פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אַלס איינער פון די גרעסטע ראָמאַניסטן און עפּיקער פון אונדזער צייט.

מ. ז. פייערבערג

1

וואָס ווייטער אונדזער צייט רוקט זיך אָפּ פון דער געבורט און אָפּשטאַם פון דער טראַגיש־פּאָעטישער דערשיינונג מרדכי־זאב פייער־בערג אין אונדזער יונגער העבּרעאיש־יידישער ליטעראַטור, אַלץ אייגנ־אַרטיק בולטער און איינציקאַרטיק־דייטלעכער טרעט אַרויס די פיגור און דאָס שאַפן פון דעם זייער יונג פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער. זיין שאַפן געהערט צו יענעם זעלטענעם עכטן און דערפאַר גרויסן עלעמענטאַרן קינסטלערישן דראַנג ביי יעדן פאָלק, ווען די קווינט־עסענץ פון פאָלקס מהות, פון זיין לעבן און וועזן, ווערט צונויפגעגאָסן מיט דעם פּאָעטס אייגענער נשמה. במילא ווערט דער קינסטלער גופא דאַן אַ סימבאָל, אַן אָנזאָגער און טרעגער פון פאָלקס־גורל.

דערפאַר איז אין אַזאַ צייט ווי אונדזערע, ווען דער גורלדיקער וואָגשאָל פון אונדזער פאָלק איז אַזוי אויפגערודערט און צערשטערט, טאַקע באַזונדערס וויכטיק צו איבערוועגן און נאָך אַמאָל דערבליקן די גאַנצע מיסטיק, די קערנער און זוימען, וואָס זיינען פאַרזייט אין דעם דאָזיקן קורצן שאַפן, כאָטש ס'איז גיכער געווען אַן אויפברויז און ניט קיין אויסגעדייטעטער, אויסגערייפטער וואוקס און אַנטוויקלונג.

ווי אַ צאַרטע בלום, וואָס האָט נאָך קיין צייט גענוג ניט געהאַט צו עפענען אירע בליטן, איז דאָס דאָזיקע שאַפן אַזוי אָריגינעל אייגנ־אַרטיק, אַז ס'איז שווער צו געפינען שפּורן פון אויסערלעכן איינפלוס אין דעם דאָזיקן עלעמענטאַר קינסטלערישן אויסדרוק. (חוץ אפשר פייערבערגס אידעאָלאָגישע סימפּאַטיעס פאַר אחד העם).

און אַ גרויסע געפאַר האָט געלויערט, ווען דער ראַציאָנאַליסטישער פּובליציסט און סאָציאָלאָגישער דענקער, נאָר ניט זייער קינסטלעריש געניייגטער אחד העם האָט גענומען מיט פיל אויטאָריטעט צו מדריך זיין דעם יונגן קינסטלער, אָדער אַפילו צו אונטערדריקן געוויסע פּראָ־דוקטן פון יענעמס האַרץ און פען. אַזוי צאַרט איז דאָס פּאָעטיש שאַפן געווען פון פייערבערגן, ווען זיינע קינסטלערישע שפּראָצונגען זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אחד העם!

האָט דאָך אחד העם, צום ביישפּיל, געוווּרקט „אויסצובעסערן" געוויסע עפּיזאָדן פון דער לעגנגערער, אַזוי צו זאָגן, לירישער פּאָעמע „וואוהין?" („לאָן"), און האָט אויסגעבראַקירט די „עלעגיע" הצללים („שאָטנס"), און ס'איז שווער צו זאָגן ווי גרויס די געפאַר איז געווען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַזאַ צאַרטן און שעפערישן גייסט, פון אַזאַ גרויסער ייִדיש־פּאָעטישער נשמה.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז פון אָנפאַנג שוין די דאָזיקע שאַ־פונג פייערבערגס, וועלכע באַשטייט אינגאַנצן אפשר פון אַ האַלבער טוץ קלענערע דערציילונגען און סקיצן, ווי „דאָס קעלבל", „די קמיע", „יעקב השומר", „די שאָטנס" און דערהויפּט „לאָן?" (וואוהין?), פּאַרטיפּט אין יענע אורקוואַלן פון ייִדישן מהות, לעבן און וועזן, וואו אַפילו אונדזערע גרעסטע דיכטער און דערציילער האָבן נאָך פּאַרפעלט צו אַריינדרינגען, און האָבן זיי בלויז אָנגערירט פון אויבנאויף.

עס איז גענוג צו פאַרגלייכן אַזעלכע מאָטיוון, ווי די פון „על ספר בית המדרש" אָדער „המתמיד" ביי ח. נ. ביאַליקן מיט די פּאָעטישע מאָטיוון, וועלכע פילן אָן, כמעט איינציייטיק מיט ביאַליקס שאַפונגען, דעם גאַנצן לירישן אויסגוס פון פייערבערגס פּראָזע, וועלכע איז דאָך הוילע פּאָעזיע. און איר וועט זען, ווי אויבערפלעכלעך און כמעט אינהאַלטלאָז זיי זיינען ביי ביאַליקן לגבי דעם שטראָם פון רעפלעקסיעס, געפילן, שפּירונגען און באַטראַכטונגען, עמאָציעס און וויזיעס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר יעדע סקיצע פייערבערגס.

עס שלאָגט אָפּ פון דער דאָזיקער ליריק — און ליריק איז דער־ווייל דער איינציקער אויסדרוק פון דער עכטער ייִדישער קונסט־פאָרעם — מיט אַזאַ טיפקייט פון פּסיכאָלאָגישן זעלבסט־אַנאַליז, מיט אַזאַ עכאָ פון ווייטע פאַרגאַנגענע דורות, מיט אַזאַ פאַרוואָרצלטקייט אין דער פאָלקס־נשמה, אַז עס דערמאָנט איך דעם געניאַלן רוסישן קינסטלער דאָסטאָיעווסקי; כאָטש נאַטירלעך די זעלבסט־אַנאַליז פּע־איקייט פון דעם צוואַנציק־יעריקן פייערבערג האָט נאָך געמוזט זיין אין אַ עמבריאָנאַלן צושטאַנד.

די פּאַרטיפּטקייט אין גאַנצן ייִדישן פּסיכישן קאָמפּלעקס, די העל־זעערישע וויזיע פון דער גאַנצער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און די פּאָזיטיווע איבערלעבע אַנטשיידנדיקע ווענדונג, די קרובהשאַפט פון פייערבערגס פּאָעטישער נשמה מיטן גרויסן ייִדישן קאָלעקטיוו, די סימפּאַטישע באַלאַנסירונג אויף דעם וואָגשאָל פון גלאָרייכן ייִדישן עבר, דאָס מיטלעבן און באַלעבן קינסטלעריש־פּערזענלעך די פאַר־

באַרגענסטע ווינקלען פון דער יידישער נשמה אין אירע אַלע צאַפּלע־נישן און ראַנגלעניש — גיט צו אַזאַ שטויענדיקע שפע פון רייכקייט און ערנסט צו דער יוגנטלעכקייט און צאַרטקייט פון וואָרט־קינסטלער גופא.

שוין פילע יאָרן ווי איך קוק זיך צו צום סדר העולם און די פירונגען פון אונדזער פאָלק און איך בין דורך דעם צו פיל טרויעריקע געדאַנקען געקומען.

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען אַ תהום אַ גרויסער... און איך האָב די דאָזיקע געדאַנקען דיר בירושה געוואָלט איבער־לאָזן, ווי די עלטערן מיינע האָבן אויך מיר זייערע געדאַנקען בירושה איבערגעלאָזט. אַ געדאַנק אָבער קאָן מען ניט גלאַט מיט רייד איבערגעבן, יעדער געדאַנק ווערט אין מאַרך אָנגענומען נאָר נאָך פיל אַריינטראַכטן זיך אין לעבן און נאָך פיל דער־פאַרונגען און איך — איך קאָן דיר ניט אַרויסהעלפן, איך קאָן דיר ניט דעם אַלגעמיינעם שליסל געבן, כדי דו זאָלסט מסוגל זיין צו ירשענען די מחשבות מיינע און ווייטער ציען, ווי איך האָב פון מיינע עלטערן זייערע מחשבות גערשנט און זיי ווייטער געצויגן. *

אַזוי רעדט נחמנס פאָטער צום זון, דעם העלד פון „לאָן?" (וואוהין?) און אַזוי זעט דער פּאָעט פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט דעם איבערגאַנג פון אונדזער גרויסער ירושה פון דור צו דור, ניט ווי אַ פאַרגליווערטע טראַדיציע, נאָר ווי אַן אינדיווידועלע פערזענלעכע באַלעבונג און דערפאַרונג פון יעדן פּרט.

וואָרעם דאָס וואָס מיר רופן יידנטום, אין דער רעליגיעז־קולטורע־לער הינזיכט, איז קיינמאָל ניט געווען קיין טויטע ירושה, נאָר שטענ־דיק נייערע איבערלעבונגען און ווידער־דערפאַרונגען, נייערע און ווייטערע אָנזאַמלונג און אָנווענדונג פון גייסטיקע כוחות, אַן איב־דיווידועלע באַקליידונג פון דעם יידישן יחיד, וועלכער האָט אין יעדן דור, אין יעדער צייט זיך גערעכנט „ווי ער אַליין איז געשטאַנען אונטער דעם באַרג סיני צו מקבל זיין די תורה".

---

* כמעט אַלע ציטאַטן און אויסצוגן זיינען גענומען פון ש. צ. זעצערס יידי־שער איבערזעצונג פון מ. ז. פייערבערגס „לאָן?" און אַנדערע העבראַישע שריפטן. זעצער, אגב, איז געווען אַ יוגנט־פריינט און אפשר דער נאָענטסטער מענטש צו דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם גאָט־געבענטשטן פּאָעט. זעט זיינע דערינערונגען אין זיין בוך „מ. ז. פייערבערג". — ש. ל.

אַ ראָמאַנטיש טיפער געפיל, וואָס דערגרייכט צו דער מדרגה פון רעליגיאָזיטעט, באַהערשט דעם גאַנצן לירישן אויסגוס פון פייערבערג און ער אַליין פילט אָן מיט הייליקייט די נאַטור, און די וועלט זיינע איז פול מיט זעאונגען...

עס טרעפן אויך אַזוינע מאָמענטן, וואָס איך זע גאָר אינ־גאַנצן קיין ספרים ניט פאַר מיר, נאָר מענגען מענטשן און רייען גאַנצע פון פאַרשוואונדענע דורות... און ווי שטראַלנדיק עס איז די צאַרטע הויט פון זייערע געזיכטער... זיי קומען פון די שאַפעס ספרים אַרויס און מישן זיך מיט די שוואַרצע נאַכט שאָטנס אויס...

און פון אונטער די פיס פון די מענטשן, וואָס גייען פון די שאַפעס ספרים אַרויס, ציען זיך טייכן בלוט... און אין דעם בלוט שיינען פון די צעבראָכענע און צעשטויבטע גופים אַזוינע הויכע און הייליקע נשמות אַרויס... דאָ בין איך ניט אַליין. דאָ זיינען נאָך פיל גליקלעכע ווי איך פאַראַן... דאָ זע איך די אַלע גוטע און ליכטיקע וועלטן, וואָס פאַר מיר, און די אייביקייט און דעם פּראַכט, וואָס הינטער מיר... דאָ... ווי ברייט עס איז די וועלט מיינע דאָ... און אינמיטן דעם שטורמען פון די ביטערע און שרעקלעכע געדאַנקען, וואָס פאַרפלייצן מיט אַ נאָגנדיקן אומעט דאָס האַרץ מיינס און פאַרפינצטערן די אַלע פיבערן פון דער נשמה מיינער מיט דעם שוואַרצן געמיט זייערן — ביים אָנזען פון דער „שוידערלעכער אומשטערבלעכקייט" פון שאַנד און שמאַך, פון קערפּערלעכע און גייסטיקע ליידן — וואַכט אויף אין האַרצן מיינעם אַ געפיל פון שטאָלץ און גבורה, ווען איך זע, אַז צענדליקע טויזנטער פון אָט יענע אומגליקלעכע קרבנות לעבן נאָך אויך איצט און עקזיסטירן. זיי לעבן און עקזיסטירן פיל מער נאָך פון די, וואָס האָבן פאַר זיך מאָנומענטן אויפגעשטעלט, דורך דעם, וואָס זיי האָבן חורבות אין באַ־וואוינטע שטעט פאַרוואַנדלט. זיי לעבן און עקסיסטירן צווישן צעפוילטע קאַסטנס און שאַפעס, צווישן פאַרוועלקטע און פאַר־שימלטע בלעטער.

דאָס זיינען די רעפלעקסן און אויפגעלעבטע וויזיעס דורך די „שאָטנס", וואָס אחד העם האָט זיי פאַרבראַקירט און וואָס גיבן אונדז אַ העלערן אַריינבליק אין דעם אָפּגעלעבטן און פאַרשטויבטן יידישן

עבר. „די שאַטנס" זיינען עד־היום פאַרבליבן די אָריגינעלסטע יידישע עלעגיע, וואו די לירישע אַקאָרדן פון אַ גרויסער פּאָעטישער נשמה האָבען איבערגעגאָסן די יידישקייט ווי זי איז פאַרקערפּערט אין אונדזער גייסטיקער ירושה, ווי זי גייט איבער פון דור צו דור און קען ווערן אויף דאָס ניי דאָס אייגנטום פון יעדן יחיד.

נאָך דער דאָזיקער באַלייכטונג און באַלעבונג דורך „די שאַטנס" און אין „לאָן"? ווערט אונדז באַשיינפּערלעך קלאָר, פאַרוואָס דאָס יידיש פאָלק, אַ פאָלק פון הייליקע און מאַרטירער, האָט ניט געקאָנט באַזיגט ווערן אונטער דעם דרוק פון דער גריכישער קולטור אָדער דעם רוימישן פּויפּסט, און פאַרוואָס עס האָבן אים ניט פאַרטיליקט די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע.

וואָרעם עס איז ביים יידישן פאָלק שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ זאַמ־לונג און שפּאָרונג פון גייסטיקע כוחות, וועלכע האָט געשאַפן דעם נויטיקן רעזערוואואַר פאַר יענע קריטישע מאָמענטן, ווען עס האָבן זיך געפאָדערט די גרעסטע רעסורסן פאַר ווידערשטאַנד און ווייטערן אָנהאַלט פון עקזיסטענץ. די פאָלקס־נשמה האָט געטראָגן און אויפ־געהיט די קאָלעקטיווע אוצרות פון היסטאָרישע דערפאַרונגען, אַזוי ווי דער יחיד טראָגט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין און פרעזערווירט אַלע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. די דאָזיקע אומזיכטבאַרע אַקומו־לירונג שטעלט פאַר דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון קאָלעקטיוון יידנטום און שאַפט די רעזיסטענץ־מיטלען פאַר דעם קיום פון דעם פאָלק.

אַזוי אַרום האָט פייערבערג מיט זיין לירישן פערזענלעך־קינסט־לערישן איבערלעבן דעם גרויסן יידישן עבר אונטערגעשטראָכן בולטער די גייסטיקע אידענטיטעט פון יידישן פאָלק און האָט אַרויסגעבראַכט די יידישע טראַדיציע אין איר גאַנצן דינאַמישן כח.

2

דער היסטאָרישער שיקזאַל האָט אַזוי באַשטימט, אַז דאָס יידיש פאָלק זאָל פיזיש צעשטויבט ווערן. און אַפילו אין דער קאָנצענטרירטער פאָרעם פון זיין עקזיסטענץ זאָל עס ניט לעבן אונטער גייסטיקע אָפּגעזונדערטע באַ־דינגונגען און זאָל ניט קענען זיך פאַרשליסן און אָפּשליסן זיך אין זיך זעלבסט, נאָר זאָל שטענדיק זיין אויסגעזעצט צו די סכנות פון פאַרשלונגען ווערן פיזיש און גייסטיק פון די אַרומיקע פעלקער. אָבער דווקא די דאָזיקע טראַגישע אומשטענדן האָבן געדינט צו אויפוועקן

אין פאָלק ווידערשטאַנד דורך אַן אומאויפהערלעכן געראַנגל מיט זיך און מיט דער אַרומיקער וועלט.

די לירישע אַקאָרדן פייערבערגס, כאָטש אין הוילער פּראָזע, טראָגן די שפּורן פון די אַלע שטורמישע געראַנגלען און קאָנפליקטן, פון דער גרויסער אינערלעכער דראַמע פון אַ גייסטיקן פאָלק־אָרגאַניזם, פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס איז שטענדיק באַדראָט פון אינערלעכע און אויסערלעכע געפאַרן, וואָס איז שטענדיק אויף דער וואַך, בכדי צו אָפּהיטן זיין אידענטיטעט און באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ.

די וועלט איז שרעקלעך און דאָס לעבן איז שרעקלעך און אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן לעבן דאַרפן מיר מלחמה האַלטן שטענדיק מיט שרעקלעכע כוחות, וואָס לויערן אויף אונדז שטענ־דיק... מיר דאַרפן מלחמה האַלטן מיט די „גויים", מיט די „קוימען־קערערס"; מיט די אומריינע שפּינען, וואָס האָבן גע־בראַכט פייער צו פאַרברענען דעם בית־המקדש; מיט דעם גלות — מלחמה האַלטן, — מיט די שדים און רוחות און מיט דעם יצר הרע...

עס איז דעריבער פאַראַן ביי פייערבערגן פון דעם קאַמף און גע־ראַנגל, פון דער מלחמה אויף לעבן אָדער טויט און פון דעם חוב, וואָס יעדער באַוואוסטזיניקער ייד טראָגט אויף זיך, צו זיין „דער זעלנער", צו אויסקעמפן גאָטס שלאַכטן, די מלחמת מצווה פאַר דער יידישער עקזיסטענץ און רעסיסטענץ.

...דער וואָס פאַרמאָגט עפּעס, באַדאַרף עס היטן און פאַר־טיידיקן קעגן אַנדערע; און וואָס טייערער דער דאָזיקער עפּעס איז, אַלץ גרעסערע שמירה באַדאַרף עס האָבן און אַלץ שטאַרקערע פאַרטיידיקער. מיט מער ווי דריי טויזנט יאָר צוריק האָט אונדז גאָט די תורה זיינע געגעבן און האָט אונדז פאַר זיינע זעלנער געמאַכט. מיר זיינען די אַרמיי פון דער גאָטהייט און פון קדושה אויף דער וועלט... וואָרעם אַ הייליק פאָלק ביסטו צו גאָט דייך גאָט, און דיך האָט ער אויסדערוויילט דו זאָלסט פאַר אים אַן עם סגולה זיין צווישן אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אויף דער ערד.

דאָס איז די רעליגיעז־קולטורעלע ריכט־שנור און די ראַמען פון דער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע פון אַ פאָלק, וואָס האָבנדיק זיך פאַרמירט, איז עס געוואָרן אומצערשטערבאַר אַ דאַנק דער אינערלעכער ווירק־זאַמקייט, היסטאָרישן זכרון און באַוואוסטזיין, אַ דאַנק די טיפסטע

און אַקטיווסטע כחות וואָס עס באַנוצט קעגן אינערלעכער און אויסער־לעכער געפאַר פון צעשטערונג און פאַרניכטונג. צוליב דער דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, דינאַמישער פּסיכיק און גייסטיקער רייכקייט; צוליב די דאָזיקע אומאויסשעפּלעכע אינערלעכע גייסטיקע אוצרות; צוליב דער דאָזיקער ספּעציפישער אייגנשאַפט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, זייט איר פאַרצייטיקן אורשפּרונג, צו ווידעראויפשטעלן דאָס גייסטיק אייגנטום נאָך פּעריאָדישער אויסשעפּונג, צו אויפהיטן און אָנזאַמלען נייע כוחות, איז דאָס יידיש פאָלק, אַלס איינס פון די עלטסטע מזרח־פעלקער, לויט זיין אָפּשטאַם, געוועזן און פאַרבליבן אפשר דאָס קולטורעלסטע, וואָס האָט, באַזונדערס אין דער ביבל, געפונען זיין אייגענעם אויסדרוק פאַר זיין אינערלעכן וואוקס און אַנטוויקלונג.

און פייערבערג, — מיט דעם פאַרשאַרפטן חוש פאַר די גייס־טיקע אוצרות, מיט זיינע קינסטלערישע וויזיעס פון דעם גרויסן יידישן עבר, — איז געוואָרן דער דיכטער פון דער גייסטיקער יידישער העלדישקייט.

אָבער ניט נאָר בנוגע דעם יידישן עבר ווייזט זיך אַרויס, כאָטש עמבריאָנאַל, די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן יידישן קינסטלערישן שאַפן, נאָר אויך אין דעם פּראָפעטישן פּראָגנאָז פון דער יידישער צוקונפט. מיט דער טיפקייט פון אַ דאָסטאָיעווסקי און לאַנג פאָראויס פאַר דער פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון דעם „אונטערגאַנג פון מערב", ברענגט פייערבערג אַרויס, דורך נחמנען (העלד פון זיין וואונדערלעכער גרעסע־רער דערציילונג „וואוהין!"), אינטואיטיוו און העלזעעריש, אַז

איראָפּע איז איצט קראַנק; אַלע פילן, אַז די געזעלשאַפט איז צעטרייסלט און אירע פונדאַמענטן זיינען צעפוילט. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז מיד און דערשעפּט. זי דורשט נאָך גאָטס וואָרט, נאָך אַ נביא און געזעצגעבער. די קליינע נביאים, וואָס זי ברענגט אַרויס פון זיך, גיבן אין איר כח אַריין נאָר לפי שעה, נאָר אויף אַ קליינע ווילע. הונדערט יאָר האָט קאַנט באַלעבט געהאַלטן די געזעלשאַפט. אַ הונדערט יאָר אפשר וועט דאַרווין די מוחות האַלטן באַשעפטיקט...

און ווי אַן אינטואיטיווע אַנטפּלעקונג דערזעט ער דעם סם, וואָס די נייע און אַלטע שונאים, די פאַרשטייער פון דער, אַזוי גערופענער, קריסטלעכער קולטור, האָבן אַריינגעבראַכט אין אַלע פאַרבאַהאַלטענע ווינקלען פון דער מענטשהייט צו אָפּטויטן דעם יידישן גייסט.

דער ייד פילט, אַז אונדזער לופט איז פול מיט סם און גאַל

פון שלאַנגען — די עלטערע שרייבער (פון דער השכלה ליטע־ראַטור — ש. ל.) האָבן געפונען די אורזאַך פון סם אין חדרים און מלמדים און אָבערגלויבנס, ווען אין דער אמתן זיינען סיי דער חדר, סיי דער מלמד אָדער די אָבערגלויבנס בלויז געווען די רעזולטאַטן פון דעם סם, וועמענס אורשפּרונג שטאַמט פון אַנדערע קוואַלן, פון אַנדערע געקייטלטע אורזאַכן און ווייטערע סבות... איך גלויב, אַז אויב מיר וואָלטן געהאַט אַזעלכע שרייבער ווי דאָסטאָיעווסקי, וואָלטן זיי אַנגעפילט דעם גאַנצן חלל פון דער וועלט מיט טייכן טרערן אַנשטאָט מיט דעם סם, וואָס די וועלט האָט אַריינגעגאָסן אין אונדזער האַרץ. זיי האָבן פאַרסמט אונדזער בלוט און האָבן פאַרביטערט אונדזער האַרץ. זאָלן מיר אויך אַריינגיסן טראָפּנס סם פון אונדזער בלוט אין דער אויסערלעכער וועלט.
(פון מ. ז. פייערבערגס אַ בריוו צו אחד העם).

מיט אַזעלכע געדאַנקען טראָגט זיך אַרום פייערבערג בנוגע דער יידישער ליטעראַטור און קונסט און ער אַליין אַלס פּאָעטישער נאַטור, האָט פאַרמאָגט, לויט אַלע סימנים, דעם ברענשטאָף, וואָס, ווען רייף געווען, וואָלט עס ווי אַ וואולקאַנישער אויסברוך געקאָנט אויפרייסן און אויפשיטערן אונדזער אייגענע געזעלשאַפט. און ווען דער אויסברוך וואָלט דערגרייכט צו דער אויסערער וועלט, וואָלט ער אפשר אויפגערו־דערט און אויפגעשוידערט דעם וועלט־געוויסן אויך.

פונקט ווי אַ דאָסטאָיעווסקי בנוגע צום רוסישן פאָלק, דערשפּירט פייערבערג און אַנטפּלעקט, אַז דער „גרעסטער שונא פון יידנטום איז דער מערב”... ער מאַכט דעם פּראָפּעטישן קינסטלערישן פּראָג־נאָז, אַז

דער גרויסער מזרח וועט פון זיין שלאָף דערוואַכן און וועט אָנהייבן אַ נאַטירלעך לעבן צו לעבן. דאַן וועט דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק אין דער שפּיץ פון די פעלקער שטיין, אין דער שפּיץ פון צום לעבן געבראַכטן מזרח...

עס איז כדאי צו ברענגען די אַנאַלאָגישע אַנדייטונג ביי דאָס־טאָיעווסקין, ניט וויל ער זאָל האָבן דירעקט באַאיינפלוסט דאָס שאַפן פון אונדזער פייערבערג, נאָר וויל ביי גרויסע שעפערישע גייסטער, טיף פאַרוואָרצלט אין דער פאָלקס־נשמה, אין דעם גרויסן קאָלעקטיוו פון זייער פאָלק, מוז אַרויסקומען די עכטסטע און אָריגינעלסטע קינסטלע־רישע וויזיע, וועלכע איז אַנאַלאָגיש ביי זיי אַלע.

גאָט איז די סינטעטישע פּערזענלעכקייט פון אַ גאַנץ פאָלק,

געקומען פון אָנפאַנג ביז צו ענדע. עס האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז אַלע אָדער פילע פעלקער זאָלן האָבן געמיינזאַמע געטער. ווען געטער הייבן אָן צו ווערן דאָס געמיינזאַם אייגנטום פון אַלע פעלקער, שטאַרבן אָפּ סיי די געטער, סיי דער גלויבן און צוזאַמען דערמיט די פעלקער גופא. וואָס שטאַרקער דאָס פאָלק, אַלץ מער אינדיווידועל איז זיין גאָט. עס איז גאָר ניטאָ קיין פאָלק אָן רעליגיע, ד. ה. אָן דער אידייע פון גוטס און שלעכטס. יעדעס פאָלק האָט זיין קאָנצעפּציע פון גוטס און שלעכטס. ווען די זעלביקע קאָנצעפּציע פון גוטס און שלעכטס באַהערשט עטלעכע פעלקער צוזאַמען, דאַן שטאַרבן די דאָזיקע פעלקער, און דאַן הייבט אָן צו פאַרשווינדן דער אונטערשייד גופא פון גוטס און שלעכטס. אויב אַ גרויס פאָלק גלויבט ניט, אַז דעם אמת קען מען געפינען בלויז ביי אים אַליין (אין אים און אויסשליסלעך אין אים); אויב עס גלויבט ניט, אַז עס איז געאייגנט און באַשטימט צו אויפהייבן און רעטן אַנדערע דורך זיין אמת, ווערט עס, דאָס פאָלק, באַלד פאַרזונקען אין עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל און הערט אויף צו זיין אַ גרויס פאָלק. (פון שאַטאָוס פאָלעמיק מיט סטאַווראָגינען אין „די באַזעסענע" פון פ. מ. דאָסטאָיעווסקי).

אַזעלכע זעאונגען און אידייען פירן, נאַטירלעך, דאָסטאָיעווסקין צום באַשלוס, אַז בלויז דאָס רוסיש פאָלק איז דאָס אויסדערווײלט פאָלק, אָבער אַריבערגעטראָגן אויף יעדן אַנדער פאָלק, איז עס דער טיפסטער אַריינבליק און דאָס אַריינדרינגען אין דער פאָלקס־נשמה; די קאָסמישע שטראַלן פון יסודות פון פאָלקס־לעבן און וועזן; דער משיחיזם, דורך וועלכן יעדעס פאָלק פאַרנעמט זיין היסטאָרישע פאָזיציע, ווערט געשטאַלטעט און וואַרפט זיך אונטער זיין שיקזאַל.

אָט דעם מין פאַטאָס און אַן ענלעכע שעפערישע אינטואיציע ווייזט פייערבערג אַרויס אין זיין גאַנצער ליריק און נשמה־אויסגוס, אין זיין באַהעפטן זיך מיטן געשיכטלעכן גורל פון זיין פאָלק, און אין זיין גאַנצן אידענטיפיצירן זיך מיט אים, און זיין איינציקאַרטיקער קינסטלערישער וויזיע.

אין אונדזער נאַציאָנאַלן און פאָלקס־דענקען, אויף אונדזער גייסטיק היסטאָרישן מאַרשרוט, האָבן מיר דורכגעמאַכט פילע קריזיסן, מאָמענטן פון גרויסע שטורעמס און סכנות פאַרן אויפהאַלט פון אונדזער עקזיסטענץ. און שטענדיק זיינען אונדז צו הילף געקומען די רעזערוואַרן,

די צונויפגעזאַמלטע און פאַרבאַהאַלטענע אין דער פאָלקס־נשמה גייס־טיקע כוחות. צו העלפן שאַפן אַזעלכע רעזערוואואַרן, צו זיין, אַזוי צו זאָגן, די פּראָווידענציעלע עקאָנאָמיסטן פון דער יידישער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט, איז שטענדיק געווען די אויפגאַבע פון די בעסערע מוחות און די פאַראַנטוואָרטלעכע קולטור־ און רעליגיעזער טרעגער פון פאָלק.

אַזאַ טענדענץ פון זיך אומקערן צו די אָריגינעלע קוואַלן פון יידישקייט איז אפשר באַמערקבאַר ביי אונדזער אינטעליגענץ, באַזונ־דערס אין דער איצטיקער שוידערלעכער און קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. מ. ז. פייערבערג האָט אונדז אָנגעדייטעט אויף אַ גרויסן פאַרנעם אין דער דאָזיקער ריכטונג, פון וועלכער מיר, ערשט איצטער, קאָנען פיל געווינען.

צווייטע
אָפּטיילונג

יעקב גלאַטשטיין

י. גלאַטשטיין אַלס קריטיקער

1

י. גלאַטשטיין איז דער וואונדער־טאַלאַנט אין דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס פאַרשפּיגט און פאַרוועבט זיינע גאָלדענע פעדים, צו וועלכן צווייג פון דער ליטעראַרישער קונסט ער זאָל זיך ניט צורירן.

אַרויסטרעטנדיק אַזוי פריצייטיק (אין דעם ערשטן נומער פון זשורנאַל „אין זיך", 1920) מיט אַ רעוויזיע פון די „יונגע" אין זייער ערשטער סטאַדיע פון פּאָעטישן שאַפן, האָט ער שוין דאַן אָנגעשלאָגן אַ טאָן פון באַנייאונג און ערנסטן אויפטו אין דער יידישער פּאָעזיע, אין איר טעכניק און איר אינהאַלט.

מיט וואָרט און טאַט, מיט זיין אייגענער דיכטונג, וואָס איר אָנהויב שטאַמט כמעט פון יענער צייט, אין זיינע אַזוי צו זאָגן טעאָרעטישע „אויסערונגען", דעקלאַראַציעס און אויפקלערונגען האָט ער געהאָלפן פאָרמירן און אויסקריסטאַליזירן די אינטראָספּעקטיוועסטישע ריכטונג.

אַלס וויכטיקע פרישע קראַפט, האָט קודם כל אַרויסגערוקט זיך אין פאָדערגרונט, די שעפערישע פערזענלעכקייט פון אונדזער פּאָעט און זייט דאַן האָט גענומען אויסרייפן און פאַרטיפן זיך דער אינהאַלט פון זיין ליד.

אויף דעם וויטערן וועג פון זיין אַנטוויקלונג האָט דער דיכטער גענומען אויסטיילן גיכער דעם רייזנדן ראַפּירטן שיינשרייבער און אויסשליסן פון זיך דעם בעלעטריסטישן שעפער פון די ווערק „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען".

איינצייטיק, ווען ער האָט אָנגעהאַלטן זיינע פּאָעטישע עקספּערי־מענטן מיט פאַרטיפטער פּסיכישער און געדאַנקלעכער אויפנעמונג, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם פרייען פערז, אין דער פיל „פאַרפראָ־זאָווועטער" פּאָעזיע, האָט ער גענומען גלאַנצן מיט טאַלאַנט אין דער פּראָזע גופא, אין זיין פּובליציסטישער צייטונגס רובריק און אין זיינע

ליטעראַרישע שמועסן און ליטעראַריש־קריטישע איבערבליקן אין אַן אַנדערער צייטשריפט.

דאָס בוך „אין תוך גענומען" *) איז דערווייל די ערשטע זאַמלונג פון גלאַטשטיינס נייער ליטעראַרישער גערעטעניש אין פּראָזע, אין וועלכער עס פינקלען אויף ווידער אַמאָל די פאַרביקע קאָלירן פון זיין שעפע־רישער און גייסטרייכער פערזענלעכקייט, די פּראַכט און גלאַנץ פון זיין אינטעלעקט.

דאָ זיינען פּאָרטרעטן הויפּטזעכלעך אין אַ גרעסערער צאָל פּאָעטן־חברים, קאָלעגן, וועלכע זיינען אונדזער דיכטער־קריטיקער מערסטנטייל נאָענט, אָדער צו וועלכע ער האָט אַ גייסטיקע קרובהשאַפט, אַן אידייען־שייכות.

איצטער, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט זייט יענעם „יונגן" דיכטע־רישן אויפברויז און אויפשוואונג אין דער יידישער פּאָעזיע אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן, פילט נאָך גלאַטשטיין אַ נאָסטאַלגישע בענקשאַפט נאָך דעם פּעריאָד, הגם ער איז אַליין אַזוי ווייט אַוועק אין דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון זיין פילזייטיקן און טאַלאַנטפולן שאַפן.

> ווי־פיל וואָלט איך ניט געגעבן צוריק צו ברענגען יענע נאָכ־מיטאָגן אין קאַפע, ווען אייזלאַנד האָט געדוכנט פּאָעזיע. קיינער פון אונדז האָט דעמאָלט ניט געוואוסט אַז ס'וועט קומען אַ צייט, אַז מיר וועלן זיין געצוואונגען זיך אַנצולייגן אין וואָרט און זוכן שוץ אין יעדן אות...

עס פילט זיך דערפאַר דער וואַרעמער הויך פון חברשער פאַר־שטענדניש און סימפּאַטיע פאַר פילע זיינע אַמאָליקע און נאָך עד היום נאָענטע פאַרבליבענע דיכטער־פריינט, וואָס האָבן געשאַפן די אפשר אינטערעסאַנטסטע תקופה אין דער יידישער פּאָעזיע.

איצטער, נאָך דעם גרויסן מהלך, וואָס ער איז אַליין אָפּגעגאַנגען אויף זיין ליטעראַרישער קאַריערע, נאָך דעם ווי זיין אייגענע שעפע־רישע פערזענלעכקייט איז אַזוי געצייטיקט און אויסגערייפט געוואָרן, האָט ער, ניט צעשיידנדיק זיך מיט זיין אייגענעם פּאָעטישן איך, אָנגע־הויבן צו שפּינען רעיונות איבער דעם תוך און תמצית פון די דער־גרייכטע שאַפונגען פון זיינע דירעקטע אָדער אומדירעקטע מיטצייטלער.

---

*) „אין תוך גענומען" — עסייען, 1945־1947, פון יעקב גלאַטשטיין. 544 זייטן, פאַרלאַג מתנות, ניו־יאָרק, 1947.

און דער רעזולטאַט איז געוואָרן אַ ווידער־איבערשאַצונג מיט אַן אויסגעברייטערטער פּערספּעקטיוו, אַן אויפדעקונג פון דער ווערט און באַדייט פון די פאַרשטייער פון זיין אייגענער עפּאָכע, אַ רעטראָ־ספּעקטיווער איבערבליק און פּערספּעקטיוו־אויסדרוק אויף דעם אויפ־בלי און וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור און — זיין אייגענער געשטייגערטער באַוואוסטזיניקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַלס קינסטלער און אַלס קריטיקער. אַט שרייבט ער, למשל:

> די יונגע האָבן אין דער יידישער פּאָעזיע געזוכט דעם פּאָעטישן קול פון אונדזער דור, אָבער זיי אַליין האָבן מיט דער צייט אַריינגעוויגט זיך אין אַ נאָגנדיקער זינגעוודיקייט. מיר דאַכט אַז אויב מען זאָל אויף אַן אמת אונטערזוכן די פּאָעזיע פון אַ יאָרהונדערט, וואָלט מען געזען אַז די פּאָעזיע פון אַ יאָרהונדערט איז אייגנטלעך דעם יאָרהונדערטס פּראָזע... די יונגע זיינען געווען צופיל פאַרליבט אין געשטאַלט פון דעם פּאָעט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט און זיי האָבן געזוכט דעם סינטעז צווישן דעם דאָזיקן אויסגעבענקטן און מאָרבידן געשטאַלט און צווישן דער אמתדיקער פּראָזע פון אונדזער דור...

אַזוי זעען מיר, אַז דער עצם כאַראַקטער פון גלאַטשטיינס רעפּ־לעקטיוו־קריטישער אויפפאַסונג פון פּאָעזיע, באַזונדערס אין איר טעכ־נישער פאָרעם, שטאַמט פון זיין אייגענעם יוגנטלעכן רעוואָלט קעגן און אָפּאָזיציע צו די „יונגע", און אין יענעם קרייז אידייען און קאָנצעפּציעס פון פּאָעזיע איז ער פאַרבליבן. אפשר ערשט איצטער, אויף דעם רייפן רעפלעקטיוון שטייגער און צוגאַנג צו פּאָעזיע, ראַציאָנאַליזירט ער יענע אפשר בשעתה מער אימפּולסיווע נייגונג צום פרייען פערז ביי זיך, וואָס מאַכט אים אַזוי מאָדערן, אינטעלעקטואַל איבהאַלטפול און תוכיק. וואָרעם די פּאָעזיע, זאָגט גלאַטשטיין, נויטיקט זיך אין דער פּראָזע ווי אונדזערע לונגען באַדאַרפן דעם זויער־שטאָף פון לופט צו אָטעמען. מיט יעדן אָנשטויס אויף דער פראַגע פון פּראָזע און פּאָעזיע ווערט ביי אים בולטער די דאָזיקע אידייע, וועלכע ער אַנטוויקלט אין פאַרשיידענע ווערסיעס. מיר לייענען ביי אים:

> „דער פרייער פערז איז געווען אַ רעוואָלט קעגן דעם געצאַמטן פערז. נישט דערפאַר ווייל ער האָט געזוכט פּראָזע, נאָר גראָדע דערפאַר ווייל ער האָט געזוכט מער מוזיק, ווי די געצאַמטע פּאָ־

עזיע איז בכוח צו געבן... ווען ס'איז אים (דעם פּאָעט פון פרייען פערז. — ש. ל.) יאָ געלונגען, האָט ער אַנטדעקט נייע מוזיקאַלישע מעגלעכקייטן אין די ראַמען פון גערעדטן וואָרט פון אונזער דור, וואָס האָט געזונגען דירעקט און ניט דורך אַ קינסטלערישער אַרומזינגעניש...

פון דער אַנדערער זייט פאַרנעמט ער די אינערלעכע פּראָבלעמען, די ווייען און ליידן פון דעם מצומצמדיקן אין דעם מעטער אַריינגע־פּרעסטן דיכטערישן שאַפן.

דער דיכטער, זאָגט ער, איז מקנא דעם פּראָזע־שרייבערס ברייטע ווירטשאַפט... וואָס זאָל אים געבן די רחבות פון דעם בעלעטריסט און זאָל אים דאָך ניט אָפּפרעמדן פון דער געקליי־בענער דיכטערישער ברודערשאַפט. ס'גלוסט זיך אים ניט צו ווערן אויס קרוב מיט שעללין און מיט קיטס, אָבער אים וואָלט זיך געוואָלט אַ זאָג טאָן מיט אַן אָפן מויל שאַרפע דבורים אויף אַ פינף זעקס הונדערט זייטן. מ'ווערט מיד צו ציילן קמצנותדיק די ווערטער, ווי דאָס האָט געטאָן אַ אַלפרעדע האַוזמאַן אָדער אַ ריכאַרד בער־האָפמאַן...

איז כאָטש גינסטיק געניגט צו דער מאָדערנער שעפערישער פּראָזע, האָט פונדעסטוועגן גלאַטשטיין אַפילו אין דעם דאָזיקן ווערק, דעם אייגנטלעך פּראָזאַאישן „אין תוך גענומען", זיך מערסטנס טאָקע ווידער אַמאָל דווקא מיט פּאָעטישע דערשיינונגען פאַרנומען.

און הגם דער פּאָעטישער אינטערעסן־קרייז האָט זיך ביי אונדזער דיכטערישן קריטיקער אַזוי פיל פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט, אַז אויסער די גאָר נאָענטע „אינזיכיסטן" (לעיעלעס, מינקאָוו, אַלקוויט, און אַז. וו.) און די אייגענטלעך „יונגע" (לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, ר. אייזלאַנד און אַז. וו.) זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אייניקע ענגלישע אַמעריקאַנישע דיכטער און פיל אַנדערע. אָבער פון די פּראָזע־קינסטלער דערווייל זיינען זייער ווייניק פּאָרטראָטן און דאָס אויך גאַנץ צופעליק און אויבנאויפיק.

מענדעלי, פּרץ, רייזען, קאָברין אָדער גלאַזמאַן — דאָס איז די רשימה פון נעמען מיט וועלכע עס שעפּט זיך כמעט אויס די פּראָזע־באַהאַנדלונג אין דעם בוך.

אָבער אָט דאָ אין דער הויפּטזעכלעך פּאָעטישער קריטיק גלאַט־שטיינס, קאָן מען דערזען די גאַנצע עקספּאַנציע, דאָס צעוואַקסן און

די אויסשפּרייטונג פון זיין וואונדערבאַרן טאַלאַנט, וואָס קריסטאַליזירט און דיסטילירט די ראַפינירטע פּראָדוקטן פון זיין גייסטרייכן אינטע־לעקט. אָט איז, למשל, גלאַטשטיינס קאָנצעפּציע פון פּאָעזיע — און ער האַלט כמעט אַלע זיינע אייגנטימלעכע קאָנצעפּציעס וועגן דער ליטע־ראַרישער קונסט אין אַ פליסנדיקן צושטאַנד, וואָס זאָל שטימען מיט זיין אייגענעם געמיט און זיין אין איינקלאַנג מיט זיין אינטעלעקטואַלער אויפפאַסונג:

> פּאָעזיע איז ניט נאָר דעם פּאָעטס זאָגן עפּעס פאַר אונדז בעסער ווי מיר וואָלטן עס געזאָגט, נאָר פּאָעזיע איז דאָס איבער־ראַשנדיקע אַנדערש־זאָגן, דער טונקל־ליכטיקער אויפלויכט פון געדאַנק, וואָס קריגט אַ גוף מיט אַ נשמה. מיר זעען דעם גוף פון געדאַנק און אויך די נשמה. געדאַנקלעכע פּאָעזיע מוז אויך האָבן פּאָעטישע געדאַנקלעכקייט און אינהאַלטלעכע פּאָעזיע טאָר ניט אויסשעפּן דעם אינהאַלט מיט ווערטער... (זייט 270).

אָדער אין אַן אַנדער ווערסיע:

> טראַכטיען, יאַמבן און אַמפיבראַכן זיינען נאָך וויניק. מוזיק מיינט נאָך אַלץ צו געפינען די באַשטימטע שוואַכע זילבן, וואָס זיינען ווי שאַטנס צו די שטאַרקערע: ווען ס'וואָרט האָט אַן אָפּ־שפּיגלונג און די ווערטער צוזאַמען צאַפּלען זיך ווי פישלעך און עס רודערט אין דער שורה לעבן... און נאָך איידער דו קוקסט זיך איין אין דער מלאכה פון דער שורה זעסטו גלייך אַז הינטער דעם אָפּגעזילבערטן אויבערפלאַך וועט באַלד אַ וויבריר טאָן אַ לעבעדיקע זאַך. נאָך איידער דו צעקייסט דעם מיין, נעמסטו דעמאָלט די שורה אויף דער צונג און זי איז גוט צום גומען. מוזיק איז דאָס סאַמע געהיימניספולסטע פון דער גאַנצער לידער־מאַ־כעריי. זייער וויניק דיכטער פאַרמאָגן מוזיק... (זייט 298).

אַליין אַ וויכטיקער פּאָעט, איז גלאַטשטיין דער עכטער מבין אויף פּאָעזיע און דערשפּירט מוזיקאַלישקייט, וואָס איז די נשמה פון דעם ליד.

עס איז שווער זיך אָפּצוהאַלטן פון ברענגען אַן איבעריקן מאָל די כאַראַקטעריסטישע שטעלן פון אַזאַ, פאַר זיך אַליין ריידנדיקן ווערק, ווי „אין תוך גענומען", וועלכע אילוסטרירן און באַשטעטיקן מיינע באַ־הויפּטונגען וועגן גלאַטשטיינען.

אַט איז נאָך אַזאַ בולטער אויסצוג:

> אַן אמתער דיכטער איז אַזאַ אויסדערוויילטער מענטש, וואָס ליגט אין וועלט פון פערזענלעכע מוזיקאַלישע איינדרוקן און ווייסט דעם סוד ווי איבערצוגעבן זיין איינדרוק און ניט ווי אַזוי צו שאַפן אַן אויסדרוק... ווייל אַט דער מיסטישער כוח צו פאָרן ווערטער, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון איינדרוק און וואָס שאַפן אויך ביים לייענער אַן איינדרוק, איז בלויז געגעבן געוואָרן ווי אַ געשאַנק צו געציילטע מענטשן, וואָס לעבן אין אַ וועלט פון פאַרטיפטע מוזיקאַלישע איינדרוקן. אַזאַ מוזיק האָט שוין צו טאָן מיט פערזענלעכקייט. פאַלשע דיכטער פאַרמאָגן פשוט ניט די אויערן פאַר דעם...

גלאַטשטיין, וועלכער האָט זיך אַליין אַלס פּאָעט באַפרייט פון דעם צוואַנג און צוים פון מעטער און פערז און האָט גערופן אַנדערע אים נאָכצופאָלגן, האָט געפונען דעם סינטעז פון דער געמאָסטענער שורה און פערז מיט דער אינהאַלטסרייכער ראַפינירטער פראָזע דורך מוזי־קאַלישקייט. דורכגעדרונגען מיט דעם תוך און תמצית פון פּאָעזיע, האָט ער דערזען די פּאָעזיע אין אַ נייער ליכט. עס האָט אָבער געדאַרפט נעמען מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט איידער ער איז אינגאַנצן אַרויסגעוואָקסן פון יענער אָפּגעשלאָסנקייט און דעם באַהעמישן קרייז פון דער קליין־קונסט, פון יענער ראָמאַנטיש־פּאָעטישער, אין פּאָעטישן ווייַרויך גע־דעמפטער, אַטמאָספערע פון דעם ענגן קרייז פון דיכטערישער ברודער־שאַפט.

2

אַלס רעזולטאַט פון זיין זעלבסט־באַפרייאונג פון יענע ענגע קרייזן פון קליין־קונסט, אַ דאַנק זיינע אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן און פּערספּעקטיוון, איז ביי גלאַטשטיינען צוגערשט פאַרשוואונדן יענע נעגאַ־טיווע און בטולדיקע באַציאונגען צום ליטעראַטור־קריטיקער.

> מ׳איז דאָך שוין אַרויסגעוואָקסן פון די יוגנט־טעג אין קאַפּע, מעג מען זיך בכלל באַציִען שענער צו דער קריטיק. מען מעג פאַרשטיין אַז די קריטיק איז ניט קיין באַדינערין, אַז זי האָט אויך אירע אייגענע ליטעראַרישע אינטערעסן...

דער געשטייגערטער באַוואוסטזיין פון דעם מאָדערנסטן יידישן פּאָעט, וואָס איז אַזוי סענסיטיוו און עמפּפינדלעך פאַר די נייע און נייעסטע

גייסטיקע שטרעמונגען אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור, האָט אַרויסגערופן די רעפלעקטיווע אויפפאַסונג פון ליטעראַטור בכלל און פּאָעזיע בפרט. אונדזער דיכטער האָט זיך איבערציי̇גט אויף זיין אייגענעם שטייגער פון איבערטראַכטן און איבערוועגן די קינסטלערישע ווערק און שאַפונגען, וואָס האָבן אין אים אויפגעוואַכט נייע אינטערעסן, אַז דער גייסטיקער פּראָצעס, אויסגעקריסטאַליזירט און אויסגעדריקט לויט זיינע אייגענע אינערלעכע געזעצן אין דעם שעפערישן אָרגאַני־זירטן סדר און אָרדנונג, איז אַ זעלבסטשטענדיקע שאַפונג, אַ ווערט־פולע פאַר זיך און פאַר דער ליטעראַטור.

ער גייט אַפילו אַזוי ווייט, אַז אין זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו קריטיק און אַליין מיטשאַפנדיק אין דעם קאָנסטרוקטיוון געבוי פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן שאַפן, שטעלט ער אויף די באַשטימטע פונקציעס און מעטאָדן פון דער אידעאַלער קריטיק. (זעט זיינע קריטישע אַפּאָריזמען). זייער עפּיגראַמאַטיש און דערווייל אין אַבסטראַקט (אויסער ב. ריווקינען האָט ער אין דעם בוך ניט אָנגערירט ספּעציפיש קיין אַנדערן ליטעראַטור־קריטיקער) רעדט גלאַטשטיין וועגן קריטיק און דעם קריטיקער, הפנים בכדי זיך אַליין אָפּצוגעבן אַ חשבון פון דעם דאָזיקן מין שאַפן.

> די ראָלע פון אַ קריטיקער, וואָס זוכט שטענדיק אידייען אין דער ליטעראַטור, איז ניט אַלעמאָל קיין דאַנקבאַרע. פאַראַן געניאַלע קינסטלער, וואָס די גרויסע אידייען זייערע זיינען אַזוי אַריינגעצוויי̇גט און אַריינגעפלאָנטערט אין זייער אַרבעט, אין זייער וואָרט און אין זייער פאָרעם, אַז ווען מען נעמט דאָס אַלץ איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון אידייע, קאָן מען די אידייע קוים אָפּוועגן אויף אַן אַפּטייק וואָגשאָל... (זייט 153).

אָבער יעדנפאַלס איז די קריטיק ניט קיין „קוואַנטיטע נעגליזשיבל", אַז מען זאָל זי קאָנען אָדער דאַרפן איגנאָרירן, וואָרעם זי איז אַ פאַקטאָר, וואָס האָט „אין אַ סך פאַלן אַרויפגעצוואונגען פּאָעטן אויף אַ דור, אָבער אָפטער האָט די לייכטע קריטיק געטאָן דאָס פאַרקערטע און דערהויבן אַ פּאָעט לויט זיין גראַד פּאָפּולאַריטעט".

אין זיינע קריטיש־ליטעראַרישע שמועסן וואַרפט זיך גלאַטשטיין זייער פיל מיט עצות טובות און וואַרפט אַרויס אַ שלל מיט שכל־הישרדיקע אָנווייזונגען און אָנדייטונגען, אין וועלכע עס פעלט אָפט יעדער קערן פון דעם פּאָעטס אייגנטימלעכער פּערזענלעכקייט. אָבער

אָריגינעל און אינדיווידועל אויסגעשפּראָכן ווערט ער אַלס קריטיקער, ווען ער דערנענטערט זיך צו זיין אייגענער פּאָעטישער ספּערע.

אין די „אַפאָריזמען וועגן קריטיק" כאַראַקטעריזירט ער אין אַן אָפּגערונדערטער און קאָנצענטרירטער פאָרעם דעם זעלבסטשטענדיקן קריטיקער און זיין שאַפן.

יעדער קריטיקער בויט זיך אויף זיין ליטעראַרישע געביידע און דאָרטן באַזעצט ער זיינע שרייבער... יעדער גענייטער קרי־טיקער האָט זיך אַן אויסגעפּלאַנירטע ליטעראַטור און, בדרך כלל, ווען די פאַרשידענע ליטעראַרישע געביידן ניט שטאַרק אַנדערש זיין איינס פון אַנדערן... מיט קנאַפּע אויסנאַמען וועלן די באַזונדערע קריטיקער געפינען אָרט אין זייער באַלעבאַטישקייט פאַר די זעלבע דראַמאַטישע פערזאָנען, וואָס טראָגן אויף זייערע פּלייצעס די וויכטיקע עולן פון זייער צייט.

איבער אַלץ, העכער פון אַלץ, האָט גלאַטשטיין אויפגעפּאַסט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קריטיקער און די הויכע מאָראַל, וואָס ער דאַרף אַנטוויקלען.

אַ קריטיקער איז מחויב צו זיין עטישער פון דעם שרייבער. אַ שרייבער מעג זיין קלענער פון זיין בוך און האָבן פּערזענלעכע חשבונות. אַ קריטיקער, אויב ער וועט זיין קלענער פון זיין אייגענעם שרייבן, וועט זיין שרייבן ניט האָבן דעם מינדסטן ווערט. זיינע יאָ־און־ניין־מיינונגען וועלן האָבן די זעלביקע חשבונות ווי די הכשרים פון אַ רב אַ טריפניאַק...

צום פאַרמאָלן קריטיקער שטעלט ער געוויסע פאָדערונגען, וואָס זאָלן מאַכן זיין קריטיק קאָנסטרוקטיוו, אַפילו ווען זי שניידט מיט אַן אומברחמנותדיק שאַרפן אַנאַליטישן מעסער.

איך וואָלט עס געמאַכט פאַר אַ געזעץ אַז מען מעג זיין שטרענג צו אַזעלכע ווערק אָדער צו אַזעלכע שרייבער, וואָס וויפיל דו וועסט פון זיי ניט צעשטערן אָדער מינערן, וועלן זיי אַלץ אַרויסקומען גאַנץ און ניט געשעדיקט. אָבער אויב דו האָסט אינגאַנצן אָפּגעווישט אַ ווערק און ס'איז דערפון גאָר נישט גע־בליבן, איז עס ניט קיין קריטיק — נאָר אכזריות...

און אָט זיינען אַ פּאָר אַפאָריזמען פון די אומצאָליקע עפּיגראַמען,

וואָס זיינען צעשאָטן איבערן בוך „אין תוך געגומען" און זאָגן עדות אויף דעם גייסטרייכן אינטעלעקט פון אונדזער פּאָעטישן קריטיקער.

> אומפאַרשטענדלעכע לידער זיינען אַלץ בעסער פון זעלבסט־פאַרשטענדלעכע. עס זיינען דאָ גוטע און בעסערע לידער, אָבער שלעכטע לידער זיינען גאָר קיין לידער ניט... עס זיינען ניטאָ קיין שלעכטע דיכטער און קיין גוטע דיכטער. אַ שלעכטער דיכטער איז גאָר קיין דיכטער ניט. עס זיינען דאָ פאַלשע דיכטער...

אונטער דעם דרוק פון דער גרעסטער און שוידערלעכסטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע יידישער קאַטאַסטראָפע, חורבן און אומ־קום, האָט גלאַטשטיין, אפשר מער ווי קיין שום אַנדערער אין אונדזער ליטעראַטור, זייער סענסיטיוו און עמפּינדלעך אויפגענומען דעם גרעסטן פּראָבלעם, וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פאַר דעם יידישן פּאָעטישן שאַפן. ער האָט זיי אַלס פּאָעט און נאָך מער אַלס רעפלעקטיווער באָאַבאַכטער געזוכט אַ לייזונג פאַר דער אַרטיקולאַציע, פאַר דעם מעגלעכן אויסדרוק און אָנדענק פון יענע אוממענטשלעכע אכזריות און חבלי מוות, וואָס גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט.

> בכל דור ודור קומען אויף אונדז אַלערליי פּורעניותן, וואָס בעת זיי זוכן צו מאַכן אַ תל פון אונדז, מאַכן זיי שוין אויך אַ תל פון אונדזערע אַלע קונסט טעאָריעס... אָט דאַכט זיך אונדז אַז אָט־אָט און מיר זיינען שוין מיט לייטן גלייך. מיר האָבן שוין אויסגעגלייכט אונדזער גאַנצע קונסט לאַבאָראַטאָריע מיט דער גאַנצער קינסטלעכער וועלט און מיר קאָנען שוין אָנהויבן מעסטן אונדזערע ווערק מיט דער גרויסער וועלטלעכער מאָס. אָבער מיט אַ מאָל קערט די וועלט, די גרויסע וועלט, אום אונדזער גאַנצן קינסטלערישן טינטער און מיר בלייבן ווידער שטיין ביים אָנהייב. ס'איז נישט קיין אָנגענעם געפיל צו דערזען זיך קינסטלעריש איזאָלירט. ס'איז געפערלעך צו זיין אַזוי איזאָלירט, ווייל אונדזערע יללות און לאַמענטאַציעס לאָזן אונדז ניט אַזוי גיך אויסטיילן דאָס געלייטערטע וואָרט...

גלאַטשטיין וואַרפט זיך צו די יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן געזוכט צו געפינען אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אויסדרוק פאַר דעם יידישן אומגליק (ז. און י. י. סעגאַלאָוויטש, אברהם סוצקעווער, לייוויק, טווערסקי און אַז. וו.) און באַשטייט אויף זיין אייגענעם שטייגער פאַר־

ענטפערונג און לייזונג פון דעם פּראָבלעם. „ער (ז. סעגאַלאָוויטש), זאָגט אונדזער דיכטער־קריטיקער, איז פאַרשאָלטן אַריינצוברענגען אָרדענונג, מאָס און קינסטלערישן מעטאָד אין דעם קלאָג־ליד אויף אונדזער גרעסטן חורבן פון אַלע צייטן... דו מוזט זיין אַ דיכטער אין דעם גרעסטן אומגליק...

און וועגן לייוויקס „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען":

מיר לעבן אין אַ צייט פון קינות, אויך אין אַ צייט פון אָפּקלויבן מיט ציטערדיקע הענט די קינות, וואָס דאַרפן פאַר־בלייבן, כדי צו קאָנען פשוט פאַראייביקן פאַר די קומענדע דורות דאָס געוויין פון אונדזער דור... מ׳דאַרף פשוט צוגיין צו אים (לייוויקן) און אויסלייזן זיין ליד, וואָס איז די דירעקטע פאָרטזעצונג פון יענער וואונדערלעכער פּראָזאאישקייט, וואָס ער האָט געבראַכט צום יידישן וואָרט... אומעטום, ווען פון זיין ווייי־געשריי ווערט וויי־געזאַנג, איז ער איינער פון אונדזערע אויס־דערוויילטע...

אַזוי לייזט ער באַטירלעך דעם נייעם קריזיס אין דעם יידישן קינסטלערישן שאַפן, וועלכן עס האָט גערדראָט דער טאָטאַלער כאַאָס אָדער דאָס גענצלעכע פאַרשטומען פאַר דעם שוידערלעכן חלל פון דעם יידישן בראָך.

אין גלאַטשטיינס אייגענע ווערטער: „צאַמען מיינט ניט דווקא סאַנעטיזירן און מאַכן קליין־קונסט פון דעם גרעסטן אומגליק אין אונדזער גאַנצער אומגליקלעכער געשיכטע. עס מיינט אָבער דערהויבן אונדזערע ווערטער און פאַרטיפן אונדזער קלאָג ליד: ניט לויט די כללים פון אַן אַלטער און קאַרגער מעטרישער מוזיק, וואָס מאַכט אָפּט פון געוויין בורלעסק, נאָר אין איינקלאַנג מיט אַ העכערער וואָרט־ווערטיקייט. איכה איז דער העכסטער אויסדרוק פון אַזאַ צוגאַנג צום קלאָג־ליד"...

זייט דער אויסגאַבע פון דעם ערשטן און דערווייל דעם איינציקן בוך „אין תוך גענומען" (1947) איז גלאַטשטיינס ליטעראַריש־קריטישע רובריק אין דער פּריאָדישער צייטשריפט געוואָרן אַ ליטעראַרישע אינסטיטוציע, אַן אינסטאַנץ פון קריטיק און זעלבסט קריטיק, וואָס שטייט אויף דער וואַך און לאָזט ניט אונדזער קריטיק פאַרוואַנדלען אין אַ „פאַרניכטנדיק געווער", ווייל ביי אים קומט אַלץ פונעם קוואַל פון קאָנסטרוקטיוון שאַפן זעלבסט.

ה. לייוויק

I

לייוויקס נייעסטע דראַמאַטישע פּאָעמע*)

1

אויף דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער פּאָעזיע, וועלכע איז ביז איצט געווען די נאָענטסטע פאַר־מיטלערין און פאַרשטייערין פונעם פאָלקס־גייסט און געניוס, איז אויסגעפאַלן צו איבערשמעלצן און איבערלייטערן זיך אין דער גרעסטער יידישער קאַטאַסטראָפע פון אַלע צייטן און אַלע דורות — און געפינען אַ תיקון פאַרן וויטערדיקן שאַפן, פאַרן וויטערדיקן שפּינען דעם קינסטלערישן זין, פאַר וויטערדיקער אַנטוויקלונג און דערגרייכונג.

אין זיין נייעסטער דראַמאַטישער פּאָעמע, „די חתונה אין פערנ־וואַלד", האָט אונדזער גרויסער פּאָעט, לייוויק, כמעט דער ערשטער און איינציקער, באַוויזן אַז דעם היסטאָרישן פּרואוו, דעם גרויזאַמסטן נסיון האָט אונדזער יונגע פּאָעטישע קונסט אויסגעהאַלטן און איז אַפילו געוואָקסן צו אַ נייער איבעראַשנדיקער הויך.

דער לעבנס־מיסטעריע שפּינענדיקער און מיטאָס־שאַפנדיקער פּאָעט האָט אונדז איצט, נאָכן גרויסן יידישן בראַך און חורבן, געגעבן די נייעסטע מיסטעריע און דעם אייגנטלעכן מיטאָס פונעם אויפגייענדיקן לעבן ביי די שארית־הפליטה, ביי די לעבנגעבליבענע פון די גאַז־אויוונס אין דער פאַרשאָלטענער היטלעריסטישער דייטשלאַנד.

כאָטש דער הויפּט סיפּור־המעשה פון דער פּאָעמע קומט פאַר אין און אַרום פערנוואַלד לאַגער, לעבן מינכען, און טראָגט אַ רעאַליסטישן כאַראַקטער, איז אָבער דאָס גאַנצע ווערק אַזוי אָנגעפילט מיט סימבאָלן

*) „די חתונה אין פערנוואַלד", דראַמאַטישע פּאָעמע אין עלף סצענעס, פון ה. לייוויק, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949, 186 ז״ז.

און סוגעסטיעס, מיט פיגורן און געשטאַלטן, נאָמענלאָזע און נאָמען־באַדייטונגספולע, אַז דער רעאַליזם ווערט דאָ דערטרונקען אין אַ אַנונגס־פולן סימבאָליזם.

אין איר גאַנצער גרויס גיט אונדז די דאָזיקע דראַמאַטישע פּאָעמע דעם פולן און אויסדרוקספולן דראַמאַטישן געראַנגל, דעם אינערלעכן קאָנפליקט פון די כוחות פון לעבן און טויט ביי די יידישע די. פּיס, די קאַצעטניקעס, נאָך דער אַזוי־גערופענער באַפרייאונג, אומשטיינס געזאָגט, אין די לאַגערן.

אָנהייבנדיק מיט דער צווייטער סצענע טרעטן מיר אַריין אין דער אייגנטלעכער דראַמאַטישער אַקציע (די ערשטע סצענע איז פאַרנומען מיט אַ פּראָלאָג פון דיכטער און אַן אָפּרוף פון דעם „כראָניקער" אויף דעם „קול", מסתמא, דעם דיכטערס). די סצענע קומט פאָר נאָך אין היטלערס טעג, אין 1944, אין אַ שטיבל לעבן דאַכאַו, ביי אַ זוים פון אַ וואַלד, פּסח, די ערשטע נאַכט פאַרן סדר, ביי דער קליינער אָרימער יידישער פאַמיליע פון אברהם און שרהן מיט זייער יינגעלע יצחקן.

די סצענע איז כמעט אינגאַנצן אַ רעאַליסטישע מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון שטורעם־טרופּעס, וואָס קומען און רייסן אַוועק די פרוי און קינד צו פאַרשיקן זיי צום גאַז־אויוון און אברהמען אויף צוואַנג־אַרבעט, אַראָפּרייסנדיק פון זיי ברוטאַל שיך און קליידונג; און מיט אַ דייטש און דייטשקע, וואָס כאַפּן זיך צו מיט חיהשער גיריקייט צום ביסל האָב און גוטס פון הייזקע.

אָבער שוין די אייביק יידישע פאַטריאַרכאַלע נעמען פונעם הויז־געזינד, די שפּילצייג פון קינד (אַ היטעלע, אַ קעצעלע, אַ ציגעלע), וועלכע סימבאָליזירט דעם חד־גדיא; דער גאַנצער מאָרדלוסט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלץ און אַלעמען, די פינצטערע כוחות פון פאַרניכטונג, פאַרוויסטונג און טויט — שאַפן דאָ די אָנדייטונג אויף דער גרויזאַמער אַטמאָספערע פון דעם היטלעריזם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן דער יידישער אייביקייט.

אברהם, אייגנטלעך, ווערט דער העלד פון דער גאַנצער דראַמע אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און איר אויסגאַנג.

אין אַ יאָר אַרום, אַ פאָר וואָכן נאָך היטלערס מפּלה, טרעפן מיר אברהמען ווידער — אין דער דריטער סצענע — ווי ער שלעפּט זיך קוים צום אַמאָליקן שטיבל זיינעם, וואָס איז איצט פאַרוויסט און פאַר־לאָזן. ער טרעפט אָן דעם „אומבאַקאַנטן יידן" (אַ געשטאַלט פון אַ געהרגעטן יידן, אַ שרעקנס־געשפּענסט), וועלכער רופט אַרויס אומ־

רואיקייט און ערגערניש ביי אברהמען, וועלכער איז אַזוי אויך דער־שלאָגן.

אָבער, אָט רוקט זיך אָפּ דער אומבאַקאַנטער, „דעם אומבאַקאַנטן יידנס געשטאַלט ווערט צונויפגעגאָסן מיט די ביימער, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ריזיקן שאָטן, באַגאָסן אין דער הייך מיט אַ בלוט־רויטער פייערדיקייט״...

דער דיכטער אָפּערירט דאָ מיטן געשטייגערטן כוח פון זיין שעפע־רישער פאַנטאַזיע, און מיר זעען פאַר זיך די קאָסמישע פאַרוואַנדלונג פון דער „געשטאַלט״. מיר דערשפּירן מיטאַמאָל דעם גאַנצן טראַגישן קאָמפּלעקס פון דעם אומגליקלעכן „קאַצעטניק״, דעם לעבן־פאַרבליי־בענעם, ביי וועמען עס ראַנגלען זיך די טויטלעכע און אינערלעך־טויטנדיקע כוחות, ביי וועמען דער גאַנצער „אומגליק״, דער אומקום פון ווייב און קינד, ווערט איין פאַראוואורף זיין איצטיקן לעבן־בלייבן, וואָס מאַכט אים צו פילן פאַרזינדיקט און אומבאַרעכטיקט צו זיין אייגענעם לעבן.

פון פערזענלעכן פאַרוואורף, וואָס די געשטאַלט מאַכט אברהמען פאַרן טויט פון ווייב און קינד, גייט זי, די געשטאַלט, אַריבער צו זיין אַלגעמיינער שולד, צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער שולד פאַרן כאַאָס און פאַר דער פאַרניכטונגס־אַרגיע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען.

— — — — — — — — — —

אַז איך האָב זיי — די ברואים די אַלע —
באַשאַפן אַמאָל, איז געווים דאָך געווען
אַ טעם, צוליב וואָס כיהאָב זיי אַלע באַשאַפן,
אַ שכל, אַ זין — אַ בראשית.
דעם שכל, דעם טעם האָב איך דיר אָנגעטרויט,
און אָט אַזאַ מיאוסער סוף

— — — — — — — — — —

אַזאַ ברען, אַזאַ תאווה ביי יעדן
צו זיין דער שליח פון טויט.

(ז״ז 47־48)

אַזוי רעדט די מיסטישע געשטאַלט, וואָס רודערט אויף דעם געמיט פון אברהמען און רעגט אים אָן צו פּראָטעסטירן קעגן דער גרויזאַמער איראָניע פון זיין שיקזאַל, וואָס וואַרפט אויף אים די שולד פאַר זיין אייגענער טראַגעדיע און פון דעם גאַנצן חורבן פון דער מענטשהייט.

דאָס אָפּוואַרפן פון זיך די שולד און דאָס בייזוויליק־־שפּאָטישע מאָנען פון אים, דעם „שומר״ פון זיין ווייב און קינד, רעכנשאַפט פאַר זייער לעבן ווערט שוין ביי אברהמען אַ צייכן און אָנדייטונג אויף די נייע לעבנס־כוחות, וואָס ברויזן אין אים און הייבן אָן אַרויס־צושפּראָצן.

די פערטע סצענע איז ווידער אַ ריאַליסטישע. אויפן וועג קעגן וואַלד ציען זיך קאַצעטניקעס צום פערנוואַלד לאַגער. עס פיגורירן ווידער און אָבער נעמען פּאַטריאַרכאַלע פון אָבות, באַדייטונגספולע, און עס הערט זיך רייד צווישן די פּליטים, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט.

דאָ דערשיינט שרה די צווייטע, ווועמעס מאַן, ווי עס לאָזט זיך אויס, איז דער אויבנדערמאָנטער ייד, דער הרוג, וואָס פּלאָנטערט זיך אין אַ סך סצענעס פון דער דראַמע.

צווישן אברהמען און שרהן פאַרקניפּט זיך אַ נאָענטע באַציאונג און זיי ווערן עס די חתן־כלה, וועמענס חתונה — די ערשטע חתונה נאָכן גרויסן און שרעקלעכן יידישן אומגליק, ס׳גרייט זיך דער גאַנצער לאַגער צו פּראַוון און וואָס ווערט די הויפּט־טעמע פון לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע.

ערשט אין דער פינפטער סצענע קומען מיר אַריין אינעם פערנ־וואַלדער לאַגער. מען דאַרף, אגב, געדענקען, אַז אין אַלע סצענעס ביז איצט, ווערט אַריינגעפלאָכטן די פיגור פונעם „אַלטן פּליט״, פון וועלכן ס׳שטראַלט אַרויס די גוטסקייט און די באַהילפיקייט פונעם לעגענדאַרישן, פאָלקסטימלעכן אליהו הנביא. די דאָזיקע אַנאָנימיע, סימבאָלישע געשטאַלט טראָגט אַריין באַרואיקונג און געמיטלעכקייט, ברענגט טרייסט־רייד און זעלישע היילונג צו די צעבראָכענע געמיטער פון די לאַגערניקעס און זאָרגט פאַר דער יידישער אויסלייזונג און דעם אויסלייזער, משיח־צדקנו.

אייניקע פאַרביטערטע לאָזן פאַלן רייד פון קריטיק קעגן דער חתונה, וואָס זאָל אַזוי פּריצייטיק נאָכן „אומגליק״ פאָרקומען איצט, אָבער כמעט אַלע באַרעכטיקן אברהמען איינשטימיק און זיינען באַ־גייסטערט פון דער פאָרשטייענדיקער חתונה. נחמן און הירש, די בעלי־מלאכה פאַכלייט צווישן די פּליטים, מאַכן אַפילו פאָרבאַרייטונג פאַר אַ חופּה־קלייד און חופּה־שטאַנגען.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אַריינפלעכטנדיק אין דער דאָזיקער סצענע די אומרואיקע און אויפגערודערטע געשטאַלט פון דעם

פּליט יצחק, איז אונדזער העלזעערישער דיכטער אפשר אומדירעקט אויסן געווען צו אָנצייכענען די אומגליקלעכע „גייסטיקע" קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן אויפן מזבח פון גרויזאַמען היטלעריזם, אַלס אַ צוגאָב צו די פאַרברענטע און אויסגעקוילעטע מיליאָנען, און וואָס זיינען פאַר־טראָגן געוואָרן אַפילו מיט דעם שטראָם פון דער עליה אין דער אויפ־שטייגנדיקער מדינת־ישראל.

אָבער דאָ גייט אייגנטלעך אַריבער אונדזער פאָעט צו דער הויפּט־געשטאַלטונג, אָדער, גיכער, איבערגעשטאַלטונג, פון זיין נייעם מיטאָס, אין וועלכן ער גיט אָנדייטונגען איבער דעם אויסלייזער, וועלכער פיגו־רירט שוין אין זיינע פריערדיקע גרויסע „משיחישע" ווערק.

2

אונטערן דרוק פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע מיט דעם גלויבן און ווידער־אויפגעלעבטער האָפענונג אין די לאַגערן אויף אַן אויסלייזער, אויפן משיח, „אַפילו ווען ער וועט זיך פאַרזאַמען"; אונטער די פאַרצויגענע פאַטעטישע טענער פונעם אַלטן און איצט באַנייטן אַני־מאמין — איז געבוירן געוואָרן ביי אונדזער גרויסן דיכטער די נייע וויזיע פונעם יידישן גואל, וועלכער ווערט אין דער נייער פאָעטישער דראַמע פאַרקערפּערט אינעם בילד פונעם „יונגן פּליט" — משיח צדקנו.

ניט אַליין איז משיח־צדקנו געגאַנגען צום קרעמאַטאָריע־אויוון, נאָר מיט אַ גאַנצער עדה פון טויזנטער יידן און ניט בראש איז ער געגאַנגען, נאָר אין מיטן פון דער עדה און אַמאָל גאָר ביים סוף, אויסגעמישט מיט אַלע אָפּגעשוואַכטע... ער גייט און ער טרייסט זיי... און ווען אַ ייד, וואָס גייט לעבן אים איז אַ קראַנקער און אַ האַלב בלינדער זקן, כאַפּט ער אים אויף זיך, אויף זיינע אַקסלען... (זייט 89).

אָט אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק דערציילט דער אַלטער פּליט מיט גרויס עקסטאַז און ברענגט משיחס אייגענע ווערטער:

...די וועלט וועט זיך שליידערן אין איר שנאה צום קיום און צו צדק. זי וועט רייסן פון זיך די הויט, אָבער איך האָב זי פאַרמשפּט צו צדק און צו יושר און זי וועט מוזן דעם פּסק

אָנגענומען. זי וועט אַזוי לאַנג זיך שליידערן, ביז דאָס ליכט פון אהבת ישראל וועט זיי דורכנעמען... (זייט 90).

דאָס איז די נייע מעטאַמאָרפאָזע פון דער משיח־אידייע ביי ה. לייוויק, וואָס איז די סאַמע הומאַנע און יידיש־מענטשלעך פּאַרטיפּסטע אין איר תוך און תמצית. עס איז די וויזיע פון לעבנס־הייליקייט, וואָס קומט אַרויס פון די תהומען פונעם גערענגל צווישן די שלעכטע, דעסטרוקטיווע כוחות און די שעפערישע פּאָזיטיווע עלעמענטן פון לעבן.

איז די „אהבת ישראל", לויט דער נייער וויזיע פון דער משיח־געשטאַלט ביי לייוויקן, די איינציקע הומאַנע אידייע, די מענטשלעכע פאַרשטענדעניש און דער מיטגעפיל, אין עצם, די אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אין תוך גענומען, שטאַמט די דאָזיקע וויזיע פון, און קערט זיך אום צו, דער טיפּסטער יידישער לעבנס־לערע און לעבנס־אַנשויאונג, לויט וועלכע דער מענטש איז, אָדער זאָל זיין, דער בעל־הבית איבער זיך אַליין, דער הערשער איבער זיין אייגענעם גורל. קומען קומט די לערע אַרויס פון יענעם דערהויבענעם עטישן פּרינציפּ פון אייגענער בחירה, פון אינדיווידועלן פרייען אויסוואַל, וואָס איז ניט געבונדן מיט קיינע קייטן צום שלעכטס דווקא.

דער יידישער לעבנס־אינסטינקט און קיום־אויפהאַלטונג, וואָס האָט געפונען זיין שענסטן אויסדרוק אין אָט־דעם פּרינציפּ, דערמוטיקט דעם יידישן מענטשן ניט מורא צו האָבן פאַר קיינע דורכפאַלן, צו שטאַרקן זיך און איבערוועלטיקן יעדע שטערונג און שטרויכלונג, ווייל ס'איז אינעם מענטשנס האַנט זיי אַלע איבערקומען און בייקומען.

אויך אין דער דאָזיקער פינפטער סצענע רעדט נאָך דערוויייל דער אַלטער פּליט — אליהו הנביא — צופיל פאַר דעם משיח־צדקנו און ברענגט די אַנצוהערעניש אין זיין נאָמען, בעת ער דאַרף ערשט אויפלעבן און אויפגעזוכט ווערן פון צווישן די טויטע און אומגעקומענע. פאַרקערפּערט אָבער אונדזער דיכטער אָט־די ליכטיקע געשטאַלט אין די שפּעטערע סצענעס.

ווען דער אַלטער פּליט זוכט ענדלעך אויס דעם יונגן משיח־צדקנו, ווערט ער דער אַנאָנימער און סימבאָלישער משיח, וואָס זאָל ברענגען לעבן און לעבנס־זין, לעבנס־אַנהאַלט און לעבנס־באַרעכטיקונג פאַר דער שארית־הפליטה אינעם סאַמע קאָסמישן בין־השמשות, ווען לעבן און טויט זיינען נאָך אויסגעמישט און ראַנגלען זיך נאָך אין אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט.

ווי באַדייטונגספול קאָסמיש־סימבאָליש איז דאָס אָננעמען פון לעבן, די איבערוועגדונג פון טויט, אין דער נייער וויזיע פון לייוויקן, קאָן מען זען פון אַ זאָג פון אַן איינפאַכן לאַגערניק צווישן די, וואָס גרייטן צו די „חתונה״.

„אַזוי ווי דער ייד האָט אַמאָל נאָך מצרים מקבל געווען די תורה, אַזוי דאַרף ער היינט, נאָך דאַכאַו, מקבל זיין דאָס לעבן. וואָרעם ווי די תורה איז הייליק, אַזוי הייליק איז דאָס לעבן פון אַ יידן און אפשר נאָך הייליקער״... (פון הירשס רייד צום יונגן פּליט אין דער ניינטער סצענע, זייט 147).

אין דער זעקסטער סצענע, אויף דעם ברודער־קבר אין דאַכאַו, וועקט דער אַלטער פּליט די טויטע אויפצושטיין פון קבר, „אַפילו ווען נאָך ניט די גאולה־שעה״, בכדי אויסצוגעפינען אויב משיח־צדקנו איז דאָ ניטאָ אין קבר. די טויטע וואַכן אויף און לאָזן זיך אַרויס, ווי „ס'וואָלט נישט געווען קיין חילוק צווישן טויט און לעבן״. זיי לאָזן זיך אַרויס אויף דעם נס־חתונה, אויף דער ערשטער חופּה ביי דער שארית־הפּליטה זיינען זיי אַלע מחותנים, די גאַנצע אויסגעהרגעטע זעקס מיליאָן. דעריבער זינגען אַפילו די מחנות טויטע דאָס „אַני־מאמין״ ליד, וואָס איז געוואָרן דער הימן פון לעבן און האָפענונג.

פונעם ברודער־קבר שטייגט אויך אַרויס שרה די ערשטע, מיט איר ייִנגעלע, יצחקן. און ענדלעך קומט אַרויס דער „יונגער פּליט״, צו וועמען דער אַלטער שטרעקט אויס זיינע אָרעמס און שרייט אויס: „מיין זון, מיין טייערער — משיח צדקנו!״

דער יידישער אייביקייטס־וועזן (נצח ישראל), וואָס האָט זיך ביז איצט אויסגעדריקט אין אויסדויער, אין געדולדיקן וואַרטן און האָפן, אין בטחון און גלויבן, האָט מיט די נייע פונקען פון לעבן נאָך אַ מאָל אויפגעלעבט. ווען דער יונגער פּליט פרעגט: „און אַלע זיינען זיי מרוצה אויף דעם נס צו וואַרטן?״ ענטפערט דער אַלטער פּליט: „דעם בעסטן סימן האָסטו שוין — מיר גייען צו אַ חתונה״. דאָס מיינט, אַז יידן זאָגן ווידער יאָ צום לעבן און גורטן ווידער מיט געדולד זיך אָן, „ווייל חתונה מיינט לעבן״.

אָבער דאָס מאָל, נאָך אַזוי פיל חורבן און קרבנות, נאָך אַזאַ קאַטאַסטראָפע, איז דער באַנייטער לעבנס־באַגער ניט קיין פּאַסיווער צייכן פון געדולד און אויסדויער, נאָר די באַנייטע לעבנס־באַרעכטיקונג

פאַר דעם „אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״ און אַ גרונט פאַר עטישער באַנייאונג פון דער מענטשהייט.

נאַטירלעך, ציט דער אויטאָר ווייטער די רעאַליסטישע פעדים פון דער גרויסער לעבנס דראַמע, צוליב וועלכער דער גאַנצער סימבאָלישער כאַראַקטער פונעם ווערק טרעט אַרויס בולטער און דייטלעכער.

אברהם, דער הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע, קומט אַרויס אַנטקעגן די ביידע „פּליטים״ (אין דער זיבעטער סצענע), באַקומט זייער ברכה, און לאַדט זיי איין צו זיין חתונה. ווען די „פּליטים״ גייען אָפּ פון אים, באַוויזט זיך פאַר אים זיין ווייב שרה מיט יצחקלען.

פון איצט אָן און פאַר די איבעריקע פיר סצענעס (אינגאַנצן זיינען דאָ אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע עלף סצענעס) געפינען מיר זיך שוין בלויז אין דעם פערנוואַלדער לאַגער, נאָר אויך פאַרשידענע פונקטן. דער גאַנצער רעאַליזם איז אַזעלכער, וועלכער קען זיך אויסבילדן נאָר ביי אַ ייִדישן קינסטלער אין אַזאַ גרויזאַמער צייט, ווען ס׳איז אָפּ־געווישט די גרענעצן צווישן טויט און לעבן.

די גרויסע מחנה טויטע, וואָס האָבן אַריינגעמאַרשירט צום לאַגער אויף דער חתונה, זיינען פּילפּאַרביק און פילגעשטאַלטיק (עס געפינט זיך צווישן זיי אַ רב־געשטאַלט, אַ בדחן א. אַז. וו.), זאָגט די רב־געשטאַלט:

> מיר זיינען ניט קיין מתים. מיר לעבן אין זייערע (פון די לעבעדיקע—ש. ל.) תפילות. זיי זיינען זיך מתיחד מיט אונדז און מיר מיט זיי. מיר טראָגן בישט קיין תרעומות אויף זיי. יעדער זכר אָן די לעבעדיקע יידן פילט אונדז אָן מיט מתיקות... (זייט 158).

נאָך אַ סך צעגערנישן און אָפּלייגענישן מצד די טרויעריקע חתן־כלה אין דער צענטער סצענע, פירט מען ענדלעך דאָס פּאַרפּאָלק צו דער חופּה. עס קומט אַפילו אָן דער „אומבאַקאַנטער ייד״ (ווי שוין געזאָגט, — דער הרוג, דער כלהס ערשטער מאַן, וואַרשיינלעך) און וויל שטערן די חתונה זאָל ניט צושטאַנדקומען. אויך שרה, אברהמס ערשטע ווייב, מיט יצחקלען זיינען ניט מסכים צוערשט צו אברהמס צווייטער חתונה. דער גאַנצער מאָמענט, דער קולמינאַציע־פּונקט פון דער פּאָעמע, איז אַזוי רירנדיק אָנגעפּילט מיט פּאַטאָס און פסיכישן אויפרייס־שטאָף.

דער יונגער פּליט איז מקבל פּנים די כלה און ער לאָזט פאַלן די זייער באַדייטונגספולע, כאָטש קאַרגע ווערטער:

אַ יעדער ייד איז פּייער, וואָס פלאָקערט און פלאַקערט ניט אויס... כאָטש איך אַליין בלייב נישט דערקענט — ווערט איר פאַר מיר אַלע נתגלה אויפסניי, און געבענטשט זאָלט איר זיין... (זייט 170).

דער „יונגער פליט" האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין זיין נייער ראָלע צווישן די לעבעדיקע, אין זיין באַנייטער אויסלייזונג־פונקציע, אַז ער זאָגט צום „אַלטן":

האָסט גאָר, זע איך, ספקות וועגן דעם כוח פון די יידן דאָ? און איך, פאַרקערט — אין מיר נעמט זיך גאָר שטאַרקן מיין גלויבן אין זייער כוח. דער גרעסטער צער זאָל נתגלה ווערן, זאָל יעדער טראָגן אין זיך זיין אומגעקומענעם נאָענטן ווי מען טראָגט אַ לעבעדיקן. וועט ניט זיין קיין פּחד. וועט ניט זיין קיין טויט. און מת וועט ניט זיין מת... (זייט 178).

ה. לייוויק, דער גרויסער קינסטלער און פּאָעט, האָט פאַר זיך געזען דעם יידישן בראָך אין זיין גאַנצן שרעק, די מעשי־זדון פון דער היטלערישער חיה־רעה, וואָס האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויף דער שארית־הפליטה. האָט אָבער ניט געקאָנט דער קינסטלער בלויז אויפנעמען און רעקאָרדירן די יידישע טראַגעדיע און ווערן דער כראָ־ניקער צו „פאַרשעמען די מענטשהייט".

אַפילו אַ כראָניקער מוז אָפּקלייבן און אויסטיילן, ווייל ער מוז האָבן אַ געוויסע פערזענלעכע באַציאונג צום סיפּור־המעשה; די גע־שיכטע גופא קאָן ניט זיין אָביעקטיוו.

בפרט אַזאַ דיכטער ווי לייוויק, וועלכער מאָנט פון אַנדערע און זעט אַליין וויזיעס פון אויסלייזונג, ווען ס'עמעס העכסטע מאָמענטן פון שאַפן זיינען אינספּירירט מיט מאָטיוון און אידייען פון אויסלייזער און אויסלייזונג, — האָט געמוזט געפינען אַ נייע געשטאַלטונג אונטערן דראַנג פון דער גרעסטער יידישער טראַגעדיע, בכדי אויפצוריכטן די יידישע פּאָעזיע בכלל, און זיין אייגענעם שאַפן בפרט, אינעם איצטיקן מאָמענט — און ער האָט אונדז געגעבן „די חתונה אין פערנוואַלד".

ש. לעשצינסקי

II

ה. לייוויקס „מהר״ם פון ראָטענבערג״

(נייע דראַמאַטישע פּאָעמע, וואָס גלאָריפיצירט די איבערמאַכט פון גייסט לגבי פיזישער געוואַלט)

אונדזער באַוואוסטער דיכטער ה. לייוויק איז כמעט שטענדיק געווען טיף באַווירקט פון דעם יידישן גורל, פאַר דער יידישער טראַגיק. אָבער אין זיין נייער דראַמאַטישער פּאָעמע „מהר״ם פון רוטענבערג״ איז ער דורכגעדרונגען מיט דער היסטאָרישקייט פון יידישן פאָלק און זיין פּאָעטישע וויזיע איז איבערגעשמאָלצן און אויסגעלייטערט געוואָרן.

...„ייד אַנטלויפט ניט פון זיין גורל״ — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון דער דאָזיקער דראַמע, דאָס ווידערהאָלט דער מהר״ם און דאָס באַטאָנט אַהאַספער, די אויף דאָס ביי געשאַפענע, מיט נייער וויזיאָנערישער אַנטפּלעקונג, סימבאָלישע פיגור פון דעם אייביקן יידן.

דער פּאָעטישער חוש און די שווידערהאַפטיקסטע דערפאַרונגען אין דער יידישער און אַלמענטשלעכער געשיכטע פון פאַרטיליקן און פאַר־ניכטן אַ גאַנץ פאָלק דורך דער איבערהאַנט און איבערמאַכט פון רשעות און בעסטיאַליטעט האָבן לייוויקן אונטערגעזאָגט זיך אָפּצושטעלן אויף דער ליכטיקסטער פיגור אין דעם סאַמע פינצטערן דרייצנטן יאָר־הונדערט פון דעם „בלוטלאַנד״. אין דער גרויזאַמער מיטלאַלטערלעכער דייטשלאַנד האָט דער יידישער באַוואוסזיין, די יידישע גייסטיקייט געפונען אין דעם מהר״ם (מורנו הרב מאיר) פון רוטענבערג, דעם הויפּט רב און איינעם פון די יינגערע „בעלי התוספות״, אַ פאַרטרעטער, וואָס האָט אויפגעכאַפּט דעם אומפאַרמיידלעכן קאַמף, דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד קעגן די שטורעם־ווינטן פון האַס און חיהשער שנאה. דער מהר״ם האָט נאָך אין די יינגערע יאָרן בייגעוואוינט דעם באַוואוסטן דיספּוט צווישן דעם בישאָף פון באַזעל מיט זיין רבין ר׳ יחיאל, נאָך וועלכן עס האָט געפאָלגט דאָס פאַרברענען פון תלמוד און ספרי־תורות און ער האָט פאַרפאַסט די קינה „שאלי שרופה״... וואָס באַקלאָגט די דאָזיקע געשעעניש. ער האָט אָבער אויף די שרעקלעכע יידישע דעראי־

נערונגען און דערדריקונגען געענטפערט מיט אַרויסרופנדיק שטאָלץ און געטראָגן מיט דער גרעסטער ווירדע זיין שליחות און פאַרטרעטערשאַפט וואָס איז פאַרבליבן ביז היינט ווי אַ מוסטער פון יידישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, און פון מאָראַלישער קראַפט קעגן געוואַלט און פיזישער מאַכט פון דער וועלט אַרום.

פון דער אַנדערער זייט האָט לייוויק פון דער בייזווילליקער קריסט־לעכער לעגענדע פון דעם יידן וואָס איז פאַרשאָלטן צו וואַנדערן אייביק ביז דעם נאָך אַמאָל אויפלעבן יעזוסעס פאַרוואַנדלט אין דעם נצח ישראל געשטאַלט — אַ פאַרבינדונג מיט דער אייביקייט, וואָס שלאָגט אָפּ מיט דעם יידישן גורל. ווארעם אין די טיפענישן פון דעם יידישן פאָלקס־ווּעזן און ווערן איז פון אייביק געווען אַ וויסן און דערקענונג פון רעכט און גערעכטיקייט, אַ באַזונדערע אויפפאַסונג פון נייע און נייערע דערפאַרונגען, וואָס קירעוועט און ריכטעט דעם קאָלעקטיוון ווילן. דאָס איז דער יידישער געשיכטלעכער גורל און זיין פאַרקייטלונג מיט דעם אוניווערסאַלן גייסט.

אָבער לאָמיר זיך באַקענען נאָענטער מיט דער דאָזיקער וואונדער־באַרער דראַמאַטישער פאָעמע אין זיבן בילדער.

אין ערשטן בילד, אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, דאַכאַו, וואו שפעט ביי דער נאַכט ליגן אויסגעלייגט אויסגעפייניקטע יידן, טיילט זיך אויס די פיגור פון דעם צוואַנציק יאָריקן בחורל דניאל. לעבן אים אַן עלטערער ייד, וואָס באַרואיקט אים און בעט אים איינשלאָפן. עס באַוויזט זיך באַלד אין בלאַסער ליכטיקייט די געשטאַלט פון אַ אַהאַספער ענלעך אויף דעם עלטערן יידן, וואָס נעמט דניאלן מיט אויף זיינע וועגן און וואַנדערונגען.

אין צווייטן בילד ברענגט אַהאַספער דניאלן אין דער יידישער געטאָ פון מאַינץ אין 1286. עס איז דאָרטן באַלד נאָך אַ פאָגראָם מיט אַלע פרישע שפורן פון דערנידערונג און פאַרוויסטונג. אַהאַספער סימבאָליזירט דאָ דעם יידן, וואָס מען זעט דאָ אין דאַכאַו, דאָ אין מאַינץ. ווארעם די יידישע גלות־געשיכטע איז אַזוי האָמאָגעניש פון איין אויסגוס כמעט, אַז עס איז גאָר קיין מוקדם ומאוחר ניטאָ, קיין כראָנאָלאָגישע געקייטלקייט. יעדער דור און יעדע תקופה איז אַ סימבאָל פון דער פאַריקער און דער נאָכפאָלגנדער. אַ ריטער אויף אַ פערד יאָגט זיך אַריין אין געטאָ דורך דעם טויער און שאַלט און טרומייטעט, יאָגט מיט אימפעט צו דער שול. דאָס איז ער געקומען רופן דעם רב אויפן באַפעל פון הערצאָג אין פאַלאַץ. אַ נייע אימה ווערט אָנגעוואָרפן אויף

דער קהילה און עס שפּירט זיך אַ נייער גזר. מען זעט באַלד דעם מהר״ם אויפן גאַס אַרומגערינגלט מיט זיינע תלמידים, דעם ראש הקהל, דעם שמש און אַ גרויסן עולם. עס אַנטוויקלט זיך אַ וויכוח צווישן די תלמידים וועגן וואָפן, צי מעגן יידן זיך באַנוצן מיט וואָפן קעגן שונא. דניאל מישט זיך אַריין מיט אַן אָנדייטונג

אַז צווישן די עשרה הרוגי מלכות
איז אויך געווען אַ יוסף חיים ברענער
אַ ווילנער שוסטער יונג — אַ לעקערט
צי גאָר אַ פּראָסטער איטשע מייער פון מיידאַנעק.

ער כאַפּט זיך אויף אַרויס מיט פאַראויסזאָגן תפיסה פאַרהאַפטונג פאַר דעם רבין. צווישן עולם באַווייזט זיך אַ שליח פון אַריענט מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ, וואָס איז געקומען צו ברענגען די בשורה פון ביאת המשיח אין דעם הייליקן לאַנד, ווען דער מהר״ם פאַרטרייבט פון זיך.

דאָס דריטע בילד קומט פאָר אין פּאַלאַץ פון הערצאָג אַלברעכט פון האָהענבערג. דער מהר״ם קומט אַריין, אַ שטעקן אין האַנט, זיין זיגל אויפן האַלדז. די ווירדיקע האַלטונג און דער שטאָלץ פון דעם „יודענרב״ שטעכט די אויגן פון הערצאָג. ער גייט צו צו דער פאָדערונג פון פּופּציק טויזנט מאַרק פון דער געמיינדע, כלומרשט אַלס ביישטייערונג פאַר אַן אָנקומענדיקער מלחמה. קיינע טענות און אָנווייזונגען, אַז די געמיינדע איז אָרים און פאַרוויסט נאָך אַ פּאָגראָם און פאַרמאָגט גאָרניט מיטן גאַנצן ביסל האָב און גוטס אַזאַ ריזיקע סומע, העלפט ניט. און ווען דער רב האָט שוין ניט וואָס צו זאָגן רעאַגירט דער הערצאָג אַז „דער רב פון יודענגאַס שווייגט פרעך... פרעך און ניט געהאָרכזאַם איז יעדער יודע, א. אז. וו.״

בילד פיר: אין הויז פון מהר״ם, וואו די שויבן זיינען אויסגעבראָכן, פאַרשטאָפּן די בני בית מיט שמאַטעס די לעכער. עס הערשט אַן אומ־רואיקייט, וואָס דער רב איז נאָך אַלץ ניטאָ צוריק פון הערצאָג. די געמיטער זיינען דערשלאָגן און פאַרצערט. צוויי זין פון מהר״ם זיינען געקומען על קידוש השם און די חוצפה פון אַ משומד, אַ ריטער, צו פאַרלאַנגען דעם רבס טאָכטער פאַר אַ ווייב! אַהאַספער און דניאל זיינען אַריינגעקומען אומבאַמערקט. מען קוקט זיך אַרום אויף די מאָדנע אורחים אומהיימלעך. ענדלעך קומט דער רב מיט דער מחנה מקורבים.

ער בעט אַלעמען זיך שטאַרקן. אַלע וואַרטן צו הערן פון רבס שליחות. דער רב דערקלערט דעם נייעם גזר.

די מיינונגען זיינען צעטיילט. טייל האַלטן מען זאָל נאָכגעבן אין סבלנות; אַנדערע, צווישן זיי זיינע תלמידים — מען זאָל ניט אויס־פאָלגן די פאָדערונג און גאָר זיך אַוועקלאָזן קיין ארץ־ישראל. די גוטע בשורה פונעם שליח האָט דאָך אויפגערודערט דעם עולם. דער רב בלייבט אַליין. ווערט פאַרזונקען אין תפילה. פילט אויף זיך די גרויסע אחריות פאַרן כלל ישראל

אַז שטעלן זיך מיט כח קעגן שונא קאָן ער ניט\
וויל שוואַך איז ער און אויסגעצערט פון פיין...\
— — — — — — — — — — — — — —\
נאָר לייגן זיך אינגאַנצן צו דעם הערצאָגס פיס\
אין מיאוסער הכנעה, קושן זיינע טריט...\
— — — — — — — — — — — — — —\
דאָס קאָן איך אַוודאי ניט — דאָס וויל איך ניט.

בילד פינף קומט פאַר אין אַן אכסניה ביי דער גרענעץ, וואו אַ גרויסער עולם וואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. מען דערוואַרט אויך דעם רבין. עס געפינען זיך דאָ אויך דניאל און אַהאַספער.

דער מהר״ם קומט אָן מיט זיינע אייגענע. מען האָט פאַרמסרט דעם רבין און חייל קומט אָן צו אַרעסטירן אים.

אין זעקסטן בילד איז דער מהר״ם אין תפיסה־צעל אין דער וועסער־בורגער פעסטונג. ער איז איינגעוויקלט אין אַ טלית און פאַרברענגט אין תפילה און תעניתים. ענדלעך דערלויבט מען אים צו האָבן ספרים, טינט און פעדער און פאַרמעט. אין זיין העלזעערישקייט ווערט פאַר דעם גייסט פון מהר״ם אויסגעשפרייט „אַן אייביקייט אַן אָפענע, אויף אַלע טירן אַן אָנגעצונדענע מיט ליכט פון בורא עולם, דורך וועלכע אַלע דורות, אַלע לעבנס פון נעכטן און פון היינט און אויך פון מאָרגן באַ־געגענען זיך״. דער וועכטער באַהאַנדלט דעם רב ניט איידל, וויל אים שלאָגן. עס טויכן אויף דניאל און אַהאַספער „די עדות פון ווייטערע, שפעטערע דורות״. דער וועכטער פאַרלאָזט דערשראָקן די צעל. עס קומען דער שמש און שמשון (מהר״מס תלמיד באַוואוסט אַלס „תשבץ״). פון אויסלייזן אים וויל דער רב ניט וויסן. ער אימפּראָוויזירט פאַר

שמשונען תשובות אויף די פילע שאלות, וואָס זיינען אָנגעקומען פאַר דער צייט פון כל תפוצות ישראל. עס קומען אָן אין אַ גרופּע די ראשי הקהל פון מאַינץ, קאָנסטאַנץ, רוטענבערג אדג״ל, צו באַקומען דעם רבינס הסכמה צו אויסציילן די געפאָדערטע סומע וואָס איז זיי געלונגען צונויפצוזאַמלען. דער מהר״ם זאָגט זיך אַבסאָלוט אָפּ.

רבותי לפי דעת איז אויסגעקומען,
אַז ניט פאַר זיך נאָר פאַר דעם כבוד פון ישראל
האָב איך מיין שוואַכן אָרעם אויפגעהויבן.
כאָטש איינמאָל צו באַווייזן אים, דער הערצאָג,
אַז ניט אַיעדע רשעות קאָן ער אויספירן...

**
*

ווען די באַזוכער האָבן פאַרלאָזן אים, פאַלט ער אין אָנמאַכט. דניאל און אַהאַספער דערשיינען. — דאָס זיבעטע בילד קומט פאַר אין ענזיסהיימער פעסטונג זיבן יאָר שפּעטער. די צעל איז גרעסער ווי אין דער פאַריקער תפיסה. אויף אַ שטענדער זיינען אָנגעוואָרפן יריעות. דער מהר״ם איז שוין זייער שוואַך און פיזיש געבראָכן. אָבער ניט אין גייסט. האַלט אין פאַרענדיקן צו שרייבן אַ ספר תורה. אין אַ ווינקל געפינען זיך דניאל און אַהאַספער. דער הערצאָג בכבודו ובעצמו קומט אין דער תפיסה צום רב. דער גרויסער זקן קאָן קוים זיך האַלטן אויף די פיס. אָבער נאָך אַלץ מיט דעם זעלביקן שטאָלץ, מיט דעם זיגל אויף דעם האַלדז. ערשט דאָ דערשפירט דער הערצאָג עפּעס אַ געהיימע מאָראַלישע מאַכט אין זקן, וואָס דער הערצאָג קאָן בשום אופן ניט בייקומען. ער לייגט פאָר דעם מהר״ם צו באַפרייען אים תיכף בתנאי ער זאָל אַרויפלייגן דעם זיגל אויף אַן הסכמה אויסצוצאָלן דאָס גע־פאָדערטע אויסלייז־געלט. דער רב אָבער בלייבט פאַרעקשנט אַפילו אויף דעם שוועל פון טויט. ניט געקוקט אויף די דראָאונגען, אַז זיינע באַעגטע וועלן פאַרהאַפטעט ווערן און ער אַליין וועט אַפילו ניט קומען צו קבר ישראל, קערט ער זיך אָפּ פון דעם הערצאָג. ער פאַרענדיקט נאָך די ספר־תורה און פאַלט אויפן בעט. אַהאַספער און דניאל איבער אים רופן אים צו אויפשטיין און גיין מיט זיי, זיי וועלן אים ניט לאָזן דאָ.

ווען דער הערצאָג בעת דעם פריערדיקן שמועס אין תפיסה, פרעגט דעם מהר״ם גיפטיק און שפּאָטיש, פון וואַנען נעמט זיך עס מהר״מס

מאַכט, פרעגט יענער איבער: „מיין מאַכט?״ און נאָך אַ לאַנגע פויזע: „מיין מאַכט באַשטייט אין דעם וואָס כ'האָב קיין מאַכט״.
אויף וואָס דער הערצאָג רעאַגירט:

דאָס אַלץ? דאָס אַלץ? —
ביסט, הייסט עס, שטאַרק אַנטקעגן מיר
מיט דעם וואָס דו ביסט שוואַך?
און איך בין, הייסט עס, שוואַך אַנטקעגן דיר
דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי פיל מאַכט?

ווערט אָט דאָ אונטערגעשטראָכן דער גאַנצער מאָראַלישער גרונט פון דעם פּאָזיטיוו קאָנסטרוקטיוון יידישן געשיכטלעכן ווערט און באַדייט, אַן אָנדייטונג פאַר דער איינציק מעגלעכער ענדלעכער האָפענונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, נאָך וואַרשיינלעכע אומענדלעכע מלחמות און עווענטועלן זעלבסט-פאַרניכטונג שגעון, אין דער צוקונפט. אָבער אין אַלגעמיין געפינט דער יידישער כבוד און די היסטאָרישע ווירדע פון יידישן פאָלק, זיין גורל, זיין געשיכטלעך מאָראַלישער כוח, אַ תיקון אין דעם דאָזיקן נייעם זייער באַדייטנדיקן ווערק פון אונדזער דיכטער ה. לייוויק.

אין דעם זעלביקן, שוין אין די צייטן פון מהר״ם געוועזענעם, און אין אונדזערע טעג נאָך אַמאָל געוואָרענעם, דייטשלאַנד-„בלוטלאַנד״, וואו דער היטלעריזם האָט זיך פאַרמאָסטן צו אויסראָטן און פאַרטיליקן פיזיש דאָס יידיש פאָלק און פאַרשווכן און דערנידעריקן דעם גאַנצן מאָראַלישן און גייסטיקן קנין פון דער מענטשהייט — האָט דער יידישער גייסט נאָך אַמאָל פאַראורטיילט און באַזיגט די מאַכט פון געוואַלט, ווי ער האָט עס געטאָן אין די קאַמפן מיט די גריכן און רוימער אַמאָל.

א. לעיעלעס

א. לעיעלעסעס פּאָעטישע דערגרייכונגען

1

נאָכן אַריינרייסן זיך און איבערוועלטיקונג פון די אורבאַניסטישע גרויס־שטאָטישע, וועלטלעכע עלעמענטן אין דער מאָדערנער פּאָעזיע, איז פאַרן מאָדערנעם דיכטער געבליבן דער איינציקער אָנהאַלט בלויז זיין אייגענע אינערלעכע וועלט. דורך אינטעלעקטועלער אָרגאַניזירונג זיין אייגענער אינערלעכער וועלט. דורך אינטעלעקטועלער אָרגאַניזירונג פון קאָנטראָל איבערן נייגעשאַפענעם אַרומיקן כאַאָס, האָט דער מאָ־דערנער דיכטער אויסגעווייטיקט און צושטאַנד געבראַכט דאָס קינסט־לערישע וואָרט, דעם נייעם פּאָעטישן אויסדרוק.

אַזאַ שעפערישן וועג האָט ביי אונדז דורכגעמאַכט, אפשר אַלס ערשטער, א. לעיעלעס־גלאַנץ, און האָט אויף אַן איינציקאַרטיקן אופן געהאָלפן אין דעם נייעם רענעסאַנס פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

שוין אין זיינע יוגנטלעכע לידער פון דער ערשטער זאַמלונג „לאַבירינט" (1918) ווייזט זיך אַרויס דער אומרואיקער גייסט פון אַ דערוואַכטער פּאָעטישער נאַטור מיט אירע חבלי־לידה. דער יונגער דיכטער מאַכט דורך דעם פיינלעכן וועג פון זוכעניש, בלאַנדזשעניש, אויפגעטוויכטע האָפענונגען און פינצטערע אַנטוישונגען, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַ פּיאָנעריש־קרעאַטיוון וואָרט־קינסטלער, וואָס זוכט צו באַנייען די מעשי־בראשית פון פּאָעזיע. טרויעריק טראַגיש איז די ערשטע זעלבסטבאַהויפּטונג פון אַזאַ פּאָעט, ווען ער זעט זי:

עס קרייזט די זון מיט אירע פלאַמען
און אַלצדינג קרייזט אין הימלס.
די וועלט און איך, איך און די וועלט:
מיר קרייזן צופעליק צוזאַמען.
— — — — — — — — —

עפּעס האָט זיין אייגענע וועלט קיין שייכות ניט צו דער אַרומיקער וועלט, און דער יונגער פּאָעט געפינט זיך אין זיין אייגענעם לאַבירינט איינזאַם, פאַרווירט און אָנמעכטיק, אומבאַהאָלפן, ניט אַרטיקולירט גענוג אויסצודריקן אין אַ פולער מאָס זיינע אייגענע אויפגעבראַזטע געדאַנקען און געפילן, דעם גאַנצן אימפּעט און דראַנג פון זיין זעלישער אויפגע־וואַכטקייט.

דאָס טרעט אַרויס באַזונדערס שאַרף און בולט אין די וויטערדיקע פערזן:

אַמאָל אַראָפּגענידערט האָט
אויף מיר ביינאַכט דער גייסט פון גאָט
— — — — — — — — — — — — —
און פון דאַן אָן איז איבערפולט
מיין האַרץ מיט שטריכן פון אַ בילד
און אַלץ, וואָס איך זאָג, האָט פון דאַן
קיינמאָל, קיינמאָל קיין פולן טאָן.

צום גליק האָבן זיך די אַלע זוכענישן און ראַנגלענישן פונעם יונגן פּאָעט אין זיין אייגענעם לאַבירינט גיך פאַרענדיקט. זיי האָבן ניט געדויערט גענוג לאַנג צו ברענגען שאָדן און וויסטעניש אין דעם טיפערן קאָמפּלעקס פון דעם פּאָעט. פון דעם לאַבירינט איז ער אַרויס־געקומען מיט אַ באַגער פאַר אַ נייער און אינטימער באַהעפטונג מיט דער וועלט אַרום אים.

מיט זיכערע און פעסטע טריט האָט דער יונגער דיכטער דורכ־געבראָכן אַ וועג פאַר זיך און פאַר דער נייער יידישער פּאָעזיע אויפן אַמעריקאַנישן באָדן. ער איז אַוועק צו געפינען אַ נייעם סינטעז צווישן דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער מאָדערנער היינטצייטיקייט, פון איך און וועלט, פון ייד און מענטש — און האָט גאָר איינגיכן געפונען אַ תיקון פאַר זיין אייגענעם פּאָעטישן איך.

א. לעיעלעס איז געוואָרן דער באַנבערכער אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע פאַר נייע פאָרמען און נייעם אינהאַלט.

פונעם לאַנגן גרויען לאַבירינט איז אונדזער דיכטער כמעט מיט אַ קפיצת־הדרך אַריבער צו די לידער, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט אינעם באַנד „יונג־האַרבסט" (1922).

ווי נאָר דער קריזיס איז אַריבער און ער שפּאַנט אַריבער דעם

פלאָנטער פון זיינע אינערלעכע קנוילן, לויטערט זיך אויס מיט אַמאָל פאַרן דיכטער דער האָריזאָנט. ער דערזעט ווייסקייט און העלקייט אויס־געשפרייט פאַר זיך, ווי דאָס געפינט מען אינעם ליד „ווייסקייט", און פון דער ווייסקייט און באַרואיקונג האָט דער דיכטער אַרויסגעצויבערט „דעם מאָרגן־רייך פון מזרח, דעם טאַנץ פון מערבס לעצטער אָוונט פייע".

ער האָט, ווי דורך מאַגיק, אַרויסגערופן יענע עקזאָטישע, בונט־פאַרביקע, צאַרטסטע קלאַנגען און רעגנבויגן־קאָלירן־שפיל פון די אויסגעדאַכטע פרויען־געשטאַלטן, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם פאַרכישופטן קרייז פון זיינע אילוזיעס, באַשיינענדיק און באַחנענדיק עד־היום אונדזער פּאָעזיע.

דער פּאָעט באַהעפט זיך איצט מיט דער נאַטור און שאַפט דאָס „שפּעט־פרילינג ליד", וואָס ווערט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אייגענעם געמיט־צושטאַנד און שעפערישן דראַנג.

אַזוי ווערט געצייטיקט און גערייפט דער יונגער פּאָעט און ער פורעמט און באַפעסטיקט, מיט געשטאַלט און סימבאָל, די קאָנקרעטי־זירטע מוסטערן פון דער נייער פּאָעזיע. אינעם נייעם ריטם, אין דער נייער פאָרעם, וואָס לעיעלעס האָט געצומען אויסהאַמערן און אויסשמידן פון זיין גייסט, הייבט זיך אָן פילן דער שוואונג און שוועב פון דער מאָדערנער, לויפנדיקער צייט.

אינצווישן, מיטן גאַנג פון דער צייט, איז אויף אונדזער דיכטער „אַרויפגעשפּרונגען די רוגזה" פון דער גורלדיק־גרויזאַמער יידישערווירקלעכקייט — נאָכן חורבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון די נאָכווייענישן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

און ווי מיט אַ דור צוריק, האָט דער אויסברוך פון די פּאָגראָמען דערשיטערט פּאָעטן און שרייבער ווי ביאַליק, לאַמעד שאַפּיראָ און אַנדערע, אָט־אַזוי האָבן די נייע פאַרלענדערונגען און פאַרוויסטונגען אַרויסגערופן איצט אין דער שיינער יידישער ליטעראַטור גאַנץ נייע אָפּקלאַנגען און אַקאָרדן:

פון לעיעלעסעס „יונג־האַרבסט" איז ניט שווער צו זען, ווי זיין פּאָעטיש שאַפן האָט זיך פאַרטיפט און באַקומען אַ גרויסן שוואונג און פאַרמעסט אין אַ סך לידער און פּאָעמען, ווי — למשל — „דאָס ליד פון געלן וואַנזין", „גאולה", „ווייס און גאָלד", און באַזונדערס — „די מעשה פון הונדערט".

דער קאָנטאַקט מיט דער הייננטצייטיקער ווירקלעכקייט האָט אויך געבראַכט דעם נייעם תיקון, וואָס לעיעלעסעס ליד האָט באַקומען מיט

זיין אויסשטראַלונג פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָמענט אין זיין פּאָעזיע, די אַסאָציאַציע און טיפערע פאַרבינדונגען, וואָס זיינען אייגנאַרטיק פאַרן גאַנצן יידישן מהות.

פון דעמאָלט אָן, קרייצן זיך די סאָציאַל־נאַציאָנאַלע מאָטיוון, די אינזיכיסטישע, אויפן גאַנצן שטח פון א. לעיעלעסעס פּאָעזיע, קרייצן זיך און רייסן זיך אַריין אינעם שטראָם פון זיין אינדיווידועלער דיכטונג, באַהערשן און איבערוועלטיקן זי. אינעם אייגנטלעכן לירישן טאָן פון זיין שאַפן, ווערט ער איינגעצוימט און איינגעהאַלטן, ער שאַפט דאָס אידייען־ליד, וואָס שפּינט און וועבט דעם סינטעז פון זיין אייגענעם איך מיט דער וועלט און דאָך בלייבט ער ליריש אין תוך און תמצית.

אויך איצט קומט דאָס לירישע ליד צום פּאָעט פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, נאָר ער גיט אונדז ניט קיין דירעקטע און אייגנטלעכע רעאַקציע פונעם פּאָעט גופא. דער דיכטער פאַרטראַכט זיך, למשל, וועגן מענטשלעכן וועזן און גורל; אָבער טיפער ליגט באַהאַלטן זיין אייגענע איבערלעבונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אָביעקטיוויזירטער געשטאַלטונג און פילאָזאָפישער רעפלעקסיע.

לעיעלעס גיט איצט איבער זיינע שטימונגען קילער, אָבער ווי זאָגט אונדזער פּאָעט:

מיינע לידער קאַלטע זיינען
און פון זיי מיט ווייטקייט בלאָזט.
האָט קיינער נישט געהערט פון קאַלטן ברענען,
ניט געלעקט דעם טעם פון פראָסט?
מיינע לידער האַרטע זיינען,
שטייפער, פעלדזיקער מאַרשרוט
קאָן קיינער ניט אין האַרטן פעלדזן דערקענען
קיל פאַרטייעטע לאַוואַ־בלוט?

אַ מוסטער פון לעיעלעסעס אייגנטימלעכער ליריק שטעלט פאָר דאָס בוך „ראָנדאָס“ (1926), וואָס טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער און ווייזט ווי דער פּאָעטישער געמיט, די שטימונגען און אימפּרעסיע לויטערט זיך אויס און נעמט אָן אידייאישן אינהאַלט:

און אַלץ איז ציטער־טענער פון איין קאָסמאָס ניגון
דער בלינדער קאָן מיט איין וויבראַציע זיך פאַרוויגן.

דער זעער דרינגט אין פלאַם,
וואו העל דער אין־סוף בליצט
און יונג איז אונדזער פרייד אויף אייביקייט געשטיצט,
איך גלויב ניט אין קיין צייט.

אָט־די פערזן אילוסטרירן דעם פילאָזאָפיש־אידייאישן אינהאַלט פון לעיעלעסעס געצייטיקטער פּאָעזיע. אין דער טעכניק און פאָרעם קירע־ווען ער זיך אָפּ פונעם פרייען פערז, וואָס ער גופא האָט געהאָלפן אַריינפירן אין דער יידישער פּאָעזיע, און גייט אַריבער, ווידער פיאָ־נעריש, צו די קלאַסישע קאָמפּליצירטע פאָרמען פון אָקטאַוון, טריאָלעטן, ווילאַנעלן א. אַז. וו.

אינעם ציקל לידער־בילדער „ניו יאָרק", פון בוך „ראָנדאָס", שפּיגלט זיך אָפּ, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער פּאָעזיע, מיט אַזאַ האַפּט און קראַפט, דער היינטצייטיקער בבל־טורעם מיטן גאַנצן גרויס־שטאָטישן געטומל און ווירוואַר, וואָס איז געווען דעם פּאָעטס אַדאָפּטירטע היים און די נייע היים פאַר דער יידישער פּאָעזיע.

איבער דידאַקטיק נייע פאַר דער יידישער פּאָעזיע אינסצענירונגען און אָרקעסטרירונגען טראָגט זיך דער לויטערער קול פון דיכטער, וואָס איז איינס מיטן מענטשן, וואָס „זוכט דעם אמת און ברומט אין גאַרט און רייסט זיך דאָס לייב וואָס דער אמת קומט ניט"...

אין דער פּאָעמע „דער באַרג" (אויך פון בוך „ראָנדאָס") האָט אונדז דער דיכטער געגעבן די מיסטעריע פון מענטשן און האָט אונדז אויפ־געדעקט דעם סוד פון זיין אייגענער אַנטפּלעקונג.

הגם איינגעצוימט און קינסטלעריש אָפּגעשלאָסן אינעם איצטיקן פעריאָד, איז אָבער זיין אייגנטימלעך ליריש ליד פאַרזיגלט. עס איז אָבער פאַרבליבן דער אומרואיקער, אימפּעטיקער און אויפגערודערטער קינסט־לערישער טעמפּעראַמענט, די צאַפּלדיקע זעל פון אַ סענסעטיוון, געפיל־פולן דיכטער, וואָס האָט אויסגעטראָגן די וויזיע פון דער נייער און באַנייטער פּאָעזיע.

2

אין דעם פעריאָד 1928־1932, אפשר די פרוכטבאַרסטע יאָרן אין לעיעלעסעס שאַפן, איז דער פּאָעט אַרויסגעוואָקסן פון דער עקספּערימענ־טירונג־סטאַדיע, פון דער אומקלאָרער זוכעניש. ער איז אויסגעוואָקסן,

קען מען זאָגן, צו דער גאַנצער גרויס, וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר זעען איצט אַלע זיינע אויסגערייפטע אייגנשאַפטן מיט וועלכע ער האָט זיך אידענטיפיצירט פון אָנהייב אָן — אַ נייע פּאָעטישע ריכטונג — דער „אינזיכיזם".

אין בוך „פּאַביוס לינד" (1937) דערגרייכט לעיעלעס צו דער פולער פּאָעטישער עמאַנציפּאַציע, צו דער פולער און אָביעקטיוויסטער קראַפט פון געשטאַלטונג און זעלבסט־פאַרמירונג.

פּאַביוס לינד איז די געשטאַלט וואָס דער דיכטער האָט אויס־געטיילט פון זיך און אַוועקגעשטעלט אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון זיך זעלבסט, און אין וועלכער ער, אין תוך און וועזן — אַ יידישער דיכטער, האָט געפונען אַ דאַנקבאַרן מעדיום צו דורכפירן זיין אייגענעם געראַנגל מיט וועלט און צייט, ד. ה. מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס אונדזער תקופה האָט אים צוגעטראָגן. דאָ טרעט לעיעלעס אַרויס מיטן פולן פּאַטאָס און אימפּעט פון זיין קינסטלערישער נאַטור; ווערט עקספּאַנסיווער און אָפענער, הגם רעזערווירט אין דער קינסטלערישער אויספירונג.

אַזוי, צום ביישפּיל, אין דער פּאָעמע „די אלמנה און ער" וואַקסט אויס דער גרויסער פאַרנעם און פאַרמעסט פונעם דיכטערס קינסט־לערישער סובלימירונג פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. ער איז געוואָרן דער וועקער און מאָנער פון אינדיווידועלער און סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָט געפונען דעם קינסטלערישן אויסדרוק פאַר דעם.

דעם נאַציאָנאַל־יידישן מאָטיוו, וועלכער האָט געפונען אַ מעכטיקן אויסדרוק און סאָציאַלער אינטערפּרעטירונג אין זיינע דראַמעס „שלמה מולכו" און „אשר לעמלען", נעמט לעיעלעס אַריין, נאַטירלעך, צווישן די סאָציאַלע מאָטיוון. אַזוי זינגט דער דיכטער זיין „ליד צום יידישן פאָלק".

דענצמאָל ליב איך דיך, דו פאָלק פון גרינטלעך דורכגעאַרבעטער הויט
מיט ליבשאַפט וואָס אַ זון האָט ניט געפילט נאָך צו אַ טאַטע,
דו, דאָס רעטעניש פון אויסטראַכטער פון ענטפערס שיינע, זאַטע,
דו, פאַרלייקענער פון צווייטן גרויסן רעטעניש — דעם טויט.
דיינע משהס שטאַמלער שוואַכער מענטשנשטאָף
און דיין שטאַרקייט — די פאַראַכטונג צו דער שטאַרקייט פון די שלעגער.

געפינען מיר דאָ דעם דיכטערס אָנהעגנגען זיך אינעם אַלטן יידישן קיום־באַוואוסטזיין, אָבער ס׳ווערט קלאָר, אַז ער פֿאַרבינדט און פֿאַר־קניפּט די יידישע און סאָציאַלע שטימונגען אין איין קאָמפּלעקס, וואָס וועקט ביים פּאָעט דעם גרויסן אחריות־געפיל פֿאַרן ייד און פֿאַרן מענטש.

און אין דער פּאָעמע „צו דיר — צו מיר" געפינען מיר דעם שליסל צו דער רעטעניש פון דעם פּאָעטס גרויסער אומוואַנדלונג. די פּאָעמע האָט אַן אָנדייטונג אין באַצוג צו לעיעלעסעס פּאָעטישן ערשט־לינג, דעם „לאַבירינט"... אַצינד, אָבער, אָנגעלאָדן מיט נייער דער־פֿארונג, מיט פֿאַרטיפֿטן פּאָעטישן באַוואוסטזיין, האָט לעיעלעס פֿאַר־ענדיקט דעם דאָרנדיקן וועג פון זוכעניש און וואַקלעניש. פון כאַאָטישע געמישטע שטימונגען און אָנשטאָט „די וועלט און איך מיר קרייזן צופעליק צוזאַמען" (זע אָנהייב פון ערשטן טייל פון אָט־דער עסיי) זינגט ער איצט:

די וועלט און איך
די זעלבע קראַפט,
איך בין אין איר
צו יעדע שעה
נאָר זי אין מיר
איז אויכעט דאָ.
— — — —

דער דיכטער האָט געזען און דערזען די וועלט אַרום, זי באַקומען און אַריינגענומען אין זיך, האָט געשאַפן דעם בריק פון זיך צו איר דורך דער אויסגעדאַכטער געשטאַלט פון פֿאַביוס לינד — און האָט דערגרייכט צו נייע הויכן פון זיין שאַפן. מיט אַ נייער קראַפט ברויזט אין אים דאָס יידישע שעפערישע וואָרט און באַנעמט זיין גאַנצע גורלדיקייט. ער ווערט דער ריטער און באַשיצער, איינער פון די געציילטע, וואָס טראָגן אויס דעם גרויסן חלום, דעם צויבער־טרוים פון גרויס־יידיש און יידישלאַנד.

ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט, די קאַלטע
קאָן יידיש אויפרייסן די אוניווערז.

(דער פרילינג גייט)

אַזאַ שטאָלצע האָפּערדיקייט האָט נאָך דערוויל ניט געפונען קיין אַנדערן פּאָעטישן אָפּקלאַנג, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן אין קנאות און איבערשטייגן די וויזיע פון א. לעיעלעס.

נאָך מער דערפילונג פון גרויסע צוזאָגן ווי אין זיין „פּאָביאַן לינד" און אַן איבערראַשונג האָט אונדז דער דיכטער צוגעשטעלט מיט זיין ווערק „אַ ייד אויפן ים" (1947): לידער און פּאָעמען.

עס קומט אַ צייט, האָט זיך א. לעיעלעס אויסגעדריקט, ווען יעדער מענטש הייבט אָן צו קוקן ניט נאָר פאָראויס, נאָר אויך צוריק. מיר דערפילן אין זיך דעם רוף פון די שרשים, דעם ריזלען פון אורקוואַלן.

דער יידישער דיכטער, פריער צי שפּעטער, מוז דערפילן — דוכט זיך מיר — דעם דראַנג צו באַהעפטן זיך פונסנייי מיט דעם ערשטן מקור פון אונדזער פאָלקס־חותם פון דעם ייד צווישן פעלקער. כ'מיין דעם תנ"ך, די אַנדערע אַלטע ספרים... דערפיל איך, אַז איך האָב אויף ווּעמען זיך אָנצושפּאַרן, און אַז אַלץ וואָס איך בין, און אַלץ וואָס ס'איז אין מיר, גייט צוריק ערגעץ ווייט צו אַזאַ מיט ווייטקייט, וואָס איז כולו מיסטיק, כולו נס און אויס־טערלישקייט...

דאָס דאָ אַרויסגעבראַכטע באַציט זיך אויף דער אָפּטיילונג „גע־שטאַלטן און צייכנס" אין לעצטן בוך לידער און פּאָעמען פון לעיעלעס, וואו עס ליגט אייגנטלעך די איבערראַשנדיקע מתנה, וואָס דער דיכטער האָט אונדז צוגעטראָגן.

ווי אַ קינד וואָס האָט אין האָפּערדיקן וואָגל
זיך דערווייטערט פון געבערער זיינעם מער און מער:
ווי אַ זון וואָס האָט דורך הייסן זאַמד און הייסער טרער,
דורך דעם פראָסט פון שלעכטס און דורך דעם פּאַטש פון האָגל;
טיף געבענקט צום פּאָטערס האַנט, צום פּאָטערס לאָגל;
אָט אַזוי קום איך צוריק פון דאָרשטיקן באַגער
פון די רויכערדיקע וועלט־חורבות קיין גושן —
פּאָטערס לוסט צו זוכן, צו געפינען משהן

(אַ ייד אויפן ים. ז. 88)

דער פּאָעט זוכט צו באַלעבן די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון דעם ביבלישן קוואַל און אַוועקשטעלן די תנ״ך געשעענישן און אַנדייטונגען אין קאָנטראַסט מיט דער ניט־יידישער און ניט־ביבלישער וועלט. ער קומט אָפּט צוריק צו די שעפערישע און לייכטנדיקע פיגורן, וואָס האָבן פאַרקערפּערט און אויסגעדריקט די ערשטע קאָסמישע צייכנס פון דער איבערוויִנדונג און איבערגעשטאַלטיקונג פון ליכט איבער פינצטערניש און באַהערשונג פון גוטס איבער רשעות, וואָס איז נאָך אַלץ די וויזיע פון באחרית הימים. לעיעלעסעס סעריע לידער און באַלאַדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער גרויסער יידישער גייסטיקער עפּאָפּייע, פירן אונדז צו צום אורשפּרונג און גרונט־יסוד פאַר אונדזער גייסטיקער שעפערישקייט, דער זין און תכלית פון אונדזער גאַנצן געשיכטלעך הערא‌אישן לעבנס־קאַמף.

די „אַכט יאָר 1938־1946״, אַן אָפּטיילונג פון בוך „אַ ייד אויפן ים״, זיינען די יאָרן פון דער שוידערלעכסטער קאַטאַסטראָפּע אינעם יידישן לעבן, ווען דער וועלטס חיה רשעות האָט זיך פאַרמאָסטן אויס־צוראָטן, חלילה, פיזיש און גייסטיק דאָס יידישע פאָלק. דאָך האָט היטלערס האַק ניט געמאַכט אַ סוף צו דער גייסטיקער שעפערישקייט.

אין ליד „אַ ייד אויפן ים״ (וואָס דאָס גיט אויך דעם טיטל פאַרן גאַנצן בוך) האָט לעיעלעס, ווי אין אַן אָפּטישן פאָקוס, אַ ברענפּונקט, אויפגעכאַפּט דעם טיטאַניש־פּראָמעטעאישן געראַנגל אין דעם וועלט־בראַנד, וואָס דאָס יידישע מאַרטירערטום און דער יידישער גייסט וואָלטן געדאַרפט אַרויסרופן. אַן אויפטרייסלנדיקע וויזיע עפנט דער דיכטער פון דעם אויפפלאַקער, פון דער לעצטער פאַרניכטונג פון דעם יידן, וואָס ברענט אויס איינער אַליין אויפן ים נאָך דעם ווי:

פון אַלץ ווערט קויל און בערגער אַש טורעמען און הורבען,
די ערד האָט לעבן ניט געקאָנט און איז געוואָרן חורבן.

אָדער:

— —

איצט גליט דער שאַרפער יידן־מאָרד, עס ברענען וויזיעס, גלויבנס.
אַ ריס גייט דורך פון טיפסטער טיף ביז סאַמע וויטסטע אויבנס.

— —

דער ייד פאַרלעשט זיך לאַנגזאַם שטיל; — סיקומט רו פאַר אים,
אויך ענדלעך.

אין דער קילער איינגעצאַמטער ליריק פון אונדזער דיכטער האָט זיך מיט אַמאָל אַריינגעריסן דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס פונעם גרויסן יידישן אומגליק, הגם דאָ און דאָרט באַהערשט ער זיך און שאַפט די „פוילישע יידישע באַלאַדע", „געפלויגן, געפלויגן", „אַ רוף" א. אַז. וו., מיטן באַרואיקטן טאָן פון זיין קינסטלערישער אידייען־ליריק.

סוף כל סוף איז דער קינסטלערישער פּראָצעס פון דעם פּאָעטס אייגנטימלעכן שאַפן ניט צעשטערט, און ער זעצט פאָר ווייטער צו זיין פּראָדוקטיוו־שעפערישן אויף זיין ליטעראַרישן, פּאָעטישן לעבנס־וועג.

משה נאַדיר

משה נאַדיר און זיין ירושה

1

נאָך עד היום איז דער וואונדער, וואָס איז געשען מיט דער יידישער ליטעראַטור אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן מיט דעם אויפֿברויז און אויפֿשטייג פֿון דער פּלעיאַדע „יונגע״ שעפֿערישע קינסטלער, פּאָעטן און פּראָזע־דיכטער, אַזוי אומגלויבלעך און אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך.

אַ פֿאַרדאַרטער דעמב איז געווען אונדזער ליטעראַטור. דער אביוניזם (נעבעכיזם) האָט אונטערגעגראָבן אַלטע וואָרצלען און זיי געלאָזט נאַקעט און הייל — ביז עס זיינען געקומען די יונגע פּרישע דינע ווײַנשל־ריטלעך, וואָס האָבן געוואָקסן ביי דער זייט פֿון דעמב, פֿון דער נייער ערד אַרויס. (משה נאַדיר אין זיין בוך — „טעג פֿון מיין לעבן״).

האָבן זיך צווישן זיי געפֿונען אויסטיילן און אויסצייכענען אונדזערע בייערע אָריגינעלע קינסטלערישע שעפֿער, גרויסע און באַדייטנדע דיכטער און דערציילער, איטלעכער מיט זיין אייגענער פֿיזיאָגנאָמיע און אייגנאַרטיקער אינדיווידואַליטעט. אָבער צווישן זיי אַלע איז קיינער ניט געווען אַזוי קינסטלעריש, אינדיווידואַליסטיש, אַזוי דורך און דורך פּערזענלעך ווי משה נאַדיר.

דער דאָזיקער אינדיווידואַליזם און די ספּעציפֿישע פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן דריקן זיך אויס אין אַ ריי נעגאַטיווע באַציאונגען מצד אונדזער אומפֿאַרגלייכלעכן און אומפֿאַרגלייכבאַרן קינסטלער צו אַלץ און אַלעמען. הויפּטזעכלעך דאָס, אַז ער קען ניט פֿאַרליידן דעם שאַבלאָן, דאָס סטערעאָטיפּישע, דאָס אַלטעגלעך אויסגעטראָטענע און געוויינלעכע. ער קען עס ניט פֿאַרטראָגן, פּשוט ווייל עס פֿאַרענגט אים גופא, זיין אייגענעם איך און לאָזט אים ניט זיך אויסלעבן. עס שטערט דעם קינסטלערישן שעפֿער צו רעדן מיט זיין אייגענער שפּראַך, צו פֿילן זיינע אייגענע געפֿילן, צו קוקן מיט זיינע אייגענע אויגן.

אמת, נאַדיר האָט אַ היפּש ביסל פאַזירט מיט איבערגעזעטיקייט פון קולטור און ליטעראַטור, פון וויסנשאַפט און אַנדערע גייסטיקע דערגרייכונגען, און האָט זייער טאַלאַנטפול „געלאַנגווײלט זיך" אָדער בן־יחידיש זיך געפּעסטשעט, אַז ער איז מיד פון אונדזער ציוויליזאַציע, עס איז אים אומעטיק און טרויעריק: ער איז אַריינגעפאַלן אין מעלאַנכאָלישע שטימונגען ווי שאַטאָבריאַן אָדער לאָרד בייראָן.

ס'איז מיר אומעטיק־אומעטיק, ליבער גאָט. דיין וועלט איז שוין אַזוי אַלט. די זון גייט אויף און אונטער מיט אַזאַ באַנאַלער רעגלמעסיקייט. פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער זיינען פיר שוועסטער פון איין גלייכגילטיקער סימפּאַטישער מאַמען. דיין לבנה, ליבער גאָט, דערמאָנט אין דעם זילבער פון אָפּגעריבענע מטבעות... ס'איז אומעטיק, ליבער גאָט, דעריבער בין איך אַזוי קלוג און פול מיט וועלט־שמערץ... (פון בוך „פון מענטש צו מענטש").

אָדער:

וואָס קאָן מיך אין אייער וועלט אינטערעסירן? טראַגעדיעס רירן מיך ניט — איך האָב זיי שוין געזען אַזוי אָפט; קאָמעדיעס זיינען אַזוי באַנאַל און אויסגערעכנט אויף דערפאָלג. פרויען — האָב איך שוין צופיל דערקענט פון נאָענט. קונסט איז מיר אַ שיין וואָרט, וואָס איך געברויך אין געזעלשאַפט פון דאַמען און יונגע דיכטער; וויסנשאַפט האָט זיך מיר שוין איינגעגעסן אין די ביינער ווי רומאַטעס... (פון בוך „פליטער פלירט").

אין דער לעצטער פאַזע פון זיין שאַפן האָט משה נאַדיר געפונען פאַר נייטיק זיך צו פאַרענטפערן, אַפילו פאַר זיך אַליין:

...און וואָס געוויסע מענטשן זאָגן: משה נאַדיר איז אַן עגאָאיסט, ער איז פאַרליבט אין זיך אַליין — ענטפער איך: כ'בעט אייך זייער, וואָס האָט דען דער משה נאַדיר אַזוינס געטאָן פאַר מיר פערזענלעך, אַז איך זאָל אים ליב האָבן. האָט ער דען ניט ביי יעדער געלעגנהייט מיין גליק פאַרדאָרבן? מיין לעבן צעשטערט? און וואָס מען זאָגט נאַדיר איז פערזענלעך, איז עס טאַקע אמת. אַלע פערזענלעכקייטן זיינען עס. דער נאַדיר פון אַבסטראַקטן אמת איז איינגעוויקלט אין אַ שאָלעכץ, וואָס הייסט

מענטש; טוסטו אויס דעם אמת פון דער שאָלעכץ, ברענגסטו אוםביידע זאַכן: דעם אמת און דעם מענטש... (פון „מודה אני").

דערפאַר איז נאַדיר טאַקע געוואָרן איינער פון די רייכסטע שעפערישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זיך אַליין אין אַ קינסטלערישן אָביעקט פון שאַפן, וואָס שפּרודלט מיט אַזוי פיל פאַרבן און ניואַנסן, מיט אַזוי פיל שפּיל, מיט אַזוי פיל באַוועגלעכקייט און אימפּעט פון אַ קינסטלערישן טעמפּעראַמענט.

די חידושקייט און דער צויבער זיינער באַשטייט אין די קעגנזאַצן און ווידערשפּרעכונגען, די ראַפינירטקייט, געפּאַרבט מיט מגושמדיקער רויטקייט און וואולגאַריטעט, דער סענטימענטאַלער גלויבנספונק פון קינדער־דערינערונגען מיט דעם סקעפּטיציזם, וואָס דערגייט צו ציניזם: דער וואַרימער מענטש און צינישער אָפּשפּעטער, דער פאַרוואָרצלטער אין דער אַלטער היים און דער ליטעראַרישער באָהעם; דער עסטעטישער ניהיליסט און דער ראַפינירטער וואָרט־קינסטלער. אָבער איבער אַלץ שוועבט זיין אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט.

צי האָט יצחק רייז, דער אָריגינעלער משה נאַדיר, זיך אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיטן לעצטן? דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פאַר זיך. אָט די צווישנבאַציאונגען זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצן פּערזענלעכן טאָן און שאַפן.

ווי ליב איך דיך — דו מיין געליבטער, מיין ווילד פרעמדער, משה נאַדיר, וואָס דו האָסט זיך אָנגעזעצט אויף מיין לעבן און איך דאַרף דיך האָדעווען מיט פאָלען (אַ ביטער־גראָז—ש. ל.) און סענטימענטן... (פון ביכער „נאַדירגאַנג" און „פון נעכטן ביז מאָרגן").

אָדער אַן אַנדער אויסצוג:

ליב מיך אַליין, נאָר מיך אַליין ליב, פלעגט טענהן צו מיר דער געקריוודעטער משה נאַדיר (ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן מיט פרעמדע מענטשן).

און פיל שפּעטער:

איך האָב אַ סך געשריבן אין „איך־סטיל" — ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל איך איז ביי מיר אַ באַשיידענע פאָרמע ווי ער, איך טראַכט קיינמאָל וועגן זיך, ווי „איך" נאָר „ער" — ער משה

נאַדיר. ווער איז דאָס אַזוינס דער נאַדיר, וואָס וויל ער פון מיר, וואָס פייניקט ער מיין געביט?... (פון עפילאָג אין „טעג פון מיינע טעג״).

עס איז נאַטירלעך אַ גרויסער ספק, צי דער קינסטלער קאָן זיין אַזוי אָביעקטיוו צו זיך זעלבסט, ווען ער אַדאַפּטירט אַפילו אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אויסגעטראַכטע און אויסגעדיכטעטע פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, בפרט ביי אַזאַ ליריש־סענטימענטאַלן און ריין פּערזענלעכן קינסטלער, ווי יצחק רייז. דעריבער טויכט טאַקע אויף אָבער און ווידער אַמאָל זיין אייגענער נאַטירלעכער יצחק רייז כמעט אומבאַמערק־באַר און ער קערט זיך אום צו זיך אַליין, באַזונדערס ווען ער פאַר־ענדיקט דעם נאַדירשן ציקל, כמעט אויסגעשעפּט.

יצחק רייז, ס׳איז דיר ניט געראָטן, יצחק רייז מיין טייערער! דיין שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, — ווען די וואַנט איז באַשטאַנען פון לעבעדיקע מענטשן, האָט דיך צו גאָרניט געבראַכט... צעבלו־טיקטע זיבן און דרייסיק ליטעראַרישע יאָרן מיינע! ווער האָט נאָך מער ליב געהאַט דאָס לעבן ווי איך? און ווער האָט זיך נאָך אַליין דאָס לעבן פאַרסמט? וועמענס זעל איז נאָך אַזוי זיס געוווען מיט ליבשאַפט צום הימל און צו ערד, צו מענטש און צו חיה, צו ליכט און צו ציטער?... (בוך „נאַדירגאַנג״, הקדמה).

משה נאַדיר איז געקומען מיט גרויסע רעזערוון לעבנס־ענערגיע. מיט איבערגעלאָדענע כוחות פון קינסטלערישן שאַפן, און האָט זיך פאַר־שווענדט אויף זעלבסט־באַהויפּטונג און זעלבסט־אויסדרוק, אויף צו אַרומנעמען די גאַנצע וועלט פאַר זיך בלויז, וואָרים אַלץ האָט געדאַרפט און געזאָלט זיין זיינס, זיין פּערזענלעך אייגנטום, אַנדערש האָט ער ניט געקענט.

שוין קינדערהייד... האָב איך געפונען... ס׳לעבן! און געדאַכט האָט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך איינער אַליין האָב געפונען דעם אַנטציקנדן סוד פון דער וועלטס ערלעכקייט, און אַז נאָר איך ווייס דערפון און איך וועל עס קיינעם קיינמאָל ניט אויסזאָגן, ווייל עס וואָלט געווען אַ חילול־השם אויסזאָגן... כ׳האָב געטוליעט דאָס לעבן צו זיך און געבענקט דערנאָך, געהאַלטן עס אין די אָרעמס און גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם, פון ליבשאַפט. שכור בין איך געווען פון דעם גאָלדענעם וויין פון לעבן, וואָס האָט

געשפּילט אין אַלע צעלן פון מיין געהירן, אין אַלע טראָפּנס פון מיין בלוט. און פּלוצים, אַז איך האָב אין דער גרוי־וואַכיקער וועלט פון ניו־יאָרק די אויגן אויפגעמאַכט, האָב איך צו מיין שרעק דערזען, אַז כּמעט יעדער מענטש איז יעדנס מענטשנס שונא און אַז אריינגיין אין לעבן דאַרף מען ווי אין אַרמיי — זיך שלאָגן...
(פון „מודה אני").

דערפאַר רעדט פון נאַדירן אַרויס די פאַרחלומטקייט פון דעם קליינעם גאַליצישן שטעטל און דער ציניזם פון דעם אַמעריקאַנישן עכטן לעבנס־וואָפן, די רעקלאַמע און די טאָג־טעגלעכע וואולגאַריטעט.

אָבער אין זיין שפּרודלדיקן גייסט קען מען זייער אָפט ניט דער־קענען, וואו עס ענדיקט זיך דער שפּיל און עס הייבט זיך אָן דער ערנסט, אָדער וואו עס ענדיקט זיך דער ערנסט און עס הייבט זיך אָן דער לייכטזין. ער איז אַפאָריסטיש, פּאַראַדאָקסאַל און שאַפט פּאַראָ־דיעס און קאַריקאַטורן, פאַרמאָגט איראָניע און ביטערן סאַרקאַזם. עס האָט אים דאָך געפעלט די גרויסע שעפערישע וויזיע צו אַריינברענגען אָן איינהייטלעכקייט אין זיין צעשפּליטערונג און צעברעקלונג — יענעם עכטן קינסטלערישן שאַפן, וואָס פאַרוואַנדלט יעדעס גרויס ווערק אין אַ דבר של קיימא פאַר דער ליטעראַטור.

דער זעלבסטאייפער אַליין, די פערזענלעכע באַוואונדערונג, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ זעלטענע אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דעם שאַרפסטן אויסדרוק פון אינדיווידואַ־ליסטישן פערזענלעכן שאַפן.

2

אויב די נעגאַטיווע מאָמענטן אין נאַדירס שאַפן (זיין זעלבסט־גלאָריפיצירונג, סאַטירע, וואָס גייט כּמעט אַריבער אין ציניזם, א. אז. וו.) האָבן אים אַרויסגעבראַכט אַלס איינעם פון די גלענצנדסטע קינסטלערישע שעפער אין דער יידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, האָבן אָבער די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן זיינע פאַרפעסטיקט פאַר אים די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין טאַלאַנט־פולער שעפערישקייט און מייסטערשאַפט פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן.

נאַדיר האָט געשעפּט מיט פולע הויפנס פון די פאָלקסטימלעכע אוצרות פון אונדזער שפּראַך און האָט באַוויזן שעפעריש־קינסטלערישע

וואונדער אַלס סטיליסט פון העכסטן ראַנג, דערהויפּט אין דער פּראָזע, הגם ער איז אַ פיינער און באַדייטנדער יידישער דיכטער אויך.

עס איז כדאי קעגנצושטעלן און פאַרגלייכן די מאָטיוון פון זיין צוגעבונדקייט למשל צום געבורטסשטעטל נאַראַיעוו, פון וועלכן ער האָט דאָך אַזוי פיל געשעפּט ליבע און איבערגעבנקייט צו יידיש און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן. און גלייך וועט מען זען ווי מער שפּי־לעוודיק, דערפינדעריש און שעפעריש ער איז דווקא אין דער פּראָזע:

איך בין נאַראַיעוו, וואו איך זאָל ניט זיין
נאַראַיעוו בין איך אומעטום און אייביק.
וואָס גייט עס אָן דעם מענטש, אַז ערד איז שטייביק,
וואָס גייט עס אָן דעם קריגל: וועלכער וויין?

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס בלייכט די נאַכט פון צער, וואָס זי מוז ווערן טאָג.
דער טאָג — ער שוואַרצט זיך צו דער נאַכט אַהין.
איך בין נאַראַיעוו. — („מודה אני”, ז. 88).

אָדער:

דיין צאַרטע שפּראַך, דיין דיאַלעקט,
דיין „אינץ — אַז מ׳וו׳מיר — קעמיר”
ניט אין שעקספּירס ענגליש, ניט אין רילקעס דייטש
איז דאָ עפּעס שענערס?...

און אָט אין פּראָזע:

איך בין געקומען פון אַ גלויביק אָרט, פון אַ קליין ווינקל־אָרט, וואו וואַסערן זינגען און טויבן פליען איבער די דעכער און די שולן זיינען הויך און קאַלט און מוראדיק און די מענטשן זיינען קליין און דערשלאָגן און אין זייערע אויגן ברענט אַ טיפער צער, און אונטערטעניקייט צו די שווערע פּריצישע הימלען, וואָס וואַרפן זיך אַרויף אויף דעם אָרימען בלאָטיקן שטעטל פון ווייסע ליים... (פון בוך „פליטער־פּלירט”—„אני העני”...)

אָדער:

נאַראַיעוו שטעלט זיך אין אָסיען אויף די שפּיץ־פינגער, פאַלט צו דער ערד פון ערפורכט פאַר דעם שטיקל ברויט, טראַכט לאַנג און ווייט אין דער לאַנגער וועלט אַריין. עפּעס

וואוילעס און גוטס דופטעט אין דער וויניקער נאַכט־לופט: גוטס־
קייט פון ווייטע בריוו, גוטסקייט פון צעפוילטן האָלץ, גוטסקייט
פון מיין לעבן, וואָס ליגט נאָך פּאָרויס, פאָרויס!

פון אַזאַ מין איינגעוואָרצלטקייט אין דער אַלטער היים איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ביי נאַדירן איז „יידיש די וואוילסטע שפּראַך אין דער וועלט, אָדער האָט חן, די פרישקייט פון רויט בלוט פאַרב פון אַ שפּראַך. וואָס לעבט אין דרויסן". — „און יידיש, איז ער מוסיף, איז דאָך לשון־קודשדיקער ווי... לשון קודש, מחמת אויף אָט דער שפּראַך זיינען מיר געוואָרן געזאַלבט אין בלוט, געהייליקט אין טרערן!"...

פאַר אים, אַלס שעפערישער קינסטלער, איז דאָס יידיש וואָרט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָרעם ער באַזיצט די וויזיע פון דער שפּראַך גופא, וואָס איז אַן אמתער קוואַל פון זיין פּאָעטישער באַגייסטערונג.

אָט איז אַ ביישפּיל ווי דאָס וואָרט לעבט פאַר אים אין זיינע אייגענע ווערטער:

איך האָב אַנומלטן באַדאַרפט עפעס האָבן אַ וואָרט, האָב איך עס געשיקט רופן און אַוועקגעשטעלט, וואו איך האָב באַדאַרפט. פלוצים האָב איך דערהערט אַ רעש פון אַלערליי ווערטער, יונגע און אַלטע, נייע און אָפּגענוצטע. איך האָב צוגעלייגט אַן אויער און איך האָב דערהערט דעם טומל פון דעם וואָרטס פאַרלאָזענער משפּחה, וואָס איז געקומען מיט אים. עס זיינען געווען דעם וואָרטס־מומעס, און פעטערס, און שוועסטער־קינדער, און ברידער און לאַנדסלייט, און אַלע האָבן זיך געשטופּט און געוואָלט זיין צוזאַמען מיט דעם פאָטער־וואָרט. איך האָב מיך געפּרואווט אָפּבעטן ביי זיי. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין פּלאַץ, אַז איך דאַרף ניט האָבן אַזאַ גרויסע משפּחה. אָבער זיי זיינען באַשטאַנען אויף זייערס, אַז איך זאָל זיי אוועקשטעלן אַלע אינאיינעם אָדער גאָרניט. איך האָב געמוזט אויסשטעלן אַ גאַנצן פּאַראַגראַף מיט דעם וואָרטס פעטערס, מומעס, און שוועסטער־קינדער, און שוואָגערס, און לאַנדסלייט. איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפן („פון מענטש צו מענטש", ז. 57).

און ווערטער, זאָגט נאַדיר, זיינען פלינקע, גרינגפיסיקע לייט. קוים איז דאָס וואָרט אויסגעדענקט, וועט עס שוין זיין געדאַנק געפינען אַליין פון זיך... וואָרעם דאָס נאַטירלעך און באַשטימט אויסגעשפּראָכן דענקען קומט דאָך פאַר מיט און דורך דעם וואָרט. אָבער פאַר נאַדירן

איז ניט נאָר דאָס וואָרט אַזוי לעבהאַפטיק, נאָר אַפילו די אותיות זיינען לעבעדיקע וועזנס, באַגייסטערנדע פיגורן, וואָס אינספּירירן די געדאַנקען און געפילן פון דעם פּאָעטישן קינסטלער. אָט איז אַן אויסצוג פון נאַדירס אַ פּאָעמע אין פּראָזע וועגן בוכשטאַבן פון יידישן אלף־בית:

טינט פלעקן אויפן ווייסן פּאַפּיר, בלויע מיסטעריען, וואונ־דער פיגורן, הייליקע סימבאָלן... איך קוק אויף די ווערק פון מיין שרייבנדער האַנט און איך קאָן זיך ניט אָפּחידושן פון זייער ענלעכקייט צו זאַכן, וואָס לעבן און אָטעמען... איך קוק אויף אייך, איר זייט אַליין געדאַנקען, איר זייט אַליין לידער... איך קוק אויף דאָס לאַנג געצויגענעם למד און איך דערמאָן זיך אין אַ שיף, וואָס ציט איבערן ים און סע זעט זיך בלויז אַ לענגלעכער קוימען, פון וועלכן ס'שלענגלט זיך אַ רויך. איך קוק אויף דעם בית... און איך זע אַ ברייט ברוסטיקע קאַטשקע, וואָס שווימט אויף וואַסער אַזוי גראַציעז. איך קוק אויף דער טראַגישער לאַנג־צדיק און איך זע דעם קרייץ און אויף אים דעם געקרייצטן... איך האָב ליב די זיצנדע „פיי", וואָס זעט אויס ווי אַ פוילנדער טערק, וואָס זיצט מיט די פיס הינטער זיך און פּיפּקעט די פּיפּקע... די געדרוקטע אַלף, וואָס דערמאָנט אַ פאַנטאַסטישע ווינטמיל... די שבתקע שין, וואָס שטייט „שמונה עשרה". איך באַוואונדער גימל, וואָס איז אייביק גרייט צו גיין ערגעצוואו אין גאָטס וועגן אַריין. („פון מענטש צו מענטש" ז. 85).

ערגעץ אַנדערש:

אָפּט הער איך ווי די אותיות אין וואָרט גאַרנישט קריגן זיך צווישן זיך. די גימל זאָגט, אַז זי איז שענער פון דעם שין, און די אלף טענהט, אַז אַן איר קאָן מען ניט שפּילן קיין טעאַטער. אַזוי טענהן צווישן זיך די איינציקע אותיות פון אַלף־בית. דאָס פירט אָפּט צו געשלעגן, צו קנאה־שנאה, צו אונטער אלף־בית פּלאָנטער, צו מלחמה. ווייל אותיות זיינען אַזוי ווי מענטשן, אַזוי אומגליקלעך צעטיילט, אַזוי טראַגיש צעאיינציקט, אַזוי אָן אַן אייגענעם ציל. זיי פאַרשטייען ניט, אַז אַלע אינאיינעם זיינען זיי קוים איין אידייע, וואָס מיינט אויך גאָרניט. שמועסט שוין אַז זיי זיינען באַזונדער. (פון „מענטש צו מענטש", ז. 56).

צוליב זיין רעוואָלט קעגן דער גרויקייט און לאַנגווייליקייט פון

דער טאָג־טעגלעכקייט, האָט משה נאַדיר געשאַפן פּאַראַדיעס און קאַרי־קאַטורן און האָט זיך אָפּגעזונדערט אין זיין אייגענער פּערזענלעכער וועלט.

בכדי צו באַפרייען זיך פון די צוימען פון שאַבלאָן און באַנאַליטעט אין דער שפּראַך און אין די אויסדריק־מיטלען, צו באַפרייען זיך פון די פאַרגליווערטע און פאַרשטיינערטע פאָרמען און אָפּראַמען דעם וועג פאַר די אייגענע איבערטראַכטונגען און איבערלעבונגען, האָט משה נאַדיר אַריינגעבראַכט נייע ריטמען און האָט ספּאָנטאַן געשאַפן נייע וואָרט־בילדונגען לייכט און נאַטירלעך. און, ווי אַ מוזיקאַלישער ווירטואָז, האָט ער געוואוסט די קונסט אַרויסצובאַקומען סטיל־עפעקטן פון אַלע עלעמענטן פון דער יידישער שפּראַך און איז געוואָרן דער מייסטער פון דער נייער און באַנייטער יידישער פּראָזע.

אָט איז אַ קראַנץ פון נאַדירשער שפּילעוודיקער ווערטער־אויס־בילדונג און געפלעכט, ווענדונגען און שפּראַכלעכע פאָרמירונגען צו־פעליק אַרויסגעכאַפּט פון זיין ווערטער סימפאָניע:

„דאָס פּריצישע וואָל־שטאָפּענע איבערציערל״; „דער גרינער פליסיקער שטויב״;

דער שמש האָט געגאָסן „הייסן בראָנפן״ הינטער די דערלדיקע וואָנטשעס, און איבער דער באָרד איבערגעשמייכלט מיט מצבה־דיקע ציין״... „מיר אַקסלען אַרויף די אַקסלען״... „ער איז אַ מוטלעכער, אַ דאַנק־גאָטישער״; „נאָך דעם שטילן קווינקווילירן אויף דער בענקשאַפט־מאַנדאָלינע״; „די רויטע וויינענדיקע ווער־בעס, וואָס וועלן באַיאָמערן מיין געוועזנקייט״... „איר האָרכט פון אונדז אַרויס יעדן גאָר־נישט־אָנגעטראַכטן שכל״... „אַרומשפּיצן אַ געזאַנגיק וואָרט א. אז. וו., א. אז. וו.

די פּאָעזיע פון נאַדיר איז, ווי מיר האָבן געזען אויבן, ווייט ניט קיין מוסטער פאַר זיין דיסטילירטער און ראַפינירטער וואָרט־קונסט. גראַדע אין דער פּראָזע, ספּעציעל אין זיין „פון מענטש צו מענטש״, קאָן מען נעמען יעדן איינציקן פראַגמענט און זען ווי זיי זיינען באמת פּאָעמעס אין פּראָזע מיט דער עכט־נאַדירשער דערפינדערישקייט פון שפּראַך און פּאָעטישקייט פון סטיל, ווירטואָזיטעט פון ווערטער אָפּגע־פרישטע און שפּילעוודיק אַרויסבאַקומענע, אויסגעקריסטאַליזירטע און אויסגעלייטערטע פון די אוצרות פון פאָלקסטימלעכקייט.

אַט זײַנען נאָך אַמאָל אַ פּאָר נאַדירשע כאַראַקטעריסטישע שטעלן פון זײַן פּאָעטישער פּראָזע:

די טעג זײַנען געגאַנגען. שטיקלעך אייביקייט זײַנען געראַנגען פון דעם געעפנטן צייט־שפּרונט און האָבן מיטגענומען מײַן לעבן — איך בין ווינציקער און גרעסער געוואָרן. די אויגן האָבן נאָך מער געבענקט נאָך וואונדער, וואָס פּלאַצן אין דער לופט ווי שאָלעכץ פון גאָלדענע אייער. אומענדלעך שיין און ווײַט — איז געלעגן דאָס לעבן — ווי אַן אַהינצוציאיק פעלד מיט געל ווערנדיק גראָז, וואָס דער ווינט רעדט צו אים דורך זומערדיקע שטילקייטן, און די ערד קושט יעדן זאַנג ביים וואָרצל, און די פויגל מאַכן קרויזיקע פלי־צייכנס איבער דעם, און ערגעץ קלינגט דאָס דאָרף, קלינגט אַ האַק, אַ סערפּ, אַ בראָנע קלינגט דאָס געבענטשטע לעבן פון די בלינדע...

אָדער:

וואַסער־פּערל זײַנען אָנגעהאנגען אויף די שויבן פון מײַנע פענצטער. מעלאַנכאָלישע וועלט־אמתן רינען מיר אין די אָדערן אַרײַן, אַזוי גראָ און וואַסערדיק, ווי אַ הײַנטיקער טאָג, וואָס טרינקט זיך אין די רעגנרינגען און אַ פאַרפּלאָנטערטער פון בלישטשענדיקער גרויקייט (ביידע צוויי לעצטע ציטאַטן פון בוך „פון מענטש צו מענטש״).

דורך דער אינטימער שייכות און באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך, האָט משה נאַדיר אַנטדעקט די קוואַלן פון זײַן שפּראַכלעכער און סטיליסטישער שעפערישקייט און האָט דערשאַפן דאָרט וואו פאַר אַנ־דערע וואָלט עס געווען אַ געוואַגטע און ריזיקאַלישע דרייסטקייט.

אַט דערמיט אַליין האָט ער זיך קונה מקום געווען, געשטעלט זיך דעם גרעסטן און פעסטן מאָנומענט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַוודאי זײַנען די חשבונות מיט דער פּערזענלעכקייט משה נאַדיר אַפילו איצט, נאָך זײַן טויט, ווײַט ניט פאַרענדיקט און די סך־הכלס נאָך ניט אינגאַנצן אונטערגעצויגן, צוליב איר פולסירנדיקער פּלויטיקייט און קאָמפּלי־צירטקייט, דער עיקר — צוליב איר איבעראַשנדער זעלטענער אייגנ־אַרטיקייט.

אָבער זיכער האָט ער אויסגעהאָלפן דער אויפלעבונג פון דער יידישער ליטעראַטור אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן.

פראַנץ קאַפקאַ

דאָס לעבן און שאַפן פון פראַנץ קאַפקאַ

1

יעדער עכט גרויסער פּאָעטיש־קינסטלערישער גייסט, אויף וואָס פאַר אַ באָדן ער זאָל ניט אַרויסוואַקסן, איז אַ זעלטזאַמע, איינזאַמע, אָפט טראַגישע דערשיינונג. בפרט אַזאַ אייגנאַרטיק אָריגינעלער שעפע־רישער גייסט פון פראַנץ קאַפקאַ נויטיקט זיך אין דעם גינסטיקן מאָ־מענט, ווען די ליטעראַטור און די אינטעלעקטועלע וועלט זאָלן זיין מסוגל אים אויפצונעמען און אָנערקענען אים.

איז עס גראָד ניט קיין צופאַל, וואָס אין מיטן פון אונדזער ניכ־טערער, זייער פּראָזאַאישער עפּאָכע, איז אויסגעוואַקסן כמעט אַ קאַפקאַ ליטעראַרישער מיטאָס, אַ ליטעראַרישער קולט פון זיין פּערזאָן און זיין שאַפן. וואָרעם דער פרישער שעפערישער רעוואָלוציאָנערער הויך, וואָס די גרויסע פּאָעטן און טיטאַנישע ליטעראַטור קינסטלער פון פריערדיקע פּעריאָדן האָבן אַריינגעטראָגן אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט זיך געגומען אויסוועבן:

אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער באַזיס פאַר דעם ראָמאַן פון דעם 19טן יאָרהונדערט געוואָרן די אַקצעפּטירונג פון דער געזעלשאַפט אַלס אַזעלכע, דאָס אונטערגעבן זיך צום לעבן אַזוי ווי עס גייט מיט דער איבער־צייגונג, אַז דער מענטשלעכער גורל שטייט אויסער און איבער דער מענטשלעכער פאַרדאַרבנקייט אָדער טוגענט. עס איז אַוועק אַ געיעג נאָך טעכנישע און אויסדרוקס נייאיקייטן אין די קינסטלערישע מיטלען, אין פאָרמען און מעטאָדן. עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די גייסטיקע שעפערישע קוואַלן, די ליטעראַטור איז צעשפּליטערט געוואָרן און עס האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן יעגער גרויסער שוואונג און פאַרמעסט פון אַלזייטיקייט און אַלמענטשלעכקייט, וואָס יעדער גרויסער, עכטער פּאָ־עטישער קינסטלער פאַרזייט מיט זיין שאַפן.

איז עס געווען דער גליקלעכער צופאַל, אָדער גיכער בייפאַל, פאַר דער ליטעראַטור פון אונדזער צייט און פאַר די שפּעטערע דורות,

וואָס מאַקס בראָד, אַליין אַ פילאָזאָפישער בעלעטריסט און איינער וואָס האָט פאַרבונדן זיין גורל, קאָן מען זאָגן, מיט קאַפקאַס פענאָמענאַלן קינסטלערישן שאַפן — האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג אויף דער מיס־טעריע פון דער דאָזיקער עניגמאַטישער געניאַל שעפערישער פערזענ־לעכקייט.

ביי זיין לעבן האָט פ. קאַפקאַ זייער ווייניק פאַרעפנטלעכט פון זיינע ווערק, איינגאַנצן אַרום איין באַנד פון די זעקס בענדער געזאַמלטע שריפטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון מ. בראָד נאָך זיין, קאַפקאַס, טויט.

אין דער ליטעראַרישער צוואה צו זיין לעבנס פריינט און איינ־טימסטן מענטשן האָט קאַפקאַ באַפוילן בראָדן צו פאַרברענען אַלע מאַנוסקריפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין רשות אָדער אין דעם רשות פון פריינט און באַקאַנטע. עס האָט זיך געפאָדערט דעריבער גרויסער מוט, איבערגעגעבנהייט און טיפע פאַרשטענדעניש און סימ־פאַטיע צו איבערטרעטן דעם לעצטן ווילן פון אַ נאָענסטן פריינט, ניט צו אויספאָלגן די צוואה און אַליין אַזוי זאָרגפעליק אַרויסגעבן אַלע ווערק מיט דער זעלבער ליבע און איבערגעבנקייט, ווי ער האָט כמעט מיט אייגענע הענט געפלאַנט די ערשטע שפּראָצן און זוימען פון דער דאָזיקער זאָנדערבאַרער שאַפונג.

מיט דעם פאַרעפנטלעכן פון די „געזאַמלטע שריפטן" האָט בראָד כמעט געפלעפט די גאַנצע דייטשישע ליטעראַטור און האָט זי אַוועק־געשטעלט פאַר אַ נייעם גיגאַנטישן אויסדרוק פון עכט שעפערישן גייסט. און ווייל עס איז באמת קיין ענלעכער מוסטער גאָר ניט געווען אין דער ליטעראַטור לויט וועלכן צו קאָנען אינטערפּרעטירן קאַפקאַס ווערק, האָט מען צו אים צוגעטשעפּעט די נייעסטע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צירקולירנדיקע, ליטעראַרישע שטרעמונגען און אים געמאַכט פאַר דעם פאַרשטייער פון דעם עקספּרעסיאָניזם אָדער סורעאַליזם. שפּעטער אין די דרייסיקער יאָרן האָט מען אָנגעהויבן קאַפקאַס ווערק איבערזעצן אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע.

זייט דאַן האָט זיין ווערט און באַדייטונג געהאַלטן אין איין שטייגן און וואַקסן און איצטער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האַלט נאָך זיין פּאָזיציע אין באַפעסטיקן און פאַרשטאַרקן זיך און זיינע ווערק ווערן איבערגעפלאַנצט אין ברייטערע און ברייטערע קרייזן. כאָטש אַזוי אוניווערסאַל, ווערט ווידער זיין שאַפן געאייגנט און אינטים פאַרבונדן

מיט דער מאָדערנער איצטיקער עפּאָכע, אַז אויך איצטער געפינט מען אַ שייכות צווישן אים און דעם נייעסטן עקסיסטענציאַנאַליזם, וואָס איז אַנטשטאַנען אין פראַנקרייך אין דער מיט פון דעם סאַמע חורבן און בעת שוידערלעכע קאַטאַסטראָפן.

אַזוי איז קאַפקאַ ערשט איצט דער אָביעקט פון באַנייטע קינסט־לערישע און קינסטלעריש־פילאָזאָפישע אידייען.

געבאָרן און אויסגעוואַקסן (1883—1924) ביי אַ יידישער האַנדלס פאַמיליע אין פּראַג, איז ער זייער יונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענער סענסיטיווער און אומגליקלעכער נאַטור, וואָס האָט זיך כסדר געפונען אונטער דעם שאָטן פון זיין פאָטערס דאָמינירנדער פּערזאָן. דער דאָזי־קער פּסיכאָלאָגישער דרוק, לויט דעם „בריף צו מיין פאָטער", און דער געפיל פון זעלבסט־אומצופרידנקייט און ניט געגנוגענקייט, האָבן עס געלאָזט פאַרפאָלגן און צעקריפּלען אים אויפן גאַנצן לעבן.

דאָס וואָס קאַפקאַ האָט פעסטגעשטעלט אין זיין „בריוו צו מיין פאָטער", ווייזט אויס, זאָגט בראָד אין זיין ביאָגראַפיע, האָט ניט עקסיסטירט אויף דער אויבערפלאַך, נאָר עס האָט זיך אָפּגע־פלעקט אין אַנדייטונגען צוערשט און דאַן אין עקסטרעם פאַר־טרויעלעכע געשפּרעכן. איך בין געוואָר געוואָרן פון די דאָזיקע גרויסעליידן און האָב געלערנט צו פאַרשטיין זיי בלויז שטופּנ־ווייז. צום ערשטן איז קאַפקאַ געווען אַ געזונטער לעבנסלוסטיקער יונגערמאַן, כאָטש מערקווירדיק שטיל, אָבסערווירנדיק, רעזער־ווירט.

כאָטש בראָד אַליין איז אַזוי פאַרוויקלט און איינגעטונקט געווען אין דעם לעבן פון זיין גרויסן פריינט, געלינגט אים אין אַ היפּשער מאָס אַרויסצוברענגען די טיף ריידנדיקע מענטשלעכקייט און נאַטיר־לעכקייט פון קאַפקאַ. און מיר באַקומען דעם באַגריף וואָס איז קאָנקרע־טיזירט אין בילד און ביאָגראַפישער פאָרטרעטירונג פון קאַפקאַ, אַז ער איז געווען פון יענע איינזאַמע און דערהויבענע נשמות (נשמות ערטלאין), וואָס זיינען פּשוט ניט פּעאיק צו אויפנעמען די געוויינלעכע אומאָרענטלעכקייטן, וועלכע ווערן טאָג־טעגלעך באַגאַנגען אומאָפּגע־פּרעגטערהייט. ער האָט געהאַט דעם דראַנג און די טרייב־קראַפט צו דערגרונטעווען זיך אין דעם סאַמע קערן פון דער מענטשלעכער פּסיכי־שער סטרוקטור און פון די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען.

דער פּסיכאָלאָגישער דרוק פון פאָטער איז אַזוי טראַגיש געווען

פֿאַר זײַן שאַפֿן אַז ער האָט ניט געגאָסן פֿון דער שאַפֿונגס־פֿרייד און איז געשטערט געוואָרן אין דער פֿולער מאָס פֿון שאַפֿונגס־דערגרייכונגען, כאָטש ער איז דורכאויס אינספּירירט געווען אין דעם קינסטלערישן שאַפֿן.

אויך דער אַמט אין דער אַרבעטער פֿאַרזיכערונגס ביוראָ, אין פּראַג (אין אַלטן עסטרייך), הגם דאָס האָט אים דאָך געגעבן אַ געפֿיל פֿון זעלבסטשטענדיקייט, ווירדע און זעלבסט־רעספּעקט, האָט אים אָבער באַרויבט פֿון די בעסטע מאָמענטן פֿאַר זײַנע שאַפֿונג־מעגלעכקייטן. גראָד האָט דער קאָנטאַקט מיט דער גרויער ווירקלעכקייט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער ביוראָ באַרייכערט די מענטשלעכע אַקאָרדן פֿון זײַנע טיפֿסטע סאָציאַלע מאָטיוון אין זײַנע ווערק, ווי מיר וועלן שפּע־טער נאָך זען.

מ. בראָד ברענגט קאָפֿקאָס אַן אויסדרוק, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע אַנטריסטונג און פֿאַרביטערונג, די אינערלעכע רע־אַקציע פֿון אַ העכסט סענסיטיווער נאַטור, איבער דידאַזיקע לייט: אומגליקלעכע און לײַדנדע, וואָס קומען אָן צו דער ביוראָ.

„ווי באַשיידן די דאָזיקע מענטשן זײַנען, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגן, זיי קומען צו אונדז און בעטן! אַנשטאָט צו אויפֿצושטורעמען די געביידע און צעשמעטערן אַלצדינג אויף פּיק־פּיצלעך, קומען זיי צו אונדז און בעטן זיך". דאָס זײַנען קאָפֿקאָס רייד. אַזוי האָט דער פֿאַרקער מיט די (אומשולדיק) לײַדנדע, מחמת דער שולד פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, געווירקט אויף זײַנע מענטשלעכע געפֿילן און דעם מעטשלעכן באַוואוסטזײַן.

אויך דער ספּעציפֿיש יידישער באַוואוסטזײַן און דער יידישער געפֿיל האָט דערוואַכט און געוואָקסן ביי אים. אין דעם זעלביקן פֿיל־באַדײַטנדיקן „בריוו צו מײַן פֿאָטער" וואַרפֿט קאָפֿקאָ פֿאַר דעם פֿאָטער דעם דורכפֿאַל זײַנעם אין יידישער רעליגיעזער אָנגעהעריקייט און די אויסגעליידיקטקייט פֿון טראַדיציע. ער טאַדלט אים פֿאַר דער ניט סימפּאַטישער באַציאונג זײַנער צו אים, זײַן זון, ווען ער האָט אַרויס־געוויזן טיפֿערע יידישע אינטערעסן. אויך דאָ טיראַניזירט אים דער פֿאָטער פּונקט ווי ער האָט אים געשטערט אין דעם פֿרייען און פֿול־קאָמען אויפֿשוואונג פֿון זײַן שאַפֿן.

אין 1910, נאָך, ווען אַ לעמבערגער יידישע טרופּע אין דער שפּיץ פֿון וועלכער איז געשטאַנען אַ געוויסער לעווי, קומט אַראָפּ קיין פּראַג, נעמט קאָפֿקאָ אַ באַזונדערן אַנטייל און העלפֿט אַרויס מיט ראָט און

טאָט צו דורכפֿירן פֿאָרשטעלונגען און פֿרייט זיך ממש, ווען די אַקטיאָרן פֿירן אויף גאָלדפֿאַדענס „שולמית״.

דער פֿאָטער אָבער האָט רעאַגירט מיט פֿאַראַכטונג און דאָס פֿאַר־שאַפֿט קאַפֿקאַן גרויס עגמת־נפֿש און רעגט אים ביז גאָר אויף. אָבער ניט נאָר זיין שאַפֿונג און זיין גייסטיק לעבן איז געווען טראַגיש, פֿול מיט פֿאַטאַלע שטערונגען, נאָר אויך זיין פּערזענלעך לעבן. זיינע ליבעס פֿאַרהעלטענישן צו פֿרויען א. אַז. וו. ער האָט קיינמאָל ניט געהייראַט. צוויי מאָל געבראָכן זיין פֿאַרלאָבונג, הגם ער האָט געגאַרט אויפֿצובויען אויך אַן אייגענע היים און פֿאַמיליע. אין דעם פּערזענלעכן לעבן און דער באַציאונג צו פֿרויען שטעלט בראָד אַרויס קאַפֿקאַן ממש אַלס אַ הייליקער. צוליב דער דערנעענטערונג פֿון דער פֿאַטאַלער קראַנקהייט האָט קאַפֿקאַ אָפּגעוואָרפֿן דעם הייסן פֿאַרלאַנג זיינעם פֿאַר אַ פּער־זענלעך לעבן און גליק.

בלויז אויף אַ קורצע ווילע אין בערלין, איידער די גרויזאַמע שווינדזוכטס־קראַנקהייט האָט אָפּגעשניטן דעם קורצן טיף־פּולסירנדיקן לעבן האָט פֿראַנץ קאַפֿקאַ געגאָסן אינטימע פֿרויען־פֿריינטשאַפֿט.

אָט אַזוי איז טראַגיש געווען זיין שאַפֿן און טראַגיש זיין לעבן.

2

עס איז כדאי צו באַקענען זיך כאָטש אויבנאויף מיט דעם אינהאַלט פֿון די דריי הויפּט און מאָנומענטאַלע ווערק קאַפֿקאַס. אָט איז דער ראָמאַן „דער פּראָצעס״, איבער וועלכן גאַנצע בערג קריטישע אויס־טייטשונגען און קאָמענטאַרן זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. עס איז די געשיכטע פֿון אַ מענטשן, וועלכער ווערט פּראָצעסירט לויטן געזעץ, און אַפֿילו ווען דער טויט־אורטייל ווערט אויף אים אויסגעפֿירט, ווייס דער אומגליקלעכער קרבן פֿון דעם געזעץ נאָך אַלץ ניט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען ער שטאַרבט. ק., דער העלד פֿון ראָמאַן, געפֿינט זיך באַ־שולדיקט אין אַ פֿאַרברעכן, וואָס ער איז גאָר ניט באַגאַנגען. אין זיינע זוכענישן צו אויסגעפֿינען די אמתע אורזאַכן פֿון דעם „פּראָצעס״, ווערט ק. געוואָר אַז הינטער אַלעמען שטייט אַ גרויסע, אַ מעכטיקע אָרגאַני־זאַציע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער אַרבעט צו משפּטן און פֿאַראורטיילן. און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע באַנוצט ניט נאָר מיט קאָרופּטע טורמע אויפֿזעער, פֿאַרטעמפּטע אינספּעקטאָרן, נאָר האָט אויך אין דינסט אַ גאַנצע געריכטס היעראַרכיע פֿון הויכע און העכערע ראַנגען מיט דער

אומבאַדינגט נויטיקער סוויטע פון דינער, אַנגעשטעלטע, באַאַמטע, פּאָליצײַ און אַנדערע אַרויסהעלפּער, מעגלעך אַפילו תלינים. דער באַשולדיקטער פאַרהאַנדלט מיט אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן זיך, אָבער אויך דער דאָזיקער עצהט אים צו טאָן די ריכיטקע זאַך און צופּאַסן זיך צו די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען און אויפהערן צו קריטיקירן.

דער תפיסה־גייסטלעכער פּרעדיקט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן וועגן דער מיסטעריעזער גרויסקייט פון דעם געריכט־ און געזעץ־סיסטעם און באַפעלט אים ניט צו פאָדערן קיין אמת און גערעכטיקייט, וואָרעם מען מוז אַלץ אָננעמען ווי אַ נויטווענדיקייט.

די מאַכט פון דעם מעכאַניזם, אין וועלכן ק. ווערט פאַרכאַפּט ווי אין אַ שפּינוועבס, ליגט טאַקע נאָר אין דער „נויטווענדיקייט", וואָס די מענטשן האָבן אָנגענומען פאַר גוט און באַוואונדערן אַפילו די נעץ, אין וועלכער זיי ווערן אַרײַנגעצויגן. אין ק׳ס פאַל קומט פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער דרוק פון דעם שטייגנדיקן שולד־געפיל, מיט וועלכן זיין באַוואוסטזיין ווערט באַטויבט און געפּלעפּט נאָך דעם אונבאַגרינדעטן געריכטס אורטייל.

עס איז אַ מין היפּנאָטיזירונג פון דער אַלגעמיינער פאַרשולדיקונג, וואָס דער סיסטעם וואַרפט אַרויף אויף איטלעכן.

„דער ליגן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אוניווערסאַלן פּרינציפּ". פאַר מענטשן, וואָס וואַרפן זיך אונטער צו דעם וואָס באַרויבט זיי פון זייערע עלעמענטאַרע רעכט, כאָטש זיי צאָלן דערפאַר אַפילו דעם פּרייז פון טויט, קאָן מען קיין טיפערן אויסדרוק פון סימפּאַטיע ניט געפינען ווי די שלוס־ווערטער פון „דעם פּראָצעס". „עס האָט געמיינט (ק׳.ס אויסגעשריי „ווי אַ הונט!" ווען מען פירט אויס אויף אים דעם טויט אורטייל, ש. ל.): אַז די גרויסע שאַנדע פון דעם געשעענעם וועט אים איבערלעבן".

אַז דער „דער פּראָצעס" באַדייט די גרעסטע און טיפסטע סאַטירע איבער דעם ביוראָקראַטישן רעזשים פון עסטרייך פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט דער אוניפאָרמירטער היראַרכיע פון אַ שטאַאַטס־באַאַמטנטום, איז פאַרשטאַנען געוואָרן באַלד ווי דער ראָמאַן איז דערשינען. קאַפקאַ, אַליין אַן אָנגעשטעלטער אין ביוראָ האָט געהאַט אַ גאַנץ אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דער סיטואַציע. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער נעץ פון דער דאָזיקער ביוראָקראַטישער מאַשין, איז דערמיט אַליין שוין אַזוי

גוט ווי אַ פֿאַראורטיילטער. ער האָט גוט געוואוסט אַז קיין מענטש קאָן ניט דערוואַרטן קיין גערעכטיקייט פֿון אַזאַ געריכטלעכן פּראָצעס, וואו די אינטערפּרעטירונג פֿון געזעץ איז פֿאַרבונדן מיט דער אויספֿירונג פֿון געזעצלאָזיקייט. די אַטמאָספֿערע פֿון דעם ראָמאַן איז אַ מיסטישע, אַ דערדריקענדע, פֿול מיט קאָשמאַר און האָט דערפֿאַר געפֿירט צו ווילדע אויסטייטשונגען, וואָס ווערן לעצטנס רעווידירט און אויפֿגעקלערט.

קאַפֿקאַס צווייטער ראָמאַן „דער שלאָס", ברענגט אונדז צוריק צו דער זעלבער וועלט, וואָס ווערט דאָס מאָל געזען דורך די אויגן פֿון אַן אַנדערן ק., אויך דער העלד פֿון דער דערציילונג. דער דאָזיקער ק. קומט מיט זיין אייגענעם פֿרייען ווילן אין דעם דאָרף, וואָס איז אונטער דער איינפֿלוס־ספֿערע פֿון דעם „שלאָס", ווי אַ פֿרעמדער און וויל דאָ דערגרייכן אַ באַשטימטן ציל — צו עטאַבלירן זיך, צו ווערן אַ בירגער, צו אויפֿבויען אַ לעבן, געפֿינען אַרבעט און ווערן אַ נוצלעכער מיטגליד פֿון דער געמיינדע.

די צרה מיט אים הויבט זיך אָן, ווען דער „שלאָס", וואָס קאָן און דאַרף באַכגעבן זיינע פֿאָדערונגען, איז, נאָך פֿיל אָפּציעניש, גרייט דאָס צו טאָן, נאָר בלויז אַלס חסד, אַלס אַ טובה דערפֿאַר, וואָס דער העלד ק. וועט פֿאַרשטעלטערהייט ווערן אַן אָנגעשטעלטער און אונטערטאַן פֿון הויף... דאַגעגן, ק. מיט זיין איינגעבוירענעם שטאָלץ, אומאָפּהענגיקייט און מענטשלעכן באַוואוסטזיין, קאָן בשום אופֿן ניט אָננעמען אַנשטאָט רעכט, עלעמענטאַרע רעכט, אַן „אַקט פֿון חסד פֿון שלאָס".

ק.'ס פֿרעמדקייט אין דאָרף באַקומט נאָך אַן אַנדער באַדייטונג. ער איז אַ פֿרעמדער ניט נאָר דערפֿאַר וואָס ער געהערט ניט, ניט צום דאָרף, ניט צום „שלאָס", נאָר ווייל ער איז דער איינציקער נאָרמאַלער מענטש אין אַ וועלט, וואו יעדע נאַטירלעכע מענטשלעכע זאַך איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון מענטשנס הענט, בכדי צו פֿאַרוואַנדלען עס אין אַ געשאַנק פֿון אויסן אָדער, ווי קאַפֿקאַ רופֿט עס, פֿון אויבן. פֿאַר די דאָרפֿסלייט באַשטייט דעריבער זיין פֿרעמדקייט באַזונדערס דערין, וואָס ער פֿאָדערט גאָר זיינע רעכט אַזוי „העזהדיק" און וויל זיך ניט אונטערוואַרפֿן צו דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. זיין איינגעשפּאַרטקייט עפֿנט אָבער די אויגן פֿון די דאָרפֿסלייט, זיין גאַנץ אויפֿפֿירונג קלערט אויף אַז מענטשן־רעכט זיינען ווערט צו קעמפֿן פֿאַר זיי; אַז דאָס געזעץ פֿון „שלאָס" איז ניט געטלעך און, אַז במילא קאָן עס אָפּגעשטריטן ווערן. דעם קאַמף פֿאַר רעכט האָט דער פֿרעמדער פֿונדעסטוועגן פֿאַרלאָרן אין

דעם פּאַרמעסט מיט דעם „שלאָס". זיין שטרייט ענדיקט זיך מיט אויס־מאַטערונג און אויסשעפּונג.

נאָך מער ווי די אַנדערע ווערק גיט די דאָזיקע נאָוועלע מיט איר עכט קאַפקאַישן סטיל פון איינפאַכקייט געגנוג מאַטעריאַל פאַר אינטער־פּרעטאַציע און סטימולירט און רעגט אויף נייע און נייערע געדאַנקען און געפילן. די סימבאָלישע צייכן און אַנדייטונגען פירן באַזונדערס צו יידישע אימפּליקאַציעס. דער הויפּט העלד ק., אמת, טראָגט ניט קיין טיפּיש יידישע כאַראַקטעריסטיק. דערפאַר אָבער מאַכט ער דורך אַ ריי דערפאַרונגען, שלאָגט זיך אָן אויף אַזעלכע שוועריקייטן און געפינט זיך אין אַזאַ סיטואַציע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אַלס עכט יידישע, כאָטש דאָס גאַנצע ווערק טראָגט די צייכן פון אַלגעמיין מענטשלעכער אוניווערסאַלקייט.

אַזוי איז ק. אַ פרעמדער, וואָס קאָן קיינמאָל זיך ניט איינבירגערן. ער האָט ניט קיין לעגאַלן סטאַטוס, קיין רעכט צו פאַרבלייבן אין דאָרף און זיין גאַנצע אַנוועזנקייט איז אַ ביוראָקראַטישער „טעות". מען וואַרפט אים פאָר אַז ער איז אַן איבעריקער, אומגעוואונטשטער און איז איטלעכן אין וועג. אַלס פרעמדער איז ער אָפּהענגיק און אָנגעוואָרפן אויף דעם חסד פון אַנדערע און ווערט טאָלערירט עפּעס דורך אַן אַקט פון געזעליקייט. ער זוכט זיך צופּאַסן און אַסימילירן מיט דעם אַרום, מיט דער סביבה, אָבער פאַלט דורך. אין אַ בריוו פון „שלאָס" לאָזט מען אים וויסן גאַנץ דייטלעך אַז ער דאַרף ביי זיך אָפּמאַכן וואו צו געהערן און מיט וועמען צו זיין, מיטן פאָלק אָדער מיטן „שלאָס".

קאַפקאַ ווייזט דאָ אַזוי אַרום אַרויס זיין אינטערעס פאַר דעם נייערן סאָרט יידן, וועמענס גורל ער שילדערט, כאָטש ער גיט ניט אָן דעם שטאָם פון דעם פרעמדן. דאָס איז דער ייד, וואָס זוכט דעם אַלטערנאַטיוו וועג פון גוטן ווילן; דאָס איז דער ייד, וואָס פאָדערט די עלעמענטאַרע מינימאַלע רעכט, וואָס קאָן ניט אָננעמען קיין אַקט פון חסד מצד דעם „שלאָס". ק., וואָס זאָל דאָ פאַרשטעלן דעם יידן, ווערט געשילדערט ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין אויף דער וועלט — דער איינציקער ייד אויף דער גרויסער וועלט — אינגאַנצן פאַרצווייפלט, איינזאַם. אויך דאָ דייטעט קאַפקאַ אָן אַ סימבאָליש בילד, וואָס לאָזט זיך אינטערפּרעטירן ווי די טראַגישע יידישעווירקלעכקייט, פאַרוויקלט אין דעם גרינטלעכן מענטשלעכן פּראָבלעם, וואָס די אַסימילאַציע ברענגט מיט זיך. וואָרעם אויף וויפיל דער ייד זוכט צו ווערן גלייך מיט זיינע

גויאישע שכנים, מוז ער זיך אויפפירן ווי ער וואָלט געווען איינזאַם אַליין; ער מוז זיך אָפּטיילן פון דער געמיינשאַפט פון זיינע ברידער. טוט טאַקע דער ק. אַלץ, וואָס די וועלט דערוואַרט פון אים. זיין איינזאַמע איזאָלאַציע רעפלעקטירט יענע האַלטונג אין מערב־אייראָפּע פאַר די וועלט מלחמות — אַז ווען עס זאָלן נאָר זיין איינצלנע אינדיווידועלע יידן, ווען די יידן וואָלטן זיך ניט געהאַלטן צוזאַמען, וואָלט די אַסימילאַציע געווען אַ גאַנץ איינפאַכער פּראָצעס. אין קאַפקאַס באַהאַנדלונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס ווערט עס אַ פּראָבלעם פון דער גאַנצער מענטשהייט. ענדלעך באַגרייפט ק. אַז אַלע כוונות זיינע צו דערגרייכן מענטשלעכע רעכט זייַנען לחלוטין ניט אָפּהענגיק פון דער פולער אַסימילאַציע זיינער.

קאַפקאַ, דער גרויסער שעפערישער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון אונדזער עפּאָכע, איז ווייט ניט באַגייסטערט פאַר דער וועלט ווי זי איז אונדז געגעבן און אַפילו ניט פאַר דער נאַטור, ווענעמס שטאַנדהאַפטיקייט דויערט אַזוי לאַנג ווי זי לאָזט אונדז צורו. ער האָט געוואָלט אויפבויען אַ וועלט אין הסכם מיט מענטשלעכע טאַטן וואָס ווערן באַשטימט פון דעם מענטשן אַליין און וואָס ווערן רעגולירט פון זיינע אייגענע, פון דעם מענטשן און פאַר דעם מענטשן געשאַפענע, געזעצן און ניט פון די מיסטישע פיינטלעכע כחות, וואָס באַהערשן און פאַרשקלאַפן דעם מענטשן.

צוזאַמען מיט דער ווִיזיע פון פאַרניכטונג האָט אָבער דער גרויסער פּאָעטיש־קינסטלערישער גייסט געטראָגן אויך דעם פּאָזיטיוון מאָדעל פון דעם מענטשן פון גוטן ווילן, דעם „פאַבריקאַטאָר מונדי" (אין לאַטייניש — דעם וועלט־בויער) וועלכער קען פּטור ווערן פון דער שלעכט געבויטער וועלט און איז ביכולת אויפשטעלן זיין אייגענע נייע וועלט. „אַמעריקע", דער דריטער ראָמאַן קאַפקאַס, איז שוין כמעט אַ פאַרביקבונטע נאָוועלע. עס איז אפשר אַ לויזע עפּיזאָדישע דערציילונג פון דעם, וואָס עס איז געשען מיט קאַרל ראָסמאַן, אַ דייטשן בחורל פון זעכצן יאָר, ווען ער לאָזט זיך אַרויס צו מאַכן אַ לעבנס קאַריערע אין אַמעריקע. צוערשט קומט קאַרלס באַגעגעניש אויף דער שיף מיט דעם שיפסהייצער, דערנאָך ווערט ער באַגליקט פון רייכן אָנקל און מאַכט דורך פאַרשידענע אַוואַנטיורעס און אומגליקספּאַרפאַלן, ווערט אַן „עלעוויייטאָר באָי", אין אַ פּראָווינציעלן האָטעל און לאַנדעט ענדלעך אין דעם „נאַטור טעאַטער פון אָקלאַהאָמאַ". דער ראָמאַן „אַמעריקע" האָט געזאָלט זיין

אַ נאָכפאָלגונג נאָך דיקענס, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז אויך געווען אַן עכט קאַפקאַיש ווערק מיט אַלע אַטרי־בוטן פון זיין אָרגינעלן שאַפן. קאַרל ראָסמאַן ווערט געטריבן פון גאַנץ ערנסטע און קאָמפּליצירטע געפאַרן. די פּראָבלעם פון שולד אַלס אַזעלכע, די מיסטישע קללה פון דער אורשפּרונג זינד פאָלגט אים נאָך איבערן אָקעאַן. מיר זעען אים אַ נאָאיוון אָבער אַבסערווירנדן בחורל, ווען ער קומט אָן קיין ניו־יאָרק. ער איז כמעט גליקלעך טראָץ די ליידן, וואָס ער שטייט אויס, גליקלעך אין פאַרגלייך מיט זיינע פאַרוואַנדעטע העלדן פון דעם „שלאָס" און „דעם פּראָצעס". יעדער דעטאַל אין קאַפקאַס שילדערונג פון אַמעריקע איז כמעט אומפּינקטלעך און דאָך פאַרמאָגט דאָס גאַנץ בילד אַ טיף־פּאָעטישן אמת. דער גרויסער „פּראָצעס" זעצט זיך פאָר אין מיטן פון דער פאַרכישופענדער לאַנדשאַפט אין די בולטע פאַרביקע סצענעס. אָבער די דאָזיקע אומגעהייערע דראַמע פון גערעכטי־קייט איז אויך פאַרס, פול מיט סאַרדאָנישער איראָניע, אויך זיינע קלענערע און גרעסערע דערציילונגען זיינען אַלע באַצויבערענד אין זייער סטיל און אויפרעגענד מיט זייער אָפּגרונטלעכער טיפקייט. עס איז כדאי אָנצוכאַפּן אַזעלכע דערציילונגען, ווי „די כינעזישע וואַנט", „דער לאַנדס־דאָקטאָר" צו איבערציייגן זיך אין דעם מייסטערהאַפטן סטיל און צויבער פון דעם גרעסטן, הגם נאָך אַלץ אין דער פולער מאָס ניט פאַרשטאַנענעם, ניט אויסגעשעפּטן פאַר אונדז, פּאָעטישן קינסטלער און גרויסן, שעפערישן אינטעלעקטועלן גייסט פון אונדזער צייט, פראַנץ קאַפקאַ.

3

די זעקס בענדער פון קאַפקאַס „געזאַמלטע שריפטן" אַנטהאַלטן די דריי גרויסע ראָמאַנען, וואָס שטעלן פאָר די פונדאַמענטאַלע ווערק פון דעם גרויסן פּאָעטישן שעפערישן קינסטלער, „דער פּראָצעס", „דער שלאָס" און „אַמעריקע", אומצאָליקע גרעסערע און קלענערע דער־ציילונגען, אַפאָריזמען, עפּיגראַמען, באַטראַכטונגען, פאַבלען און אַלע־גאָריעס, פאַראַבאָלן א. אַז. וו.

ניט קיין בעלעטריסט אָדער ראָמאַניסט אין דעם אָנגענומענעם קלאַסיש געוואָרענעם זינען פון דעם וואָרט איז ער, וואָרעם ער איז אַלאומפאַסענד אוניווערסאַל, דערגרייכנדיק די טיפסטע און אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פון יחיד און פון כלל, פון פאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט. די טעמע פון זיינע ווערק זיינען דאָ אויסשליסלעך מענטש־

לעך: דאָס זוכן פון אַ לעבנס־וועג און אויסוועג פון די פאַרפּלאָנטער־נישן אין דעם לאַבירינט, אין וועלכן די פּאַסיוויטעט און אינערציע, די מענטשלעכע אָפּגעלאָזנקייט האָט אונדז אַלעמאָל פאַרפירט.

די דאָזיקע טעמאַטיק איז אַזוי באַדייטונגס־פול, אַזוי ספּעציפיש, אַז מען קאָן די אַלע ווערק לייענען ווי אַ צייטלאָזע רעליגיעזע אַלעגאָריע פול מיט אַלאומפאַסענדע סימבאָלן און סוגעסטיאָנען, וואָס געבן דעם שליסל צום אינערלעכן מהות פון וועלט און מענטש. ער מאַכט ניט קיין פּרואוו צו רעפּראָדוצירן די וועלט אַזוי ווי מיר זעען זי אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. אָבער פון די רעזולטאַטן פון זיין באַאָ־באַכטונג און דערפאַרונג שאַפט ער אינטעלעקטועל אַ גאַנץ נייע וועלט, אַ סאָלידע און איבערציַיגנדע, וואָס מען קאָן זי ניט פאַרמישן מיט אונדזער אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט.

קאַפקאַס דערציילונגען און ראָמאַנען, לויט זיין קינסטלערישן מעטאָד, זיינען גיכער פּלענער־צייכענונגען, ווי אומשטענדלעכע רעאַ־ליסטישע שילדערונגען. זיי זיינען אין אַ געוויסן זינען מער דער פּראָ־דוקט פון דענקונג און באַטראַכטונג, איידער ווי פון געפיל־דערפאַרונג. אין פאַרגלייך מיט אַ ווירקלעכן הויז איז אַ פּלאַן־צייכענונג, למשל, זייער ווייט פון דער ווירקלעכקייט. אָבער אָן דעם פּלאַן־אַנטוואורף קאָן גאָר קיין הויז ניט אויפגעשטעלט ווערן.

און פאַרגלייכט מען די צייכענונג מיט דעם הויז, געבויט לויט דער צייכענונג, קען מען דאָך גאָרניט דערקענען דעם פונדאַמענט און דעם געבוי פון דעם הויז, וואָס מאַכט אים פאַר אַ ווירקלעכקייט. צייכנונגס־פּלענער קאָנען נאָר פאַרשטאַנען ווערן און אויפגעפּאַסט ווערן פון יענע, וואָס זיינען ווילִיק און פעאיק צו פאַרשטיין, פון זייער איי־גענער פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע, די ווירקלעכע כוונות פון בוי־מייסטער און דעם צוקונפטיקן אויסזען פון דער געביידע. די דאָזיקע אָנשטרענגונג פון אייגענער פאַרשטעלונג ווערט געפאָדערט פון די לייענער פון קאַפקאַס ווערק. אַזאַ לייענער, פאַר וועמען דאָס לעבן און די וועלט און דער מענטש זיינען אַזוי פאַרכאַפּנד־אינטערעסאַנט, וועט פילן די נויטווענדיקייט עטוואָס אויסצוגעפינען אין דער אמתן וועגן זיי. ער, דער דאָזיקער לייענער אָדער קריטיקער, ווענדט זיך דעריבער צו דערציילער נאָך אַ טיפערן אַריינבליק אין אונדזערע געמיינזאַמע אַלמענטשלעכע דערפאַרונגען, בכדי צו האָבן די מעגלעכקייט אַריבער־צוּוואַרפן בריקן צווישן דעם יחיד און דעם כלל, צווישן מענטש און וועלט.

נאָר אַזאַ לייענער און אויסטייטשער פון קאַפקאַס פּלענער־צייכענונג קאָן זיך ווענדן צו די גרויסע ווערק זיינע און אויפדעקן אין איין בלעטל אָדער אַפילו אין איין זאַץ דאָס וועזנטלעכסטע פון דער סטרוקטור און פון דעם גרונט־געבוי, דעם סאַמע תמצית פון מענטשלעכן און וועלט־מעכאַניזם.

אין זיין קינסטלערישן מעטאָד פאַרוואַרפט ניט קאַפקאַ דעם רעאַליזם בלויז דערפאַר, וואָס ער, דער רעאַליזם, האָט באַנקראַטירט אין זיינע צילן, כוונות און אויפגאַבן, נאָר — אדרבא — ער זעט די נויט־ווענדיקייט פאַר דעם קרעאַטיוון מייסטער צו דעטאַליזירן און אַרויס־ברענגען וואָס מער פּרטים און איינצלהייטן, מיט וועלכע ער מוז קאָנקרעטיזירן זיין פאַנטאַסטישע וועלט, בכדי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ מין נייע ווירקלעכקייט. ווענדט ער אָן, דעריבער, די רעאַליסטישע פּינקטלעכקייט צו דער אייגענער, פון אים אַליין געשאַפענער וועלט, וואָס האָט זייער אָפט גאָר אַ קנאַפע שייכות צו אונדזערע אַלטעגלעכע דערפאַרונגען.

די דאָזיקע קאָמבינאַציע פון רעאַליזם אין דעטאַלן מיט דער סימבאָלישער סטרוקטור איז קאַפקאַס באַזונדערע אייגנטימלעכקייט און אָריגינאַליטעט. אויף איין פלאַך זיינען זיינע פיגורן רעאַליסטיש, ריידן און דענקען בלויז אין דער אַלטעגלעכער שפּראַך מיט איר עלעמענטאַרער איינפאַכקייט, אָבער קומען קומט עס פאַר אין דער אויסגעחלומטער וועלט. אויף דער אַנדערער פלאַך שאַפט ער מיט דער הילף פון סימ־באָלן, רמזים און אַלעגאָריעס, וואָס ליפערן דעם לאָגישן גרונט פאַר אַלעם דעם, וואָס איז איראַציאָנאַל אין די מענטשן. אָט פון דער צונויפשמעלצונג פון טאַטן און אין דער אויפפירונג פון דיביידע עלעמענטן באַקומט זיך די טיפקייט פון די רעליגיעזע און פילאָזאָפישע באַדייטזאַמקייט פון אידייען און סימבאָלן, וואָס וועקן דעם געדאַנק און סטימולירן די עמאָציעס.

די קינסטלערישע צייכענונגען און פּלענער ווערן אַזוי אַרום אָנגע־פילט מיט פּרעציזע איינצלהייטן, כאָטש אַלס פּלענער און צייכענונגען שטעלן זיי צוזאַמען אַן אַבסטראַהירטע, אַ באַזונדערע „קאַפקאַישע", ווירקלעכקייט.

דער הוילער סימבאָליזם, פאַרוויקלט אין אַ רעאַליזם פון פּשטות, אין פאַבלען און מעשות, די מעדיטאַציעס און „באַטראַכטונגען", האָבן באַלד צום אָנהייב פון זיין נתגלה ווערן, אַזוי צו זאָגן, אונטערגעשטראָכן

דעם רעליגיעזן פילאָזאָפישן כאַראַקטער פון קאַפקאַס לעבן און שאַפן. ער שרייבט למשל:

דער מענטש קאָן ניט לעבן אָן אַ גלויבן אין עטוואָס אומ־צעשטערבאַרעס אין אים גופא. כאָטש אַפילו אָט־דער אומצעשטער־באַרער עלעמענט, אַזוי ווי דער גלויבן, מעגן פאַרבלייבן פאַר־באָרגן פון אים. איין אויסדרוקס־מיטל פון דעם־אָ פאַרבאָרגן בלייבן איז דער גלויבן אין אַ פערזענלעכן גאָט.

אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע, כאָטש מיט אַ צומיש פון דער ראַפי־נירטער איראָניע, רעפלעקסיעס גיבן דעם אינטעלעקטועלן און גייסטיקן הינטערגרונט פון קאַפקאַס קינסטלעריש־פּאָעטישן שאַפן: אין די „מעדי־טאַציעס" און די „באַטראַכטונגען וועגן זינד און לייד" אויף אַן אומ־מיטלבאַרן, דירעקטן אופן; און אין די בעלעטריסטישע ווערק, ווי „דער שלאָס", „דער פּראָצעס" אָדער „די שטראָף־קאָלאָניע", אומדירעקט, דורך אָנדייטונגען און סימבאָלישע רמזים, וואו די גערעכטיקייט, למשל, ווערט פאַרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַן אויטאָמאַטישער מאַשין, אויס־געטראַכט און אויסגעשטאַט מיט ראַפינירטער גרויזאַמקייט, אַן אומ־מענטשלעך דיאַבאָליש ווערקצייג פון די געטער, וואָס באַהערשן און פאַרניכטן דעם מענטש — ווערט אפשר אַרויסגעבראַכט דער גאַנצער נעגאַטיווער, אַזוי צו זאָגן, רעליגיעזער פּאַטאָס, די גאַנצע גרויליקע אינערלעכע טראַגעדיע פון דער מענטשהייט.

אָט־וואָס מאַקס בראָד, קאַפקאַס ביאָגראַף און ליטעראַרישער אַפּוטראָפּוס, דענקט וועגן דער טיפער רעליגיעזער נאַטור פון זיין גרויסן פריינד:

עס קאָן זיין, אַז אַנדערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּאָעטן און טראַגישע שעפער האָבן געהאַט אַ טיפערן, ד. ה. אַ ווייניקער אָפּפרעגנדיקן, גלויבן ווי קאַפקאַ. אפשר זיינען זיי אויך געווען מער שאַרף־שניידיקע סקעפּטיקער.

ביי קאַפקאַן אָבער האָבן די דאָזיקע צוויי ווידערשפּרעכנדע איינגנשאַפטן אויפגעבליט אין אַ סינטעז פון אַ העכערן ראַנג.

אָדער אין אַן אַנדער אָרט:

קאַפקאַ איז זיך מתווכח מיט גאָט, אַזוי ווי איוב פאַרצייטן. ער טענהט זיך אויס וועגן דער אורזינד און דעם פאַרלאָרענעם גן־עדן...

און מאַקס בראָד איז ניט דער איינציקער, וועלכער האָט געזען אַזוי בולט אין קאַפקאַן און אין זיין שאַפן דעם טיפן רעליגיעזן ערנסט, די אָפּגרונטלעכע פילאָזאָפישע און פּסיכאָלאָגישע אַריינדרינגונג אין די „אייביקע״ מענטשלעכע פּראָבלעמען, און דעם טראַגיזם פון דער מאָ־דערנער גענינאַלער שעפערישער פּערזענלעכקייט.

דער גאַנצער קאַפקאַ־„קולט״ וואָלט אָבער ניט געקאָנט געשאַפן ווערן און אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקן זיך, ווען די דאָזיקע פענאָמענאַלע שעפעריש־קינסטלערישע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט וואָלט ניט געגעבן דעם אויסדרוק פון דער פּאָזיטיווער קאָנסטרוקטיווער לייזונג פאַר די אָנגעווייטיקטע מענטשלעכע פּראָבלעמען, ווען ער וואָלט ניט אויפגעפּאַסט אַזוי אוניווערסאַל דעם צוזאַמענהאַנג פון מענטש און וועלט אויף אַזאַ אָריגינעלן אופן.

עס ברענגט אָט־וואָס אַרויס קאַפקאַ אין זיינע „באַטראַכטונגען״ —

מיר זיינען ניט דערפאַר זינדיק ווייל מיר האָבן פון עץ־הדעת געגעסן, נאָר אויך דערפאַר וואָס מיר האָבן פון עץ־החיים נאָך ניט געגעסן. זינדיק זיין איז דער צושטאַנד אין וועלכן מיר געפינען זיך, אומאָפּהענגיק פון שולד. וואָרעם אין דעם לעצטן סך־הכל איז עס אונדזער אייגענע אינערלעכע שולד, וואָס מיר קאָנען ניט אויסקלייבן דעם ריכטיקן און גערעכטן אופן פון לעבן, וואָס מיר שאַפן ניט אַליין און גייען ניט אין דער ריכטונג צו גערעכטיקייט; וואָס מיר שאַפן ניט די מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר אַ מענטשלעך לעבן.

פראַנץ קאַפקאַ איז סימבאָליש אין דעם העכסטן זינען און איז עכט אָריגינעל, אייגנטימלעך איז זיין סטיל און קינסטלערישן מעטאָד. ער באַצויבערט מיט דער איינפאַכקייט פון זיינע שילדערונגען, מיט דער שפע פּרטים, וואָס גיבן לעבעדיקע בילדער און צייכענונגען. אָבער טראָץ דער איינפאַכקייט, אָדער אפשר דווקא מחמת דער איינ־פאַכקייט רעגן און סטימולירן טאַקע זיינע בילדער און געדאַנקען מיט אָנדייטונגען פאַר אומענדלעכע, אָפּגרונטלעכע טיפקייטן. עס גייען אַרויס פון יעדן דעטאַל שטראַלן אין דער ריכטונג פון אייביקייט, פון דער גייסטיקער וועלט פון אידייען, וואָס מיט זיי אָטעמען אַלע זיינע ווערק.

מלך ראַוויטש

מלך ראַוויטש: דער דיכטער און עסייאיסט *)

אַ דיכטער מיט אַן אומרואיקן גייסט, מיט אַ אינטעלעקטועלער טרייב־קראַפט און דראַנג צו רעפלעקטירן איבער זיינע אייגענע שפּי־רונגען און עמאָציעס, וואָס דענקט און טראַכט איבער זיינע אייגענע געפילן און דערפאַרונגען מיט אויסגעניכטערטער לויטערקייט פון שכל — איז מלך ראַוויטש פון אָנהייב פון זיין פּאָעטיש־ליטעראַרישער קאַריערע באַשאָנקען געווען מיט אַ גרויסער דינאַמיש גייסטיקער ענערגיע. זי האָט געשפּאָרט פון אים און האָט געזוכט אַן אויסוועג אין שעפערישער אָנווענדונג און פאַרקערפּערונג. שוין אין דער פריער יוגנט האָט ער מיט אַ פּאָעטיש אויפגעוואַכטן געמיט געזוכט און דערשפּירט אין דעם גייסטיקן אויפשוואונג זיין ליד, און געפילט ווי עס ווערט און וואַקסט אין אים דער פּאָעט. כאָטש אפשר נאָך אומקלאָר און אומ־דייטלעך.

אָבער ער איז געווען זיכער, אַז ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָעט, אין אַ יידישן פּאָעט, וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַ געוואַגטע ווענטיורע אין זיין עקספּעדיציע צום אָלימפּ. עס איז געווען אַ גרויסע געוואַגטקייט אַפילו אין אַ צייט ווען ביי דער פּויליש־גאַליצישן יידנטום איז שוין אויסגעוואַקסן אַ היפּשע יידישע ליטעראַטור און עס האָט אויפגעבליט די יידישע פּאָעזיע.

דער יידישער שטאַם און דער יידישער גורל האָבן דעם יונגן פּאָעט ניט אָפּגעלאָזן, טראָץ דעם וואָס די פליגלען האָבן אים געהויבן אין דער ווייטער הויך; טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך געפּרואווט אָפּוועדן מיט עמפּערונג און יוגנטלעכער דרייסטקייט וואָס ער אַליין

*) צו דער דערשיינונג פון מ. ראַוויטשעס נייעם בוך „67 לידער", פאַרלאַג דוד לערמאַן בוענאָס איירעס, 1946, 168 זז.

רופט „חוצפּה" און וואָס האָט אים באַגלייט אויף אַ היפּשער שטרעקע פון זיין קאַריערע. אין זיינע „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" און באַזונדערס אין די „באַקעטע לידער" האָט דער יוגנטלעכער פּאָעטישער גייסט רעוואָלטירט קעגן דעם באַרג פון יידישער טראַדיציע און דעם צוים פון דעם אַלטן יידישן גלויבן און געמאַכט אַ פּאַרזוך צו באַפרייען זיך גייסטיק פון די קייטן פון דורות מיט אַ היפּשער מאָס פון ווידערשפּעניקייט און ווידערווילן.

נאָך דער ערשטער אַזוי פאַרניכטענדער און פאַרוויסטענדער וועלט־מלחמה, ווען ציניש און סקעפּטיש איז געוואָרן דער גלויביקער און צונישט און צורונען זיינען געוואָרן די האָפענונגען פון דער מענטשהייט אויף אַ בעסערער און שענערער וועלט, איז די ברויזנדע גייסטיקע ענערגיע פון אונדזער דיכטער אַריבער צו לעסטערונג, צו דעם אָפּשליידערן און אַראָפּרייסן יענע קולטורעלע צוימען פון דעם עיקרדיקן און דאָגמאַטישן, און אַזוי פּיל צער און פּיין אויסגעוויטאָגטן, אַלטן יידנטום, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויך אויף דער גאַנצער מענטשהייט און מענטשלעכער געשיכטע. צוזאַמען מיט יענעם, אפשר זייער קליינעם, קרייז פון די יינגסטע פּאָעטישע שעפער, וואָס האָבן אַזוי מעכטיק רעפּרעזענטירט די אומגעהייערע אויפגעוואַכטע גייסטיקע ענערגיע פון דעם פוילישן יידנטום, ווי צום ביישפּיל פּרץ מאַרקיש און א. צ. גרינבערג, האָט ער „געכאַליאַסטרעוועט" און געזוכט אַ תיקון פאַר זיין אומרואיקן פּאָעטישן געמיט, כאָטש אין דעם ברייטערן זינען האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַפרייט פון ירושת אָבות.

די ווייטערע אַנטוויקלונג פון ראַוויטשעס פּאָעטישן שאַפן האָט דווקא געוויזן, אַז טיפע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אינטערעסן זיינען שטענדיק געווען און פאַרבליבן נאָענט צום האַרצן פון דיכטער און קיין שום אָפּשטויס האָט אים ניט געקענט אָפּפרעמדן פון זיי.

„מיט אַ קלאָרן ראַדיקאַלן באַוואוסטזיין און זיכערן טראָט האָב איך מיך שפּעטער איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצייגט, צוגעשפּאַרט צו שפּינאָזאס מענטשלעך געענדיקטער קלאָרער וועלט", זאָגט זיך אַרויס ראַוויטש אין זיין פאָרוואָרט־דערקלאַראַציע צו די „פיר זייטן פון מיין וועלט".

און איצטער אין דעם בוך „67 לידער", וואָס איז ניט דער ערשטער שטאַפּעל אויף דעם וועג פון זיין נייער פאַרוואַנדלונג און איבערגאַנג, איז דער אַמאָליקער „בונטאַרישער" דיכטער געוואָרן אַלץ

נאָענטער צום עכטן אינהאַלט און אָנהאַלט פון זיין פּאָעזיע. די פריערע גרויסע אומרואיקייט פון פּאָעט האָט זיך אויסגעלעבט און איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אויף זיינע ווייטע רייזע־וואַנדערונגען אין זוכענישן פון נייערע און נייערע פאָרמען פון אויסדרוק פאַר זיין שאַפן. ער איז געוואָרן רייפער און אינהאַלטספולער, טיפער און ערנסטער אין זיין באַנעמען וועלט און מענטש.

אַפילו ווען ראַוויטש דער דיכטער האָט זיך געקריגט מיט דער יידישער טראַדיציע און דעם אַלטן יידישן גלויבן, איז עס געווען גיכער אַ מאַניפעסטאַציע פון אינערלעכער אָנגעהעריקייט און צוגעבונדנקייט. אין די רויע קאָנפליקטן, אין זיין צעשפליטערונג און אָפּשפּאַלטונג האָט ער געזוכט אינדיווידועלע באַפרייאונג און עמאַנציפּאַציע פון דעם דאָגמאַטישן פאַרגליווערטן גלויבן, בכדי צו אויפנעמען מיט אַ פרייערן און באַפרייטן גייסט, אויפצופאַסן אויף ס׳ניי און ווידער אַריינדרינגען זעלבסטשטענדיק אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשטויסן, און אויפזוכן דאָס פאַרלאָרן געגאַנגענע. דאָס קאָן מען זען אין אַ געהעריקער פּערספּעקטיוו באַזונדערס אין דעם ליכט פון די לעצטע פּראָדוקטן פון זיין שאַפן.

אין דער אָפּטיילונג „און דער לעצטערער לעצטערט נאָך אַלץ" פון דעם באַנד „67 לידער" ברענגט דער דיכטער אַ ציטאַטע פון י. ל. פּרץ, וואָס איז אַזוי אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם נייעם אויסגעלייטערטן שאַפן ראַוויטשעס: „דעם געטלעכן פונק האָט אויך דער וואָס לייקענט אין גאָט. דעם געטלעכן פונק האָט אויך דער לעצטערער... עס לעצטערט די פאַרצווייפלטע ליבשאַפט צום קוואַל פון לעבן און קאָן צו אים נישט קומען". איז אייגנטלעך זייער מערקווירדיק, ווי דווקא אונדזער פּאָעטישער „לעצטערער" איז געווען און פאַרבליבן, נאַטירלעך אויף זיין אינדיווידועלן אייגענעם שטייגער, אַ גאָט־זוכער. דער פּאָעט ביי וועמען דער טיפערער אינהאַלט פון שאַפן און געוואָרן דאָס פּאָעטיש טראַכטן, די קאָנצענטרירטע פאָרעם פון פּאָעטיש רעלי־גיעזער דערפאַרונג. דער לעצטערער־דיכטער האָט אין „תפילה פון אַ רעוואָלוציאָנער" (פון באַנד „נאַקעטע לידער") אויסגעשריען:

דיר דערווידער, דיר דערווידער!
און די ווערטער טאַנצן מיר פאַר פרייד אין מויל,
און איך וואַרף זיי ווי אַ זיבנפאַרביק קויל
פאַר דיר, פאַר דיר,
געץ יהוה!

און אַצינד אין דעם רייפערן און אויסגעצייטיקטן נאָך אַזוי פיל וואַנדערונגען און מעטאַמאָרפאָזעס גייסט, אין דעם איבערגעוואונדענעם רעוואָלוציאָניזם באַגרייפט דער פּאָעט אַזוי וויזיאָנעריש היסטאָריש און אַפילו רעטראָספּעקטיוו לגבי זיך זעלבסט.

איך האָב גאָט געזוכט,
איך — איך אַליין דאָ און היינט.
און אַזוי מיינע אָבות זינט פיר טויזנט יאָר,
עמיץ האָט געמוזט זוכן, וויל פאַרלוירן האָבן אַלע, —
האָבן מיר געזוכט
— — — — — — — — — — — —
איך האָב געזוכט אויף מיין איינזאַמער סטעזשקע;
מיר האָבן געזוכט אויף אַלע ווייטע וועגן.

(„תחינה וועגן גאָט זוכן“, זייט 59)

נאָך אין זיין בוך „לידער און באַלאַדן“ (1940) אין "פּראָסטע רייד מיט גאָט"... וואָס רעדט פאַר זיך אַליין און פאַר דער נייער אומ־וואַנדלונג און פאַרוואַנדלונג, וואָס דער פּאָעטישער גייסט האָט אָנגענומען אין דעם לעצטן מיושבדיקן פּעריאָד, שטרעקט דער „לעסטערער“ אויס זיין האַנט צו גאָט און וויל און גאַרט זיך איבערבעטן מיט אים.

לאָמיר זיך איבערבעטן, אַלטער יידישער גאָט,
איך האָב געבלאָנדזשעט פון דיר און צו דיר
און אָט ערשט איצטער באַנומען דיין יסוד, —
איז לאָמיר זיך איבערבעטן
דערלאַנג אַ האַנט,
אַלטער אייביק־יונגער גאָט.
— — — — — — — — — — —
איך בין טאַקע אַוועק פון דיר,
כ'בין אַ מענטש;
אָבער דו ביסט דאָך מיין גאָט
און האָסט מיך נישט פאַרלאָזט.

אַז דער דאָזיקער „איבערבעטן זיך“ און שלום מאַכן מיט גאָט, דעם אַלטן יידישן גאָט, איז ניט געווען און ניט פאַרבליבן קיין אָפּגע־זונדערטער עפּיזאָד אָדער מאָמענטאַנע שטימונג, קאָן מען זען פון דעם

טייל „דאָס גרויסע זוכן" אין דעם בוך „67 לידער", וואו יעדעס ליד איז אָנגעפילט מיט בענקעניש און צוריקקער צום גלויבן פון אור־עלטערן, אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם וועלט־באַנעם פון דעם פּאָעט.

נאַטירלעך קערט זיך מ. ראַוויטש ניט אום צו דער פּרימיטיווער מיסטישער אָדער מעטאַפיזישער פאָרעם פון דעם דאָגמאַטישן גלויבן, נאָר ער פילט שוין איצט סימפּאַטיע און גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט מיט דער יידישער טראַדיציע און מיט יידישן אויסגעוויטיקטן און אויס־געפייניקטן גלויבן.

אָט לייענען מיר, אין „אַ שטילער קול קורא", אַזאַ סטראָפע:

אונ מורא לאָמיר האָבן גאַנץ פּשוט פאַר גאָט
ווי פאַר אַ טאַטן, שטרענג אָבער גוט,
אַ טאַטן, אַ קרוב אין פליישׁ און אין בלוט.

(67 לידער — זייט 104)

ביי מ. ראַוויטשן איז דאָס גאָט־זוכן געווען זיין אייגנאַרטיקער וועג פון גייסטיקער מאַטערניש און מי צו געפינען די אורזאַך פון זיין אומרו און זוכעניש, צו באַנעמען זיינע אייגענע ענדערונגען און טוי־שונגען, דער דורשט און אַנגסטן צו אומקערן זיך צום מקור פון אָפּשטאַמונג, צו אומקערן און דערנענטערן זיך צו זיין פאָלק.

איך האָב געזוכט,
און זוכנדיק בין איך אין בענקשאַפט אין מדבר אַנטלאָפן,
און אין פלאַמען אים דאָרטן געטראָפן.

— — — — — — — — — — — —

און געטריבן דורך די יאָרהונדערטער, ווי דורך איינזאַמע
פינצטערע וועלדער,
דורך זומפּן פון בלוט געקראָכן, ווי אַ זינדיקע שלאַנג אויפן בויך,
און דעם קאָפּ געהאַלטן כסדר אין דער הויך, מיט איין וואָרט:
גאָט.
און ער האָט כסדר געענטפערט פון די טיפן פון וואַלד:
ייד, איך זוך דיר אויך.
און פון צווישן דיביימער, מיט שטיקער צעריסענעם ווינט,
זיינען די ווערטער געקומען צו מיר: דו זוכסט דיין פאָטער
און איך זוך מיין קינד.

(„תחינה וועגן גאָט זוכן", זייט 60)

אַזוי ווערט דאָס גאָט־זוכעניש פון אַ יידישן פּאָעט זיין אייגענער עכט לירישער אויסגוס, זיינע אייגענע און זעלבסטשטענדיקע דער־פאַרונגען און דערשפּירונגען אין באַצוג צו וועלט און מענטש, לעבן און טויט; און זיין שאַפן נעמט אָן אַן אמת רעליגיעזן, רעליגיעז־יידישן כאַראַקטער.

אָבער און ווידער באַטאָנס דער דיכטער:

און חוץ דעם בין איך אַ ייד. מיין גורל גייט אין מיר און
אַרום מיר.
ווייסט נישט דאָס לעבן און דער טויט, אַז איך בין איינער
פון גאָטס מקורבים?
אויב גאָט איז אייביקער גוף — בין איך אייביקער גוף. איז
וואָס זשע דאָ לעבן און טויט?
און אויב גאָט איז געדאַנק בין איך אויך נישט מער ווי
אייביקע מחשבה.
און אויב אַזוי בין איך דער גרויסער גלייכגילט, אַלמעכטיקער
אַלץ־איינס.
ייד.

— — — — — — — — — — —

(„אַ געדענק ליד נאָך י. י. זינגער און נאָך אַלע פרי־געשטאָרבענע און געשאָכטענע יידישע דיכטער" אין „67 לידער", זייט 25)

זיין דערנענטערונג צו גאָט, צום יידישן גאָט, איז צונויפגעבונדן מיט דער דערנענטערונג צום פאָלק. אין דער שוין דערמאָנטער דעקלאַ־ראַציע־פאָרוואָרט צו די „פיר זייטן פון מיין וועלט" זאָגט זיך דער דיכטער אַרויס אויף אַ פאָלגענדן אופן בנוגע צו זיין באַציאונג צום יידישן פאָלק:

דורך די שורות פון געזאַנג פון האַס און פון ליבע צום יידישן פאָלק ציט דער ליכטיקער שטראָם פון מיין יידישן גלויבן, אַז דער יידישער פאָלק וועט עס זיין באַשערט צו זיין דאָס ערשטע אַנטפּאָלקטע, די ערשטע פאַרמענטשלעכטע עדה פון דער וועלט.

אויף וויפל דער פּאָעט איז אויסגעוואָקסן און זיין וויזיע איז אויסגעברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן, קאָן מען אורטיילן פון זיין פּאָעמע „והיה באחרית הימים", וואו דער גלויבן אין דעם יידישן פאָלק,

און אין זיין שליחות צו זיין דער אוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט, איז ניט דער אַבסטראַקטער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאַל נאָר:

אָבער ווען דאָס האַרץ פון אַנטי־ייד, דער לעצטער חיה אין
    אַ צלם־אָדם,
וועט צעריסן זיין, און אין שאול צוריקגעפלאָסן זיינע בלוטן,
    זיינע סמען;
דעמאָלט וועלן מיר אַלע, אַלע אויספירן דעם נביאס ווערטער,
און די וואָפן פון דער וועלט, ווי איבעריקע חפצים, פון די
    וועלטן אַרויסראַמען.

(„67 לידער" — זייט 17)

ווי ביי אַ געטרייען זון פון יידישן פאָלק, האָט זיך געשטאַרקט זיין צוגעבונדנקייט צום אייגענעם פאָלק, מסתמא, מיט דער גרויסער יידישער קאַטאַסטראָפע מיט דעם לעצטן גרויזאַמען בראַך פון אַ „אויסגעהרגעט פאָלק" —

ווייל בלינד און טויב איז מיין אמונה, יידיש פאָלק, אין דיין
    שליחות,
ווי בלינד און טויב עס איז געווען די אַלוועלט־שנאה צו
    אונדז יידן.

(„והיה באחרית הימים", זייט 15)

אַ דערשיטערנדן איינדרוק האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אויף דעם פּאָעט דער גרויסער יידישער אומגליק וואָס איז געוואָרן זיין אייגענע און פּערזענלעכע טראַגעדיע, אין די מאָטיוון, וואָס זייבען דער פּראָדוקט פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, און יידישער טראַגעדיע, און באַהערשן זיין „ליריק" אַזוי ווי ביי די מערסטע און גרעסטע יידישע דיכטער, איז זיין פּאָעזיע די פּאָעזיע פון פאַרוואונדעטן האַרץ און אויפגערעגטן דערשיטערטן אינטעלעקט, וועמען עס רירט אָן ביזן היסוד דער גורל פון נאָענטע און פרעמדע און דער שיקזאַל פון דעם אייגענעם פאָלק.

אָבער אויף די אַשעס פון אַ חרובער און פאַרוויסטעטער וועלט ווערט ביים אידעאַליסט־פּאָעט פאַרשטאַרקט דער גלויבן אין מענטשן, און ער געפינט אַ תיקון אין דעם מענטשן־אַפּאָטעאָז, אין דעם שטייגערן און אָנקומען פון דעם מענטשן, אין זיין בעסטן און העכסטן אויסדרוק, דורך דער באַמיאונג און פאַרמיטלונג פון דעם יידישן פאָלק...

און מיט זיין קומען, זיין קומען האָט גאָט
ווידער אַ יידישן קינד באַשערט
צו זיין די כפרה און זיין דער אויסלייזער
פון אַלע מענטשן פון דער ערד.

(יעסעניןפ פון וואַרשע — זייט 22)

„איך בין אַ דיכטער און אַ ייד" — דאָס איז מ. ראַוויטשעס אייגענע באַצייכענונג און באַטאָנונג פון זיך זעלבסט פון זיין אייגענעם פּאָעטישן שאַפן. דאָס בוך „67 לידער" שטרייכט אונטער נאָך מער דעם פּאָעט אַלס איינעם פון די באַוואוסטזיניקסטע יידישע דיכטער פון אונדזער צייט און אונדזערע טעג. אפשר מער ווי ווען עס איז אויף אַן אַנדער עטאַפּ פון זיין שאַפן, האָט ער פּאַרטיפט דעם אינהאַלט פון זיין פּאָעזיע מיט רעפלעקסיעס און מעדיטאַציעס, מיט טראַכטן און דענקען, מיט אידייען און אידיאַלן, וואָס באַקומען דעם הויך פון לעבן און ווערן פאַרקערפּערט אין פּאָעטישע וויזיעס און באַלעבט דורך דער קראַפט פון פאַרשטעלונג און בילדלעכקייט. אָבער אַלץ ווערט געטאָן אויף דעם חשבון פון דער אויסערלעכקייט, פון דער פאָרעם און פון דעם געקלאַנג פון זיינע פערזען. דערפאַר איז דאָ אַן עודף פון פּראָזע אין זיינע לידער און פּאָעמעס. שוין צוליב דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער קאָמבינירונג פון פּראָזע און פּאָעזיע, וואו ניט דער אינהאַלט, נאָר די אויסערלעכקייט, די עסטעטישע פאָרעם בלויז, ליידט — איז ראַוויטשעס פּאָעזיע אַזאַ אייגענאַרטיקע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור. דווקא דער אינהאַלט אָבער שאַפט דעם פּאָעטישן מהות פון אַן אייגנאַרטיקן און אייגנטימלעכן יידישן פּאָעט, אַ דיכטער און אַ ייד. די אומרואיקייט, דער אינערלעכער געראַנגל די בלאָנדזשענישן און זוכענישן, די הרהורים און איבערטראַכטונגען פון זיין פּאָעטישן שאַפן ווערן ביים אינטעלעקטועלן דיכטער מ. ראַוויטש טראַנספּערירט און טראַנספאָרמירט אין די פּראָזע־עסייען און שפּיגלען זיך אַפילו אָפּ אין די „פּענ־פּראַפּילן" פון זיין גייסטרייכן לעקסיקאָן, דער פאַרזוך צו איבערשאַצן און ווידערשאַצן די גייסטיקע יידישע ווערטן און דעם גאַנצן מהות פון יידישן פאָלק, דער חשבון הנפש וואָס טרעט אַרויס באַזונדערס אין בוך „אייגענעס יידישע מחשבות אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" (1949) איז זייער סימפּטאָמאַטיש פאַר דער טראַגישער תקופה, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט.

עס איז דאָך אַקאָרשט פאַר אונדזערע אויגן פאָרגעקומען דער כמעט טאָטאַלער עקליפּס פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, די אָפּגע־

טעמפּטקייט און אטראָפירונג פון יעדן חוש פאַר יושר און גערעכטיקייט, ווען דער שטורם פון בייז און רשעות האָט זיך געטראָגן ווי אַן אורקאַן איבער דעם גאַנצן גלאָב און האָט פאַרוויסטעט און פאַרניכטעט יעדע בעסערע שטרעבונג און איידעלערע באַציאונג פון מענטש צו מענטש און פאָלק צו פאָלק.

קאָן גאַנץ פאַרשטענדלעך זיין ווי דער אומרואיקער גייסט פון דעם נאָכדענקענדן דיכטער זאָל זוכן אַ טרייסט און ענטפער צו דער יידישער און וועלט טראַגעדיע, וואָס איז טיפער געגומען די גייסטיקע טראַגעדיע פון אונדזער צייט.

„בשעת צונויפשטעלן דאָס בוך, זאָגט מ. ראַוויטש אין דער הקדמה צום דערמאָנטן בוך עסייען, האָט עפּעס אַ כוח מיך כסדר אונטערגעיאָגט און אַן אינעווייניקסטע שטים האָט מיר כסדר אונטערגעזאָגט, אַז צוליב דעם בין איך געבלירן געוואָרן און דאָס איז דער תמצית פון אַלע מיינע טעג״...

אָדער ערגעץ־וואו אין בוך לייענען מיר: „זינט די וועלט גייט מיט דער קאָפּ אַראָפּ פּרוביר איך צו ראַטעווען מיין ביסל נפש דורך פאַר־טיפן מיך אין יידישן אַמאָל (אויף וויפיל מיינע שוואַכע כוחות סטייען) און האַלטן מיין קאָפּ שטאַלץ אין דער הויך. אָפּט ברעך איך צוזאַמען, נאָר גאָר אָפּט געלינגט עס מיר דעם קאָפּ הויך צו האַלטן״. אַזוי לעבט דער דענקערישער דיכטער איבער זיינע אייגענע ספקות און מאַכט דורך דעם שווערן טראַגישן וועג צו נייע אַנטפּלעקונגען און אינטואי־טיווע אידייען.

געוויס איז מ. ראַוויטש געווען און פאַרבליבן אַ וועלטלעכער ייד און אַ וועלטלעכער מענטש. ווי זאָגט דאָרט דער אויטאָר פון „מיין לעקסיקאָן״ אין איינע פון זיינע פּען־פּראָפילן: „פון מיין יוגנט אָן קעמף איך זיגרייך אין מיר קעגן רעליגיעזע פאָרמען און אַנטראָפּאָמאָרפישער גאָט באַנעמונג, וואָס דאָס איז אין תוך דער וועג פון די פרומע״... אָבער טאַקע אויך דאָרט אין דעם לעקסיקאָן געפינען מיר:

„מיר פון דער גרופּע „כאַליאַסטרע״ אין וואַרשע, וואָס איז געווען טעטיק אַ גאַנץ קורצע צייט... האָבן בלי ספק געזוכט ווינט... וואָרעם ווינט איז געווען אַ סך פון דעם וואָס מיר האָבן געשריבן און וואַסער איז געווען אַ סך פון דעם וואָס מיר האָבן געשטויסן מיט אונדזערע פעדערן״...

יאָ, ביי דער ליכט פון „ספּינאָזאַס גלויבן און דער זעלבסט דערהויבונג דורך דער שכלדיקער דורכדרינגונג און באַהערשונג פון

די אַפּעקטן״ האָט ער שוין פּריצייטיק זיך אָפּגעשאָקלט פון דער פּאַר־מעלער יידישקייט פון דער יידישער רעליגיע מיט אירע מצוות און געבאָטן, אירע טראַדיציעס און מנהגים.

פונדעסטוועגן, פאַרטיפנדיק זיך לעצטנס אין דעם יידישן מהות, געפינט אונדזער דיכטערישער עסייאיסט אויס, „אַז דאָס יידישע גאָט־זוכן איז ניט קיין גאָט־זוכן צוליב פילאָזאָפישער בייגעריקייט, ווי דאָס איז געווען ביי די גריכן און ביי אַ סך פון די דייטשישע פילאָזאָפן. דאָס איז געווען פון לכתחילה און אייביק געבליבן אַ גאָט זוכן צוליב דעם גליק פון די מענטשן״.

טראָץ דעם ראַדיקאַליזם און דער וועלטלעכקייט, אָדער גיכער טאַקע צוליב דער אויסגעליידיקטקייט פון יידישן אינהאַלט און אָנהאַלט, וואָס דער יידישער דענקענדער מענטש פון אונדזער צייט האָט דער־שפּירט, איז אויך פון די טיפעניש פון אַזאַ פּאָעטיש און וועלטלעכן גייסט ווי מ. ראַוויטש אויסגעוואַקסן די אידייע פון אַ נייעם יידישן תנ״ך אָדער ספר הספרים, וואָס איז דער קערן און תמצית פון דעם בוך עסייען. אין דער דאָזיקער אַנטפּלעקטער אידייע האָט דער דיכטער געפונען אַ נייעם פאָקוס, אין וועלכן עס זאָלן זיך צונויפזאַמלען אַלע שטראַלן פון זיין אייגענער שעפערישער פּערזענלעכקייט און זיין פּאָעטישן אינטעלעקטועלן גייסט.

אַלס עסייאיסט האָט ראַוויטש דאָ בלויז אָראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאָעטישע אילוזיעס, די געצוימטקייט פון דעם געמאָסטענעם וואָרט, די ריין קינסטלערישע בילדלעכקייט, אָבער דער זעלבער פּאָעטישער דראַנג, דער מיסטיש־וויזיאָנערישער כוח גיט זיך איבער דעם פּאַטאָס פון דער נייער אידייע.

דער עסייאיסט האָט געפונען דעם גייסטיקן ענטפער אויף דער גייסטיקע טראַגעדיע פון אונדזער צייט און אונדזער תקופה אין דעם געדאַנק צו שאַפן אַ נייעם תנ״ך, וואָס זאָל זיין אַ המשך פון דעם אַלטן ספר הספרים, זאָל אויספילן דעם נייעם גייסטיקן חלל און זאָל כולל זיין אַלץ און אַלעס, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן פון יידישן גייסט און געניוס זינט דער חתימה, דער אָפּשליסונג פון דעם ערשטן און איינציקן תנ״ך ביז צו אונדזערע טעג.

די גראַנדיעזע אידייע פון אַ המשך, צום תנ״ך, וואָס זאָל פאַרבייטן פאַר דעם מאָדערנעם יידן דעם פאַרעלטערטן תנ״ך און זאָל ברענגען די נייע שליחות, דאָס נייע געטלעכע וואָרט צו דער וועלט, וועלכע מאָנט

עס אפשר פון אונדז יידן — וואָלט אוודאי די באַגייסטערנדע און אינספּירירנדע אידייע פון אונדזער צייט געדאַרפט זיין.

זיינען די באַזונדערע געדאַנקען אין דעם בוך עסייען וועגן אַ נייעם ספר הספרים זייער אָריגינעל קאָנסטרוקטיוו שעפעריש.

מיר קאָנען און זאָלן שאַפן אַזאַ בוך, וואָס זאָל זיין דער מצומצם־דיקער סך־הכל פון יידישן שאַפן פאַר די לעצטע פאַר טויזנט יאָר. אָבער אָן יענעם אָרעאָל, יענעם צויבער, וואָס האָט פאַר טויזנטער יאָרן אַרומגערינגלט די ביבל, אָן דער סאַנקציע און אויטאָריטעט, אָן דער האַלב מיסטישקייט און פאַרהיילטקייט, אין וועלכע דער תנ״ך איז איינגע־וויקלט געוואָרן — קאָן אַזאַ נייע קאָנאָניזירונג ניט ווערן פּאָפּולער און אַריינדרינגען טיף און ברייט אין פאָלק.

אָנשפּאַרנדיק זיך בלויז אויף די ליטעראַריש־עסטעטישע געבאָטן פון אונדזער צייט, קאָן אַ נייער ספר הספרים ניט פאַרבייטן די ביבל. אונדזער גייסטיקע שעפערישע וועלט איז דאָך די רעפּובליק פון גייסט, וואו יעדער אויטאָריטעט ווערט אָפּגעפרעגט און דאָס צייטלעכע ווערט אָפט מאָמענטאַן אַרויסגערוקט אויפן אָרט פון דעם אייביקן און דויערנ־דען, האָבען מיר דען די גאָר גרויסע הומאַניסטישע מוסטער ווערק, קלאַסישע שאַפונגען פון אַזאַ גרויס אַז זיי זאָלן פאַרשאָטענען די ביבל און זאָלן אַרויסשטעלן אין פאָדערגרונט די מענטשלעכע אידייע אנשטאָט דער געטלעכער?

איז דאָך פיל בעסער איידער אונטערגראָבן די ווערט און באַדייטונג פון דער ביבל, וועלכע איז פאַרפעסטיקט און איינגעפונדעוועט אין די מוחות און הערצער פון פעלקער און מענטשן — צו צואַקערן אויפסניי דאָס פעלד פון תנ״ך זעלבסט, פאַרזייען אין אים די בעסטע זוימען פון אונדזער נייער און מאָדערנער צייט, אינטענסיוו באַפרוכפּערן אים מיט דעם בעסטן און שעפערישסטן גייסט, ווי עס האָט געטאָן, למשל, דער ניט־ייד טהאָמאַס מאַנן אָדער דער ייד ריכאַרד־בער האָפמאַן.

נאָר אַזוי אַרום קאָן מען די ביבל, אויב אַפילו פאַרעלטערט, מאַכן פאַר אַ נייעם ווירקזאַמען כוח פון איינפלוס, פון טרייסט און באַגייס־טערונג — און די טרעגערין פון מענטשלעכער באַנעמונג און אויפ־לעבונג.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז מ. ראַוויטשעס עסייען זיינען זייער גייסטרייך געשריבן און טראָגן אויף זיך די טיפע צייכן פון זיין פּאָעטי־שער פערזענלעכקייט און זיין הויך באַוואוסטזיניקער יידישקייט.

לאַמעד שאַפּיראָ

לאַמעד שאַפּיראָס פאַרבליבענע שריפטן אין בוך פאָרעם*)

1

לאַמעד שאַפּיראָ, אין זיין רייפן שאַפונג־פּעריאָד, איז אפשר געווען דער איינגאַרטיקסטער קינסטלער צווישן דער פּלעיאַדע פון די יונגע און יינגסטע טאַלאַנטן, וואָס זיינען אויפגעקומען פון די טיפענישן פון פאָלק אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט.

אַן אָריגינעלער קינסטלער־דערציילער, איז ער אויך געוואָרן דער באַוואוסטזיניקסטער שעפערישער גייסט אין זיין געוויסנהאַפטיקסטער באַציאונג צו דער ליטעראַטור; אין צוגאַב צו זיין שאַרפן, רייצנדיקן, געשליפענעם און ראַפינירטן סטיל, מיט דער עקשנותדיקער געצוימטקייט און פערזענלעכן קאָנטראָל איבער זיין שאַפן.

אינעם רייפן און אויסגערייפטן אויסדרוק האָט דער קינסטלערישער „באַוועלן״ שרייבער זיך ניט דערלויבט קיין זייטיקן וואָרט, קיין אָפּנייג פון זיין קינסטלערישער ליניע, קיין באַזונדערע פאַמיליאַריטעט מיט דעם לייענער; איז געווען שטאַרק מצומצמדיק, אויסגעמאָסטן און אָפּ־געוואויגן אין דער פאָרעם און אין אינהאַלט פון זיינע גרעסערע און קלענערע דערציילונגען.

דערפאַר איז ער פאַרבליבן פרעמד דעם לייענער און רעטעניש פאַר דער קריטיק, וואָס איר איז קיינמאָל ניט געלונגען אַריינצודרינגען אין די טיפסטע יסודות פון זיין שאַפן. פאַרבליבן איז ער די לעגענ־דאַרישע, רעטזלהאַפטיקע פיגור אין אונדזער ליטעראַטור **).

איז עס אַוודאי געווען רעכטפאַרטיק און רעכטצייטיק פאַר ש.

---

*) ל. שאַפּיראָ: כתבים, אַרויסגעגעבן פון ל. שאַפּיראָ כתבים קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס, 1949, 399 זייטן.

**) מערער וועגן ל. שאַפּיראָס שאַפן — אין דעם עסיי „ל. שאַפּיראָ״, אין מיין בוך „ליטעראַרישע עסייען״, (ניו יאָרק, 1938).

מיללערן אין לאָס אַנדזשעלעס, אויספּאָלגנדיק ל. שאַפּיראָס צוואה, צונויפ־קלייבן, מיט אַזוי פּיל געטריישאַפט, און ערפורכט, אַפילו די פּריצייטיקע און אומרייפע שאַפונגען פונעם גרויסן קינסטלער. מיר באַקומען, במילא, אַ צוטריט צו זיינע קאַרגע אינטימע אָנווייזונגען און אויטאָביאָגראַפישע אָנדייטונגען, וואָס שווימען אַרויס אַזוי זעלטן ביי אונדזער שאַפּיראָן; אַ צוטריט צו זיין אייגענעם פּערזענלעכן אופן פון רעאַגירן אויף ליטע־ראַרישע דערשיינונגען; און ס׳ווערט אונדז די פּערזענלעכקייט און דאָס שאַפן פון ל. שאַפּיראָ אַביסל נאָענטער און פאַרשטענדלעכער.

אויך אויף אַזעלכע אָפּט־ניט־פּאַרענדיקטע דערציילונגען, ווי „שוואַרצל״, „קינדער״, „טיגער״, א. אַז. וו., ליגט דער שטעמפּל פונעם אייגנאַרטיקן פּאָעטיש־קינסטלערישן שאַפן.

...דער פילאָזאָף (דער הונט „טיגער״) האָט געקוקט מיר אין פּנים אַריין און האָט, ווייזט אויס זיך געוואונדערט, וואָס איך מאַך מיטן מויל; ער וואָלט בעסער פאַרשטאַנען, ווען ער וואָלט דאָרטן אַ שטיקל בולקע אָדער פלייש געזען... איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז פילאָזאָפן טויגן ניט צום פּראַקטישן לעבן, אַז וועגן אַלץ קלערן זיי, נאָר קיין זאַך קאָנען זיי נישט טאָן, און אַז וועגן דער איינציקער זאַך וואָס זיי טוען יאָ — וועגן עסן — קלערן זיי כּלל ניט...

אין אַזעלכע פּאַסאַזשן דערקענט מען דעם עכטן שאַפּיראָשן גייסט, וואָס שוועבט אַפילו אַרום די מינדערוואַרטיקע זאַכן.

אָבער דער הויפּט־געוויכט און שוואַר־פּונקט פון דעם טייל ירושה, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט מיט די „כּתבים״, ליגט אינעם ראָמאַן, „דער אַמעריקאַנער שד״, מיט וועלכן — לויט שאַפּיראָן אַליין — זאָל זיך געווען אָנגעהויבן אַ נייע ווענדונג אין זיין שאַפן; און — אין די „קיצורים״, פון וועלכע עס קוועלט אַרויס די „לעבנס־וויזהייט״, די חכמה פון אַ יידישן קינסטלערישן מענטשן, אפשר דעם קלוגסטן פון אונדזער דור.

מיטן דערמאָנטן ראָמאַן, וואָס איז שוין דערשינען אין זיין זשורנאַל „סטודיאָ״, האָט ל. שאַפּיראָ געמאַכט דעם ערשטן עקספּערימענט צו שאַפן אַ גרעסערן ווערק, געבויט מיט אַ פּלאַן, און וואָס זאָל גיכער געבן שילדערונגען און סינטעז, אָנשטאָט דער באַריידעוודיקייט און אַנאַליז, וואָס האָבן אויסגעפּילט די מערסטע אַזעלכע שאַפונגען ביז איצט. ער

האָט זיך צוגערוקט נאָענטער צו דער אַמעריקאַניש־יידישער ווירק־לעכקייט, כדי צו ווייזן די טראַנספאָרמאַציע, די נייע איבערשיכטונגען פון דער יידישער סאָציאַלער סטרוקטור אין די 1920ער יאָרן, ווי אויך די ענדערונגען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

מיט אַ פרישן באַנעם האָט ער דערזען דעם יידישן מענטשן אין אַ נייער ראָלע: אַנשטאָט דעם אַרבעטער, וואָס האָט פיגורירט ביז איצט, האָט ער אָנגעצייכנט דעם ניי־פּאַרוואַנדלטן אַרבעט־געבער; אַנ־שטאָט דעם אידעאַליסט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — דעם יוניאָן־באַאַמטן אין די „געוועזענע״, לאַפּידעס און יאַלקוט.

„דער אַמעריקאַנער שד״ איז דער שד פון אַרויפאַרבעטן זיך, וואָס טרייבט און יאָגט אומברחמנותדיק, ניוועלירט און גלייכט אויס דעם יוניאָן־באַאַמטן, דעם אַרבעטער מיט דעם בעל־הבית, דעם אַרבעטס געבער.

„אַ קנאַפּער וואונדער, וואָס דער אַרבעטער רייסט זיך אַרויס און אַוועק פון שאַפּ, ספּעציעל דער אומרואיקער יידישער אַרבעטער. דאָס רייסט ער זיך אויף אַ בלינדן שטייגער צו באַפרייען זיין פּערזענלעכקייט אינעם שויס פון קליינבירגערטום״... אַזעלכע געדאַנקען ברענגט אַרויס יאַלקוט פאַר לאַפּידעסן, און ביידע לאָזן אָפּ די הענט און פאַרקריכן אַליין אין אַ מאָראַלישן זומפּ.

אַז דער עקספּערימענט האָט שאַפּיראָן ניט באַפרידיקט, זעען מיר פון זיינע אויסערונגען און זיינע רעפלעקסן, וואָס מיר געפינען אין זיינע „קיצורים״, און אויך אינעם פאַקט, אַז ער האָט דעם ראָמאַן ניט פאַר־ענדיקט. „איך בין אַ דאָקטאָר. ווען איך שנייד מענטשלעכע קערפּערס און האָב צו טאָן מיט ניט־שמעקנדיקע טיילן אָרט מיך ניט. ווען איך עקזאַמענירן אָבער זייערע אַזוי געריפּענע נשמות גלוסט זיך מיר ברעכן״...

קיין רעאַליסט לשם רעאַליזם האָט שאַפּיראָ ניט געקאָנט זיין אין שאַפּן, וואָרעם צו וואָכעדיק און זינלאָז איז די ווירקלעכקייט, אַז זי זאָל אים קענען באַגייסטערן צום שאַפן.

פון דער אַנדערער זייט, הגם ער האָט זיך דעמאָנסטראַטיוו אָפּגע־טרייסלט פון „צלם״ און פון אַנדערע פּאָגראָם מאָטיוון, וואָס כאַראַקטע־ריזירן אַזוי שטאַרק זיינע רייפערע דערציילונגען, האָט ער זיך פונדעסט־וועגן ניט געקענט אינגאַנצן באַפרייען פון דער וויזיע, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט כמעט איבערן גאַנצן שטח פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. מיר זעען ל. שאַפּיראָן זיך אומקערן צוריק צו דער פּאָגראָם־טעמאַטיק,

ביי אַ געלעגנהייט, אין זיין „חנא הייצעס״, אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ אין 1939 (נומ. 29), הגם ס׳איז סקעלעטיש און סכעמאַטיש, מיט אַן אויטאָביאָגראַפישן אונטערשלאַק...

די „קיצורים״, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן, האָט ער שוין געשריבן אין אַ טראַגישן צושטאַנד — ווען ער האָט זיך שוין ניט געקענט מער אָפּגעבן מיט אָט־דעם אויסדרוק־אופן פאַר זיין לויטערן שעפערישן גייסט. קודם־כל, האָבן מיר דאָ אַ שליסל צו זיין אומ־פּראָדוקטיוויטעט, צו דעם פאַקט, אַז ער האָט אַזוי ווייניק געשריבן: „אין יענע יאָרן, ווען אַ שרייבער האָט נאָך ניט געשריבן לשם פרנסה, האָט אַ מענטש געקענט אָפּזיצן איבער זיינעם אַ ספר פינף און צוואַנציק יאָר... און איך, זעט איר, מוז שוין האָבן אַן הכנה פון זיבן טבילות און אַ געענדזענע פעדער״. פאַר אים איז בכלל געווען אין אונדזער ליטעראַטור „אַ פאַרזעענער וויכטיקער עלעמענט פון טאַלאַנט־עטישער באַציאונג צו דער וועלט און צו שרייבן״.

„ווער עס קאָן דאָס לעבן פון דער נאָענט איז קאַפּאַבל צו ווינטשן זיך דעם טויט. צום גליק באַווייזן זיך פון צייט צו צייט מענטשן, וואָס גיבן דעם לעבן צו אַ טעם און מאַכן עס זאָל זיין כדאי צו לעבן״.

ל. שאַפּיראָ האָט ניט געקאָנט פאַרזעצן זיין נייע רעאַליסטישע ווענדונג. אָט איז, אגב, זיין קינסטלערישע צוואה פאַרן מאָדערנעם יידישן שאַפן און יידישן לעבן:

מאַך פון דיין אייגענעם לעבן אַ קונסט־ווערק, ס׳איז ניט וויכטיק, צו ס׳וועט זיין אַ דראַמע, צי עס וועט דערגיין ביז טראַ־געדיע. זע, אַז עס זאָל ניט דאַרפן ווערן קיין פאַרס.

„זייט גרינג צו מענטשן, נוחים לבריות״ — דאָ דערגרייכט דער פאַרשטאַרבענער שרייבער צום טראַדיציאָנעלן נוסח פון די „פּרקי אבות״ און דערקלערט אונדז, אַז „עס איז ניט גרינג צו לעבן אויף דער וועלט פאַר קיינעם ניט... טאָ וואָס שטשורעט איר די ציין איינע אויף די אַנדערע״...

מענטשן, מענטשן איר שרייט אויס איינער צום אַנדערן דורך לענדער, דורך פעלקער, דורך צייטן און דורך דורות, דורך שפּראַכן און דורך קולטורן — און איר רופט זיך ניט אָפּ איינער צום אַנדערן!

דער שיין־גייסט, דער שטאָלצער, איידעלער, שעפּערישער מענטש רעדט אַרויס פון די אַלע עטישע סענטענצן און פאַרשריפטן, דער פרייער פּאָעטיש־שעפּערישער גייסט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרשקלאַפן באַוואוסטזיניק, אַפילו צום קינסטלערישן שאַפן. ניט־מאַכנדיק פון דער קונסט קיין פעטיש, עצהט ער אונדז:

„דין צו קיינעם נישט, מענטש, אויך ניט צו דיר אַליין, און מאַך ניט אַנדערע צו דינען צו דיר. דינסט איז עבודה־זרה".

2

מיט זיין הויך־אינטעלעקטועלן גייסט האָט ל. שאַפּיראָ, אַליין אַ גרויסער מבין אויף זיין אייגענעם שאַפן, אויסגעבראַקירט אייניקע פריי־ציטיקע פּרואוון, אומרייפע דערציילערישע אָנוואַרפן און האָט פאַר־פעלט צו איינשליסן דעם גרעסערן ראָמאַן אין די אויסגאַבן פון זיינע ווערק. אין די יאָרן פון זיין לאַנגער טראַגישער אַגאָניע, ווען זיין שטאָלצע שעפערישע פערזענלעכקייט איז אַזוי פאַרוואונדעט געוואָרן און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַזאַ פּאַטעטישער פיגור, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך פאַר דער פאַרזעצונג פון דער העלער און לויטערער קינסטלערישער שאַפונג — איז ער ענדלעך איבערוועלטיקט און באַהערשט געוואָרן פון די דעסטרוקטיווע כוחות, וואָס האָבן אים בייגעקומען.

מיט דעם ניט־פאַרטונקלטן אינטעלעקט און דעם ניט אויסגעלאָ־שענעם קינסטלערישן חוש האָט אָבער שאַפּיראָ, אַפילו אינעם בין־השמשות און דער לעצטער לעטאַרגע פון גייסט, דערשפּירט אַז זיין ליטעראַרישע ירושה דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אַ נאָענטן מענטשן, אַ קינסטלערישן שרייבער.

אפשר וואָלט ער אַליין זיך אומגעקערט צו די כתבים, וואָס ער האָט געהאַלטן אַזוי צו זאָגן בגניזה פון אונדז, אָבער דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז אַ צווייטער זאָל זיך מתעסק זיין מיט זיין ירושה און זאָל אים טאָן דעם חסד של אמת לכבוד המת און פאַר דעם כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז אויסגעפאַלן אויף ש. מיללערן, אַליין אַ פיינער בעלעטריסט אין זיינע אייגענע רעכט, אַ שעפּערישער מענטש, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום פאַרשטאָרבענעם, אין די לעצטע יאָרן וויניקסטנס, צו ווערן דער אַפּוטרופּס, לויט שאַפּיראָס פאַרלאַנג, איבער די איבער־

געבליבענע „כתבים". מיט גרויס ערנסט און איבערגעבנקייט, זאָרגע־פעליקייט און מיזאַמקייט, איז ש. מיללער צוגעטראָטן צום צונויפ־זאַמלען, רעדאַקטירן און אַרויסגעבן די ליטעראַרישע ירושה פון אַ גרויסן קינסטלער.

ער האָט באַזאָרגט דעם באַנד „כתבים" מיט ביאָגראַפישע און דערקלערונג־נאָטיצן. אין „וועגן די כתבים" דערציילט אונדז ש. מיללער פון זיין באמת גרויסער, שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען און דעם אופן און מעטאָד פון אויסוואַל און איבערקלייב פון די אויסגעלאָזענע און איבערגעלאָזענע אין באַנד שריפטן, בכדי די „כתבים" זאָלן אַנטהאַלטן דעם שאַפּיראָשן פונק, דאָס עכטע שאַפּיראָשע, און ער ווייזט אַרויס די עכטע קאָלעגיאַלע באַציאונג פון איין קינסטלער צו אַ צווייטן.

ש. מיללער ווייזט אונדז אָן, וואו ער האָט דערגאַנצט, אויסגעפּילט איין ווערק טאָקע מיט שאַפּיראָס אייגענע ווערסיעס, ממלא געווען את החסר, און פאַרקירצט אויסגעלאָזט דאָס איבערפליסיקע און איבער־געחזרטע; אָבער פאָרזיכטיק אויפגעהיט די אָריגינעלע שאַפּיראָשע שפּראַכנאַרט, דעם ווערטערלעכן אויסדרוק, און אַזוי אַרום פּרעזערווירט דעם גאַנצן אַראָמאַט און די אַטמאָספערע פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם גרויסן שעפערישן גייסט. אָבער, ווייזט אויס, פון גרויס איבערלעגנקייט און איבערקלערעניש, ווי ער גיט אונדז איבער, האָט מיללער גענומען נאָכפרעגן ביי לייטן, וואָס ער זאָל טאָן און געפרעגט עצות ביי ש. ניגערן און מיט דער בעסטער כוונה איז ער דאָך נכשל געוואָרן אין „מחלל שם שאַפּיראָ זיין". מעשה אָביעקטיווער שעצער פון ליטעראַרישן ווערט און באַדייט פון דער ירושה — האָט ער פשוט פאַרגעסן זיך צו האַלטן קאָנסעקווענט ביי זיין אייגענעם קינסטלערישן רעאַגירן, האָט גאָר אָנגעהויבן גריבלען זיך אינעם אַנאַליז פון שאַפּיראָס שעפעריש־קינסטלערישן טאַלאַנט, האָט גענומען פּסיכאָלאָגיזירן און אַנאַליזירן.

וואָלט ש. מיללער ניט איבערגעריסן זיין אייגענע אויפריכטיקע באַציאונגען צו שאַפּיראָן און זיין ירושה, און וואָלט איבערגעלאָזט פאַר דער געשיכטע אָדער פאַר דער ליטעראַטור־קריטיק צו ציען שלוסן און אַרויסטראָגן אורטיילן, וואָלט זיין אַרבעט און מי פאַרבליבן אָן אמתע ברכה, אַ פאָזיטיווער בייטראָג צו אונדזער יידישער ליטעראַטור. מיר וואָלטן אים פאַרבליבן דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס ער האָט דעסטאַווירט אַ טייל שריפטן נאָכן טראַגישן טויט פון אַ גרויסן קינסטלער.

ניט געקוקט אויף זיין גרויס פאַרזיכט און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייטס־געפיל, האָט ש. מיללער דאָך איבערגעטראָטן אונדזער אידעאַל־מענטשלעכן און יידיש־מאָראַלישן געבאָט פון אָפּהיטן די צוואה פון אַ „שכיב מרע". איינע פון די שענסטע מידות ביי אונדז יידן איז, כידוע, די אַזוי טראַדיציאָנעל יידישע אידעלע און צאַרטע באַציאונג צום פאַרשטאָרבענעם, וואָס דאָס אַליין מאַניפעסטירט די הויכע מאָראַלישע שטעלונג פון מענטשלעכער ווירדע ביי אונדז — און דאָס בנוגע אַפּילו נאָר דעם פיזישן אָדער דעם ביאָלאָגישן טויט פונעם מענטשן.

וואָרעם די געבורט און דער טויט זיינען אַלעמאָל געווען און וועלן מסתמא פאַרבלייבן די איינציקע מענטשלעכע מיסטעריעס, וואָס וועלן שטענדיק אַרויסרופן די בעסערע און העכערע געפילן און געדאַנקען. אַ פשיטא דאַרף און זאָל דער גייסטיקער טויט, די שאַפונג־גסיסה פון אַ געהויבענער קינסטלערישער פערזענלעכקייט, אַרויסרופן די דיסטאַנץ פון יראת־הכבוד פאַרן קינסטלער, דעם „שכיב־מרע", וואָס די אורזאַכן פון זיין שלאַפקייט און זיין טויט זאָלן ניט זיין.

מאַכנדיק דעם אויסוואַל פון די כתבים, בכדי צו געפינען דאָס עכטע שעפערישע אין זיי, האָט ש. מיללער געפונען פאַר נויטיק, למשל, צו אַריינגעבן אַ דאָקומענט, אַזוי צו זאָגן, פון שאַפּיראָס לעצטן קינסט־לערישן אָטעמצוג, ווען דער קינסטלערישער גוסס האָט מיט די לעצטע כוחות זיך געראַנגלט מיט אַ טעמע, וואָס איז אים אַזוי נאָענט געווען, און דאָך האָט ער שוין ניט געקענט צונויפזאַמלען די רעשט־כוחות צו פאַרווירקלעכן זי, די אויפגאַבע. ס׳רעדט זיך דאָ פונעם פראַגמענט פון אַן אָנוואורף „רחל מבכה על בניה". דערמיט אַליין, קאָן מען זאָגן, האָט מיללער רעדוצירט צום אַבסורד, האָט צונישט געמאַכט זיין פאָזיטיווע אַרבעט און זיינע פאָרזיכטיקע באַמיאונגען צו זיך אויסהיטן פון „חילול שם שאַפּיראָ".

עס איז אויך אומעטיש און אומקינסטלעריש געווען צו לאָזן פאַלן אַזאַ וואָרט, ווי „שאַפּיראָ האָט שוין די לעצטע צייט געקאָנט בלויז אָנדראַקען אַ פּאָר שורות", אויב מ׳זאָל דאָס אַפּילו אָנווענדן צום באמת ווערטפולן טייל פון בוך — די „קיצורים", וואָס ש. מיללער האָט פאַר אונדז דעשיפרירט.

ווי זאָגט שאַפּיראָ אַליין אין איינעם פון די „קיצורים" — „אַ שרייבער דאַרף זען מענטשן נאַקעט, נאָר מיט איינזעעניש, כדי זיי נישט מבייש צו זיין". אָט־די שורות און די קיצורים, וואָס שאַפּיראָ

האָט געשריבן אין די מאָמענטן פון זיין קינסטלערישער גסיסה, זיינען דאָך די שפּריצן און פונקען פון אַ הויכן אינטעלעקטועלן גייסט; פון אַ גרויסן קינסטלערישן שעפער, וואָס פאָדערט און מאָנט פאַר זיך רעספּעקט און פאַרשטענדעניש.

אויב זיין שאַפן איז געווען מאָגער און קאַרג אין כמות, איז עס געווען רייך און גלענצנדיק אין איכות און קאָן ניט פאַרשטויסן ווערן אינעם ליטעראַרישן אַרכיוו. ל. שאַפּיראָס שאַפן וואַרט נאָך אויף זיין געהעריקן ווערט־אָפּשעצער, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער קומען.

און ש. מיללערס, כאָטש ניט־פולקאָמע, דורכפירונג פון זיין אויפגאַבע וועט זיכער ברענגען צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער פּאָזיציע, וואָס דאָס שאַפן פון אַ זעלטענעם קינסטלער זאָל און דאַרף פאַרנעמען.

ד ר י ט ע
אָפּטיילונג

ש. דובנאָוו

דאָס לעבנס־ווערק פון דעם היסטאָריקער ש. דובנאָוו

1

דער גרויסער היסטאָריקער און עכטער געשיכטס־פילאָזאָף מוז פאַרבלייבן געטריי זיך זעלבסט און זיך אַנטפּלעקן פריער אָדער שפּע־טער אַלס נאַציאָנאַלער און פאָלקס־היסטאָריקער. אַפילו ווען דער אָביעקט פאַר זיינע פאָרשונגען איז אַן אַנדערער אויסער זיין אייגענעם פאָלק, אָדער ווען זיין ווערק נעמט אַרום פאַרשידענע פּעריאָדן פון דער אַלמענטשלעכער געשיכטע.

בפרט, ווען ער פאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיט דער אויס־פאָרשונג און שאַפונג פון דער געשיכטע פון זיין אייגענעם פאָלק, ווערט די דאָזיקע פאָרשונג אַליין דער גרעסטער נאַציאָנאַליזירנדער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג און וואוקס פון דעם היסטאָריקער גופא. גופא.

עטוואָס אַזוינס האָט פּאַסירט מיט ש. דובנאָוו, וועלכער איז ניט נאָר געוואָרן דער קלאַסישער היסטאָריקער פון דעם פּויליש־רוסישן יידנטום, נאָר אויך דער עמוד־התוך, דער זייל, פון דער אויפלעבונג פון דעם גאַנצן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום פאַר די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, פאַר אונדזער גאַנצן אַזוי גערופענעם מאָדערנעם רענעסאַנס.

דובנאָוו האָט אָנגעהויבן, ווי באַוואוסט, זיין לאַנגיאָריקע פּרוכט־באַרע ליטעראַרישע און היסטאָרישע וויסנשאַפטלעכע קאַריערע אין דעם אָנהייב 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אין דעם גייסט פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

אָנפאַנגענדיק מיט „די הויפּט־מאָמענטן פון דער געשיכטע פון יידישן געדאַנק״ און „וואָס פאַר אַן עמאַנציפּאַציע דאַרפן מיר?״, שרייבנדיק הויפּטזעכלעך אין דער רוסיש־יידישער צייטשריפט „וואָס־באָד״, האָלט ער אַן כמעט פאַר אַ צענדליק יאָרן זיינע אַטאַקעס אויף

דעם אַלטן און פאַרעלטערטן יידישן שטייגער לעבן און דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער אידעאָלאָגיע לויט אַלע כּללים פון דער „בערלינער השכלה".

דאָס איז די דאָזיקע אויפקלערונגס־באַוועגונג, וועלכע האָט נאָך פון דער צווייטער העלפט פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט אָן זיך פאַרנומען צו העלפן אַסימילירן דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום מיט די פעל־קער, צווישן וועלכע זיי לעבן, צו אָננעמען די אַזוי־גערופענע אייראָ־פּעאישע ציוויליזאַציע און אָפּשוואַכן איינגאַנצן דעם יידישן באַוואוסטזיין, בכדי אָפּצואווישן מיט דער צייט די גאַנצע היסטאָרישע אידענטיטעט זיינע.

אָנצייכענענדיק פיל שפּעטער אין זיינע געשיכטס־ווערק דעם אונטערשיד צווישן דער מערב־אייראָפּעאישער השכלה און דער מזרח־אייראָפּעאישער אָדער דער פאַרשפּעטיקטער רוסיש־יידישער השכלה, ווייזט דובנאָוו אָן, אַז ביידע האָבן דווקא אָנגעהויבן מיט פאַרוועלטלעכן די העברעאישע שפּראַך פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט.

אָבער אין דער צייט, וואָס די „בערלינער" השכלה האָט גאָר גיך פאַרוואָרפן די אַלטע קלאַסישע שפּראַך, האָט די רוסישע אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויף דער דאָזיקער שפּראַך אַ נייע נאַציאָנאַלע ליטערטור.

אין עצם גענומען, איז אפשר טאַקע די „בערלינער השכלה", די אויפגעוואַכטע וועלטלעכקייט ביי די מערבדיקע יידן, געווען דער איינציקער לאָגיש נויטווענדיקער וועג צו אַסימילאַציע. וואָרעם דאָס טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע לעבן איז ביי די מערב־יידן שוין לאַנג, פאַר גאַנצע יאָרהונדערטע, סטאַגנירט און פאַרגליווערט געוואָרן. עס איז ניט געווען קיין פולבלוטיק לעבן, און קיינע שטורעמס, וואָס די ברייטערע שיכטן פון פאָלק טראָגן אַריין אין אַלע צווייגן פון קולטור־רעלע לעבן און שאַפן, האָבן אַהין ניט דערגרייכט.

דער מיטלאַלטערלעכער גלאַנץ־פּעריאָד פון דער דייטש־יידישער געלערנזאַמקייט, די ראַציאָנאַליסטיש־סכאָלאַסטישע ליטעראַטור פון די מפרשים פון תּלמוד, האָט געוויס ניט געטראָגן קיין צייכן פון פאָלקס־רעליגיעזע באַוועגונגען, פון נייע עטישע ווערטן, פון באַנייטער אידעאָ־אָלאָגיע, וואָס זאָל צייגן אויף אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, אויף עכטן יידישן פאָלקס־לעבן...

אַזאַ יידנטום איז עלול געווען צו דיסאינטעגרירן אונטער דעם שטורעם און דראַנג פון דער נייער צייט.

פאַרקערט, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום האָט באמת אַרויס־

געוויזן אַ שטורמישן פּולס אין זיין רעליגיעז־קולטורעלן לעבן טאַקע צוליב דעם, וואָס די ברייטערע שיכטן פון פאָלק זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם רעליגיעזן קולט, אין דעם אויפהיטן און באַנייען דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער.

די אַזוי גערופענע פאַלש־משיחישע באַוועגונגען פון שבתי־צבי און יעקב פראַנק, דער עיקר, דער חסידיזם, זיינען געווען די אויסדרוקן פון פאָלקס־לעבן און פאָלקס־רעאַגירן. וואַרטן נאָך די „משיחישע" באַוועגונגען אויף זייער היסטאָרישן אויסלייזער, וואָרים ביז איצט זיינען בלויז זייערע נעגאַטיווע זייטן אַרויסגעשטעלט געוואָרן, אַפילו ביי דובנאָוון.

אָבער דער חסידיזם האָט שוין דווקא געפונען זיין תיקון אין די אָריגינעלע פאָרשונגען פון אונדזער גרויסן היסטאָריקער. האָבנדיק פאַר זיך אַ רייכן מאַטעריאַל און געפינענדיק די לעבעדיקע שפּורן און קוואַלן פון דעם דאָזיקן שאַפן, האָט דובנאָוו באַלויכטן די דערשיינונג פון חסידות אַלס אַ פאָלקס־דערשיינונג, וואָס האָט איבערגענומען די רייכע קולטורעלע יידישע ירושה פון די הענט פון דעם תלמודיש־רבנישן יידנטום און זיינע אידעאָלאָגן.

ווען מיר פאָלגן נאָך די אַנטוויקלונג פון די ערשטע אָנוואָרפונגען פון זיין חסידישער פאָרשונג ביז צו די שפּעטערע פאַרפאָלקאָמונגען, ווערט אַזוי קלאָר פאַרוואָס דובנאָוו האָט געביטן זיין האַלטונג, פאַרוואָס זיין גאַנצע שטעלונג צום היסטאָרישן יידנטום איז רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן און האָט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. וואָרעם ביי דעם יידנטום, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם חסידיזם, האָט די השכלה ניט געקאָנט זיין די באַגלייטערין צו דער אַסימילאַציע.

די יידישע נייע אינטעליגענץ, די טרעגערין פון אויפקלערונג, איז געווען אייגנטלעך אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, אָפּשטאַמענדיק און אַרויסקומענדיק פון די פאָלקס־קוואַלן, פון דעם פּולבלוטיקן פאָלקס־לעבן, וואָס קען ניט פאַרלייקנט אָדער איגנאָרירט ווערן. און ביי דובנאָוון, וואָס מער ער פאַרטיפט זיך אין זיינע היסטאָרישע שטודיען, אַלץ ווייניקער הערן זיך די אָפּקלאַנגען פון זיין פריצייטיקער השכלה־טענדענץ און קאָסמאָפּאָליטישע נייגונגען.

אין חסידיזם האָט דובנאָוו דערשפּירט די אויפברויזונגען פון די אינערלעכע קוואַלן (אפשר אַמאָל אומריינע), פון וועלכע עס האָט גע־שלאָגן מיט די אקומולירטע גייסטיקע כוחות, מיט דעם אימפּעט פון אַ לעבהאַפטן און לעבעדיקן פאָלקס־וועזן און ער האָט פון דעם אַלעמען

פיל געלערנט. און וואָס פאַר אַ הערלעך בילד ער גיט אונדז, אַריינ־דרינגנדיק אין די שיטות פון דעם גרינדער פון חסידות, דעם בעל שם טוב, און זיינע נאָענטע תלמידים און נאָכפאָלגער! וועגן חסידיזם זאָגט דובנאָוו, אַז אין זיין פאָרנעם איז עס איינע פון די וויכטיקסטע און אָריגינעלסטע דערשיינונגען, ניט נאָר אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, נאָר אויך בכלל אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון אַלע רעליגיעס. אָט וואָס ער שרייבט וועגן בעל שם טוב:

דער בעש״ט האָט דערנענטערט, ווי מעגלעך, די גאָטהייט צום מענטשן און דעם מענטשן צו גאָטהייט און דורך דעם האָט ער איינגענומען די מאַסן... ער האָט געגעבן דעם פאָרצוג דעם געפיל איבער דעם וויסן, דעם גלויבן איבער דעם לערנען און פאָרשן (? — ש. ל.), די גייסטיקע מונטערקייט איבער דער געפאַלנקייט פון גייסט, די ליבשאַפט איבער דער מורא, די כוונה איבער דער אויסוויינִיקסטער דיסציפּלין.

אָדער נעמט די ציטאַטן, וואָס דובנאָוו ברענגט פון „תולדות יעקב יוסף״, דאָס ווערק פון איינעם פון די פאָרטיפער פון דער חסי־דישער לערע:

דער מענטש איז באַשאַפן פון חומר און צורה, און זיי זיינען דער היפוך איינער פון אַנדערן, וואָרעם דער חומר גייט נאָך דעם קאַפּריז פון דער קערפּערלעכער מאַטעריע און די פאָרעם גלוסט נאָך גייסטיקע זאַכן.

דער צוועק, צוליב וואָס דער מענטש איז באַשאַפן, איז ער זאָל מאַכן פון דער מאַטעריע אַ פאָרעם, זיי זאָלן איין איינהייט זיין און די זאַכן זאָלן ניט זיין אָפּגעזונדערט. און אַזוי ווי דאָס איז דער צוועק פון איינציקן מענטשן, אַזוי איז עס מיטן כלל פון יידישן פאָלק, וואָס ווערן אָנגערופן המון־מענטשן, עמי־הארצים, וואָרעם זייערע הויפּט־עסקים זיינען אין ערדישן חומר, און דער־פאַר זיינען זיי דער חומר.

פאַרקערט, די צדיקים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט תורה־לערנען און דינען דעם אייבערשטן — זיי זיינען די פאָרעם, און זייער הויפּט־צוועק איז, זיי זאָלן מאַכן פון חומר די פאָרעם.

און אַזוי ווי דאָס איז מיטן פרט פון יידישן פאָלק, אַזוי איז דאָס מיטן כלל פון דער וועלט, ווייל עס זיינען פאַראַן זיבעציק פאַרצייטיקע אומות, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן פאַר די צווייגן פון

הייליקן בוים און יידן — וואָס זיי האַלטן זיך פאַרן וואָרצל פון בוים, און יידן באַדאַרפן דאָס צו ציען שפע פאַר אַלע שבעים אומות...

קעגן אַזאַ רייכטום פון נייע און באַגייסטערטע עטישע ווערטן, פון אָפּגעפרישטער פאָלקס־אייניקייט, שטעלט דובנאָוו אַוועק „דעם קולט פון געזעץ, די הייליקייט פון טויזנטער דינים אָן אַ טעם, וואָס זייער איינציקע באַרעכטיקונג איז, וואָס זיי זיינען לאָגיש געדרונגען פון תלמודישע הלכות און זייערע מפרשים — וואָס איז, לויט דעם ווילנער גאונס מיינונג, דער יסוד פון יידישקייט".

עס ווערט קלאָר פאַר אונדז די גאַנצע דעקאַדענץ פון דעם תלמודיש רבנישן יידנטום און די נויטווענדיקע שלוסן, וואָס די יידישע געשיכטע האָט געמאַכט, איבערגעבנדיק די גאַנצע ירושה פון דעם רייכן עבר צו דער נייער ריכטונג אין יידנטום, צום חסידיזם.

אמת, אויך דאָ זיינען די זוימען פון דעגענעראַציע פאַרזייט געוואָרן, ספּעציעל ביים איבערגאַנג פון טעאָרעטישן „צדיקיזם" צום פּראַקטישן. אָבער אַזוי זיינען שוין די געזעצן פון דער געשיכטע, אַז יעדע דערשיינונג האָט איר טעזיס און אַנטיטעזיס, אירע פּאָזיטיווע זייטן, וואָס ברענגען זי אַרויס צום פאָדערגרונט און די נעגאַטיווע זייטן, וואָס פאַראורזאַכן איר ירידה און צוזאַמענברוך.

יעדנפאַלס, זינט די „קראים", אָדער קאַראַאימישער באַוועגונג אין אַכטן און ניינטן יאָרהונדערט, וועלכע איז וואָרשיינלעך אויך געווען אין אָנהייב אַ מין פאָלקס־רעליגיעזע באַוועגונג, מיספאַרשטאַנען און מיסטאינטערפּרעטירט פון אונדזערע היסטאָריקער צוליב דעם דורכפאַל פון דער באַוועגונג און איר אָפּשפּאַלטונג פון דעם יידישן שורש, צוליב דעם וואָס די תלמודישע יידנטום האָט נאָך פאַרמאָגט געזונטע וואָרצלען און לעבעדיקע עטישע יסודות און פאַרבינדונגען מיט דעם גאַנצן פאָלק — איז כמעט אַזאַ אויפברויז פון אינערלעכע כוחות אין דעם גאַנצן יידנטום פריער קיינמאָל ניט געווען.

2

דער חסידיזם איז אָבער געווען בלויז איין עטאַפּ אין דעם גאַנצן אָריגינעלן און אייגנאַרטיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער היסטאָרישער פאָרשונג און שאַפונג פון שמעון דובנאָוו.

ווי באַוואוסט, איז דובנאָוו געווען דער ערשטער צו דערגרונטעווען זיך אין די אוצרות פון די אַלטע פּוילישע און רוסישע אַרכיוון. ער

האָט אונדז געגעבן אַ פולשטענדיק בילד פון דעם פּאַרציייטיקן צושטאַנד פון דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, די קהלות, אָדער „קהל״, ווי עס ווערט אָנגערופן אין די אַנאַלן די דאָזיקע אינסטיטוציע ביי יידן, מיט אירע העכערע אינסטאַנצן, די וועדים, די קאָמיטעטן, די קרייז־קאָמיטעטן (וועד גלילי) און די וועדי המדינות, די מלוכה קאָמיטעטן, ווי דער וועד ארבע ארצות, אָדער וועד מדינת ליטא. ש. דובנאָוו האָט אַנטדעקט די פּנקסים אָדער פּראָטאָקאָלן, אַזוי צו זאָגן, פון די וועדים און האָט זיי ווּיסנשאַפטלעך אינטערפּרעטירט.

מיט דער הילף פון דעם נייעם סאָציאָלאָגישן מעטאָד, וואָס ער ווענדעט אָן צום ערשטן מאָל צו דער יידישער געשיכטע, פריער צו דער פויליש־רוסישער און דערנאָך צו דער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע, ווערט באַלויכטן מיט אַ העלן שיין, צום ביישפּיל, דער גאַנצער הינטערגרונט פון די „גזירות ת״ח ות״ט״, ד. ה. די שחיטות פון כמעלניצקיס און גאָנטאַס קאָזאַקישע באַנדעס, אָדער די ספּעציפישע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן און זייערע סאָציאַלע פונקציעס פאַר און נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן.

נאָך זיין פאַרטיפן זיך אין די אַנאַלן פון דער יידישער געשיכטע אין פּוילן און רוסלאַנד, דורך צענדליקער יאָרן פלייסיקער, זייער געדולדיקער אַרבעט, באַנעמענדיק און אויפפּאַסנדיק די פּילזייטיקייט און פילפאַכיקייט פון אַ פולסירנדיקן לעבעדיקן פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס דאָס דאָזיקע יידנטום האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, איז דובנאָוו אויסגעוואָקסן אין זיין גאַנצער גרויס אַלס אַ היסטאָריקער. דער רייף געוואָרענער היסטאָרישער דענקער דעקט אויף די פאַרשטויבטע אַלטע פּנקסים, זאַמלט אויף דאָקומענטן און פּרטים פון סאָציאַלן, פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון דעם דאָזיקן יידנטום, וואָס איז אים אַמנאָענטסטן. ער סינטעטיזירט די גאַנצע געשיכטלעכע דראַמע, דעם ווידערשטאַנד קעגן די אויסערלעכע צעשטערנדיקע און פאַרניכטנדיקע כוחות, דרינגט אַריין אין די גייסטיקע אינערלעכע קוואַלן, וואָס נערן דעם אָרגאַניזם פון דעם יידישן קאָלעקטיוו און ברענגט אַרויס זיין גאַנצע עלאַסטישקייט און צופּאַסונגס־קראַפט צו דער אויסערער וועלט.

זיינע פּרעלימינערע פאָרשונגען האַלטן אין איין אויסברייטערן זיין בליק און באַרייכערן נאָך מער זיין וויסן, וועלכן ער צייגט שוין אַרויס אין זיינע פריערדיקע מאָנאָגראַפיעס און שטודיעס.

אָבער הויפּטזעכלעך אָריגינעל און אייגנאַרטיק זיינען די נייע אידייען, מיט וועלכע עס ווערט באַפרוכטעט דער שפּעטערישער גייסט פון דעם היסטאָריקער. דאָ קומען מיר צו צום אייגנאַרטיקן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם ביי דובנאָוון, וואָס איז ניט נאָר געווען דער קאָמפּלעקס פון געדאַנקען און אידייען, אַרויסגעלייענט פון די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע, פון דעם יידישן עבר, נאָר איז אויך געוואָרן די נייע פאַרוואַנדלונג פון די געשיכטלעכע אידעאַלן, וואָס באַשטימען ווידער אַמאָל אויף דאָס ניי דעם גורל פון דער יידישער געשיכטע.

די דאָזיקע אידייען האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין זיינע באַרימט געוואָרענע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", פאַרעפנטלעכט פריער אין „וואָסכאָד" און שפּעטער אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אין רוסיש און דייטש. דאָ אַנטוויקלט דובנאָוו זיין נייע טעאָריע פון יידישן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם, אָדער פון דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן אויטאָנאָמיזם. (דאָס איז געשען מיט איבער פערציק יאָר צוריק). אָט וואָס ער זאָגט אַליין וועגן דעם:

די טעאָריע פון אויטאָנאָמיזם נעמט אָן אַלס איר אויסגאַנג־פונקט דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז צו יעדער צייט, מיט דער אויסנאַם פון טיילווייזע אָפּנייגונגען, האָט דער גלות, ווי אַ גאַנצעס גענומען, רעפּרעזענטירט אַ נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, אין וועלכן די אָפּוועזנקייט פון פּאָליטישער אָדער טעריטאָריעלער איינהייט איז קאָמפּענסירט געוואָרן דורך דעם שטאַרקן צוזאַמענהאַנג פון די גייסטיקע און קולטורעלע פאַרבינדונגען און דורך דער גרע־סערער אינטענסיוויטעט פון זיין סאָציאַלן און אויטאָנאָמען לעבן.

פאַר אַ סך יאָרהונדערטער האָט דאָס גאַנצע קולטורעלע יידנטום אָנגענומען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער און זיין קאָמונאַלער (קהלשער) אויטאָנאָמיזם האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער סינאַ־גאָגע — דאָס זיינען די אומשטענדן, וואָס האָבן באַפעסטיקט די אַרגומענטן פון די קעמפער פאַר אַסימילאַציע, אַז די יידן זיינען בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, צעשפּרייט צווישן פאַרשידענע פעל־קער... די נייעסטע אַנטפּלעקונג פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג האָט (אָבער) באַוויזן, אַז דאָס יידנטום, כאָטש צעזייט און צעשפּרייט צווישן פאַרשידענע פּאָליטישע שטאַטן, איז אַ נאַציע פול מיט לעבנס־קראַפט און אַז די יידישע רעליגיע איז בלויז איינע פון אירע פונקציעס."

בכן, לויט דער נייער באַלויכטונג פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס דורך אַזאַ געדאַנקען־גאַנג, ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין פּאָליטישע און טעריטאָריעלע זעלבסט־שטענדיקייט און איז צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אומעטום אויף דעם גאַנצן שטח פון גלאָבוס, איז געבוירן געוואָרן ביי אים די שטרע־בונג צו לעבן ווייטער און זיך צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן אַזוי, אַז די ווייטערע אָנהאַלטונג פון דעם אינערלעכן אייגנאַרטיקן לעבן זאָל ניט געשטערט און אָפּגעשטעלט ווערן.

צו דעם צוועק איז געריכטעט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון פאָלק. פאַר דובנאָוון איז דער דאָזיקער איבערגאַנג פון פּאָליטיש־טעריטאָריעלער זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאָלק צו אַ גייסטיק־קולטורעלער אַ היסטאָרישער פאַקט, און ער שטעלט זיך ניט אָפּ צו אַנאַליזירן דעם פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט פון דעם דאָזיקן קריזיס און דעם מאָמענט פון אינערלעכער באַפרייאונג און באַפעסטיקונג, ווי עס געפינט אַן אויסדרוק, צום ביישפּיל, אין ש. צ. זעצערס ווערק „די וויכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע"*).

דעם פאַקט, אַז יידן זיינען פאַר דער גאַנצער צייט פון דער גלות אַ היסטאָריש קולטורעלע איינהייט, וועלכע האָט פּרעזערווירט איר גאַנצקייט הויפּטזעכלעך דורך אינערלעכער אויטאָנאָמיע, אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאַרוואַנדלונגען, אָנהויבנדיק פון סנהדרין ביז צו די וועדים, האָט דובנאָוו אַליין פאַרוואַנדלט, מיט זיין גרויסער ערודיציע און טיפן היסטאָרישן געדאַנק אין אַ נייעם געשיכטלעכן פאַקטאָר צו מאָדולירן דעם ווייטערן גורל פון פאָלקס לעבן און וועזן.

אין דעם נייעם קריזיס און איבערגאַנגס־צייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די 1880ער יאָרן ביים רוסישן און מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, און נאָך וועלכן ס'איז געקומען איינער פון די רייכסטע און רייפסטע פּעריאָדן פון אונדזער מאָדערנער געשיכטע, די מערקווירדיקסטע אויפ־לעבונג, ווען דאָס יידנטום האָט געפונען ביי זיך אוצרות פון ווידער־שטאַנד־כוחות און איז באַפרוכטעט געוואָרן מיט נייע און יונגע שאַפנ־דיקע און בליענדיקע כוחות, — האָט דובנאָווס גייסטיקער נאַציאָנאַליזם געגעבן אַ צעמענטירנדיקע און טרייבנדיקע קראַפט.

אונטער די דאָזיקע פאַרכאַפנדיקע אידייען איז דירעקט אָדער אומ־דירעקט פאָרמולירט געוואָרן ביי דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער

---

*) זעט זייט 181.

פּאַרטיי, דעם „בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד״, די פּלאַטפאָרם פון דער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אונטער דעם איינפלוס פון די דאָזיקע אידייען, אילוסטרירט מיט די ביישפּילן און דערפאַרונגען פון דער טויזנט־יעריקער גלות־געשיכטע, וועלכע האָבן באַקומען אַזאַ איבער־צייגנדיקע מאַכט, איז, אין דער צייט פון רוסישן „פּאָליטישן פרילינג״, אַנגענומען געוואָרן דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ פאַר אַלע פּאָליטישע אַספּיראַציעס, פאַר פולע נאַציאָנאַלע רעכט ביי אַלע שאַטירונגען פון אַלע יידישע ריכטונגען.

אַפילו דער ציוניזם, באַזירט אויף דער אַפּלייקענונג פון גלות, איז געצוואונגען געוואָרן אָנצונעמען אַ „קעגנוואַרטס־פּראָגראַם״ פאַר גלות־טעטיקייטן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן האָבן פון דעם פרידנס־טיש באַקומען נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכטן, האָט געקאָנט זיך אויסדוכטן, אַז די נייע און פיל העכערע דעפיניציע פון נאַציע, צו וועלכער דובנאָוו האָט אַזוי פיל ביי־געשטייערט, וועט באַאיינפלוסן אויך דעם פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן נאַציאָנאַליזם און וועט אים מאַכן פיל איידעלער און מאָראַלישער ווי ביז איצט.

ווייזט אָבער אויס, אַז די מענטשהייט איז ניט געווען דערוואַקסן און ראוי פאַר אַזאַ אויסלייטערונג, און מיט דעם היטלעריזם איז דער נאַציאָנאַליזם פאַרזונקען אין דעם זאָאָלאָגישן צושטאַנד.

***

די אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון שמעון דובנאָווס פאָרשונגען און שטודיעס, זיינע אַלץ אומפאַסנדיקערע באַלויכטונגען פון פאַרשידענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, האָבן נאָך אַ פאָר צענדליק יאָר פלייסיקער פּראָדוקטיווער אַרבעט אַרויסגעבראַכט זיין צען־בענדיקע „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״, אַרויסגעגעבן אין בערלין, אין דייטש (אין 1926) — אַלס איבערזעצונג פון רוסישן אָריגינאַל.

מיט זיין נייעם סאָציאָלאָגישן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע, מיט זיין גרויסער ערודיציע, מיט זיין געשיכטלעכער שעפערישקייט און אַלזייטיקייט, האָט דובנאָוו זיך פאַרמאָסטן קעגן אונדזער איינציקן מאָדערנעם היסטאָריקער, וועמענס ווערק איז פאַרבליבן עד־היום די מאָנומענטאַלע יידישע געשיכטע — היינריך גרעץ.

ווירקלעך גרויסע היסטאָריקער זיינען אַ זעלטזאַמע דערשיינונג ביי אַלע פעלקער, ספּעציעל ביי אונדז. איז גרעץ געווען דער מייסטער־

היסטאָריקער, וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פון דעם דייטש־יידישן באָדן און איז געוואָרן אונדזער קלאַסישער היסטאָריקער.

אין תוך גענומען, איז גרעץ געווען אַ ראָמאַנטישער היסטאָריקער, דאָס הייסט, ער איז אָנגעהויכט מיט יענעם פּאַטאָס, וואָס האָט זיך געשאַפן ביי דעם פאַרוועלטלעכטן דייטשישן און מערב־איראָפּעאישן יידנטום פאַר דעם גרויסן יידישן עבר פון דעם יידישן פאָלק, וואָס האָלט אין דיסאינטעגרירן און אַראָפּגיין פון דער געשיכטלעכער אַרענע.

דובנאָוו אָבער איז געווען און פאַרבליבן דווקא אַ רעאַליסטישער היסטאָריקער, זעענדיק פאַר זיך די יידישע געשיכטע ווי אַ קייט פון דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען פון אַ לעבעדיקן פאָלקס־אָרגאַניזם, פאַר וועמען עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז עס זאָל דורכמאַכן פאַרשידענע פאַזן און עטאַפּן, קריטישע מאָמענטן פון דערנידערונג און אויפשטייגונג.

וואָרעם, כל־זמן עס געפינען זיך נאָך געוויסע לעבנס־זאַפטן אין דעם יידישן קאָלעקטיוו, האָט דער יידישער פאָלקס־אָרגאַניזם אַרויסגעוויזן ווידערשטאַנד־כוחות און געפונען נייערע פרישערע קוואַלן פאַר זיין אינערלעכן לעבנס־אויסדרוק.

און דווקא אַלס רעאַליסטישער היסטאָריקער האָט דובנאָוו אויפגעוועקט און געשטאַרקט דעם היסטאָרישן באַוואוסטזיין פון אונדזער צייט אין אַ פיל שטאַרקערער מאָס, ווי עס האָט געקאָנט באַווייזן דער היסטאָריקער גרעץ. חוץ דעם איז דובנאָווס פּאָזיציע אַלס יידישער היסטאָריקער פאַרשטאַרקט דערמיט, וואָס פאַר די העכער פופציק יאָר, וואָס טיילן אים אָפּ פון גרעצס צייט, האָט דער שעפערישער פאָרשער אַריינגענומען אין זיין באַגאַזש אַזעלכע פעריאָדן און מאָמענטן פון דער נייערער געשיכטע, וועלכע זיינען פאַר גרעצן נאָך קיין געשיכטע ניט געווען, אָדער פאַר וועלכע ער האָט קיין געהעריקע געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו ניט געהאַט.

נאַטירלעך זיינען זיינע ווערק ניט פולקאָם, אָבער ער האָט אַ שטויס פאָרויס געגעבן דעם גאַנצן גאַנג פון פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע.

אַ גרויסע צייט האָט אַ גרויסן היסטאָריקער געבאָרן.

ש. צ. זעצער

די וויכטיקסטע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע

(איינדרוקן, באַטראַכטונגען און ראַנד־באַמערקונגען ביים לייענען ש. צ. זעצערס נייעסטן גרויסן ווערק)

1

די גרויסע געשיכטלעכע עפּאָפּייע אין לעבן פון יידישן פאָלק, דער גלות בבל און שיבת ציון, האָט צו זיך קיין פאַרגלייך ניט אין דער וועלט־געשיכטע.

די דאָזיקע אומגעהייער וויכטיקע עפּאָכע איז ניט אַזוי פאַרנעפּלט מיטן מיטאָלאָגישן אָרעאָל ווי די געבורט פון יידישן פאָלק און יציאת־מצרים פון דער כמעט פאַרהיסטאָרישער צייט, אָבער אין תוך און וועזן איז די גלות־בבל עפּאָכע ניט וויניקער — אויב ניט נאָך מער — באַדייטנד.

וואָרעם דאָ איז דאָס יידיש פאָלק, נאָך דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אים געטראָפן, נאָך נבוכדנצרס, דער מלך פון בבל, אָנפאַל און באַזיגן דאָס לאַנד, צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן צו אַ נסיון, פון וועלכן זיין גאַנצער ווייטערדיקער קיום איז אָפּהענגיק געוואָרן.

צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע (עס זיינען שוין דערנאָך געווען פילע אַזעלכע פאַלן) האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געפונען און האָט אָרגאַניש, אינערלעך איבערגעלעבט דעם גרעסטן קריזיס; האָט געפונען אין זיך ווידערשטאַנד־כוחות קעגן אַלערליי פאַקטאָרן און קרעפטן, וואָס האָבן געזוכט צו אונטערגראָבן אים און אוממעגלעך מאַכן זיין ווייטערדיקע פאַרטזעצונג אַלס פאָלק.

די דאָזיקע עפּאָכע האָט שוין איבערגעלאָזט אַ היפּש ביסל צייכנס און רעאַלע שפּורן פאַר דעם היסטאָריקער צו אַנטציפערן, באַזונדערס אין אונדזערע אייגענע מאָנומענטאַלע ווערק פון יענער צייט, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין דער ביבל.

צום ערשטן מאָל, און אפשר צום אייגציקן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע, האָבן מיר פאַר זיך אַן ערשיינונג פון אַ פאָלק, אַ קליין אָרים פאָלק, וואָס געפינט זיך אין זייער אומגינסטיקע אומשטענדן און באַדינגונגען, אויסגעזעצט צו די געפאַרן פון אָנפאַלן און אַטאַקעס פון שונאים און וועלט־דעראָבערער, וואָס ווערט, נאַטירלעך, צעבראָכן און צעטראָטן פון דער גרויסער באַבילאָנישער וועלט־מאַכט, און איז דאָך צוגרונט ניט געגאַנגען, ניט אַראָפּ פון דער אַרענע פון דער געשיכטע.

דאָס אומנאַטירלעכע איז געשען: אַז דאָס דאָזיקע פאָלק, דאָס פאָלק פון יהודה, האָט גאָר גענומען דעם אייגענעם שיקזאַל אין זיינע הענט, האָט איבערגעבויט זיין גאַנץ לעבן און וועזן אויף נייע יסודות און איז לעבן געבליבן פאַר ווייטערער אַנטוויקלונג.

„על פי דרך הטבע": — נאַטירלעכערווייזע, וואָלט געוועזן אַן אַנדער מין גאַנג: אויב דאָס דאָזיקע פאָלק איז ניט אינגאַנצן פאַר־ניכטעט געוואָרן פיזיש, וואָלט עס צו גרונט געגאַנגען אַלס פאָלק און פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם זיגרייכן דעראָבערער.

און אויב אַפילו עס איז קולטורעל, גייסטיק העכער געשטאַנען פון דער באַזיגנדער מאַכט, וואָלט עס גיכער געדאַרפט זיך צענויפמישן מיט זיינע באַהערשער, און אפשר באַהערשן זיינע זיגער מיט זיין העכערער קולטור, ווי עס ווייזן אַ סך היסטאָרישע ביישפּילן.

געשען איז גראָד עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פון אָנהייב אַן אַרייג־געבראַכט אַן אויסנאַם אין דער מענטשלעכער געשיכטע און האָט אָוועקגעשטעלט דאָס יידישע פאָלק אין אַ באַזונדער קאַטעגאָריע, אין אַ קלאַס פאַר זיך.

אָבער די דאָזיקע אויסנאַם אין דער געשיכטע איז, פונדעסטוועגן, אונטערגעוואָרפן געוואָרן צו די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג־געזעצן און האָט דורכגעמאַכט איר אייגענעם עוואָלוציע־גאַנג פון אינערלעכער, אָרגאַנישער אַנטוויקלונג.

אָט די גרויסע, אפשר די גרעסטע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע האָט ש. צ. זעצער אויסגעקליבן פאַרן געביט פון זיינע געשיכטלעכע עסייען *).

זעצער באַזינגט די גרויסע ערדוציע, די נויטיקע געלערזאַמקייט.

---

*) די וויכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע: פון גלות בבל ביז צו חשמונאים תקופה, פון ש. צ. זעצער, ניו יאָרק, 1941־1944, אין פיר בענדער.

זיינע טיפע פאַרשונגען, זיין גרינטלעכער אַנאַליז, זיין גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש שפּיגלען זיך אָפּ אין די חלוקי־דעות אָדער הסכמות, טענות און פּלוגתות מיט אונדזערע ערשטקלאַסיקע געלערנטע און היסטאָריקער. ממילא וועט ער, אַן און פאַר זיך, פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין אונדזער יידישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

אָבער זיין הויפּט־אויפטו מיט די פיר בענד פון זיינע געשיכטלעכע עסייען און שטודיען קאָן מען זען אינעם באַזונדערן צוגאַנג צו אונדזער געשיכטע, און אין דעם אופן, ווי ער פאַסט אויף און נעמט אַרום די גאַנצע עפּאָכע, ווי אַ רינג אין דער קייט פון דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטלעכער קאַריערע פון יידישן פאָלק; דעם וויכ־טיקסטן עטאַפּ פון דעם לעבן פון איינהייטלעכן און פאַראייניקטן יידישן כלל, פון דעם יידישן גייסטיקן אָרגאַניזם, וואָס האָט זיך אייזנפעסט פאַרמירט און אויסגעקריסטאַליזירט און איז טאַקע געוואָרן אַן אומ־צעשטערבאַרער כוח אין דער וועלט־געשיכטע.

אין געשיכטלעכן דענקען קאָנען די צוויי עלעמענטן, אויף וועלכע ס'האָט אָנגעוויזן דער גרויסער היסטאָריאָסאָף (געשיכטלעכער דענקער), פון אונדזער צייט, בענעדעטאָ קראָטשע, דהיינו: אינטואיציע און קאָנצעפּציע, ניט איזאָלירט ווערן, ווייל קאָנקרעט זיינען זיי איינס, און אין דער אומצעטיילבאַרער וואָרהייט ליגט דער אמת פון דער געשיכטע.

אָט זעען מיר דאָך, אַז צו דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון געשיכטע פאָדערט זיך נאָך עכטע קינסטלערישע וויזיאָנען צו דערקלערן די המשבדיקייט, דאָס קייטלען און פאַרבינדן פון דורות־לאַנגן גאַנג פון פאָלקס־לעבן אין דער נאָענטער אָדער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. דאָס מיינט אויך — צו דערזען די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט דאָרט, וואו דאָס לעבן און די געשעענישן זיינען זיך אָפּט סותר איינער דעם אַנדערן אָדער זיינען גלאַט כאַאָטיש אָנגעהויפט, אַפילו נאָך די וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען און קלאַסיפיצירונגען.

די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון אַן עכטן היסטאָריקער און שעפער פון געשיכטע איז זיין אייגענער אַריינבליק אין דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל צו געפינען אויף דאָס ניי אַ קאָנטינואיטעט, אַ המשך און איינהייטלעכקייט. וואָרעם געשיכטע אייגנטלעך איז דאָך ניט נאָר די כראָנאָלאָגישע צוזאַמענשטעלונג, די סאָרטירונג און קלאַסיפיצירונג פון געשעענישן און פאַקטן, וואָס ווערן בלויז וויסנשאַפטלעך אויס־געפאָרשט און אַנאַליזירט, בעת „מ'שרייבט היסטאָריע".

אָן דער אַרכיטעקטאָניש־קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון אַ גרויסן וויזיאָנער, וואָס דרינגט אַריין טיף אין דעם „גאַנג פון די דורות", וועלכער זעט אין דעם גאַנצן געשיכטלעכן מאַטעריאַל אָן איינהייטלעכ־קייט און צוועקמעסיקייט, אַ המשכדיקייט און געקייטלקייט, בכן — אָן דעם פאָלקאָמען בליק פון אַנטוויקלונג, וואָס בלויז דער עכטער קינסטלער און דיכטער פאַרמאָגט עס, קאָן קיין שעפערישע געשיכטע ניט געשריבן ווערן.

מיט דעם חוש פון אַן עכטן שעפערישן היסטאָריקער גייט זעצער צו די אורשפּרינגלעכע קוואַלן, שפּורן און צייכנס, וואָס די גרויסע היסטאָרישע עפּאָכע האָט איבערגעלאָזט אין תנ"ך, ד. ה., אין די מקורות, וואָס זיינען אַמנאָענטסטן אינטים פאַרבונדן מיט איר, און שפּיגלען אָפּ איר ווייטערן גאַנג פון די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, וואָס די ביבל, דער תנ"ך, פאַרמאָגט.

די ביבלישע בילדער ווערן איבערהויפּט צעברעקלט און צע־שטויבט אונטער די הענט פון די מאָדערנע געשיכטע־פאָרשער, באַזירט אויף דער אַזויגערופענער „ביבל־קריטיק".

ביי די דאָזיקע נייע היסטאָריקער, וועלכע שטעלן אַפילו אויף סינטעטיש די געשיכטלעכע עפּאָכע, איז דאָ אַן איבערוועג פון אַנאַ־ליטישן מעטאָד אָן דער באַלעבנדער אידייע, אָן דעם אינערלעכן פּאַטאָס און אינטואיציע אין אַזאַ מאָס, וואָס עס איז נויטיק, כדי אַזאַ תקופה אויפצופּאַסן.

וואָס עס מאַכט זעצערס עסייען אַזוי אָריגינעל און אייגנאַרטיק, איז, דער עיקר, דאָס, אַז ער פאַרמאָגט די דאָזיקע וויזיע פון דעם יידישן פאָלק אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז דאָך דער אייגנט־לעכער העלד פון זיין געשיכטע: וואָס ער לעבט אויף און קאָנקרע־טיזירט די דאָזיקע וויזיע צו אַווירקלעכקייט, צו אַ ממשותדיקער רעאַליטעט מיט אַלע אירע רייכע פאַרבן און ניואַנסן.

„אַ פאָלק, וואָס ווייסט גאָר אינגאַנצן ניט וואָס קדושה און טהרה איז, ביי אַזאַ פאָלק קאָנען קיין נביאים ניט זיין..."", ברענגט זעצער אַרויס אין דער הקדמה צו זיין ווערק.

„אין אַן אַבסאָלוטן מדבר קאָן גאָרניט וואַקסן. אויף זאַמד קאָן מען גאָרניט פאַרזייען. ווי הויך די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק זאָל ניט אויסוואַקסן, קאָן זי דאָך ניט דאָס פאָלק, פון וועלכן זי שטאַמט, ניט איבערוואַקסן. די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק לעבט קיינמאָל ניט אַ

פּאַראַזיטיש לעבן, ווי אַן אויסערלעכער, צוגעשטעלטער גליד, נאָר ווי אייגן פלייש און בלוט פון פאָלק...״

שוין פון אָט די ערשטע אָנדייטונגען קאָן מען קלאָר זען דעם גאַנצן צוגאַנג פון זעצערן צו דער יידישער געשיכטע.

מיט דער אָפּגעפרישטער קראַפט פון זיין וויזיע לאָזט זעצער די ביבל דורכפירן די בילדער און מאָמענטן און דערגענצט מיט זיין סינטעטישן שאַפן די גאַנצע אַטמאָספערע און דערדעדט דאָרט וואו די ביבל קאַרגט; ברענגט דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט, דעם ניט אויס־געשפּראָכענעם מאָטיוו, שטעלט אַוועק אין דער ריכטיקער פּאָזע דעם אָדער אַנדערן יידישן פירער; כאַראַקטעריזירט מיט זיינע אייגענע פאַרבן און באַלויכט אָפט מיט אַ ניי ליכט דעם אָדער יענעם נביא און פּאַסט זיי אַלעמען אַריין אין די ראַמען פון דעם גרויסן כלל, פון וועלכן זיי זיינען אַרויסגעוואַקסן און צו וועמען זיי ווידמען זייערע בעסטע שעפערישע כוחות.

אָט אַזוי גייען פאַר אונדז דורך די בילדער און פיגורן פון ירמיה, יחזקאל, ישעיה ב׳, זרובבל, עזרא ונחמיה א. אז. וו., א. אז. וו.

די וואָרטזאָגער, די פירער און וועגווייזער, די געשטאַלטער פון אַ נייעם נוסח פון יידישן פאָלק.

2

די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק (ווען בבל האָט באַזיגט די מלכות יהודה), אָנשטאָט עס זאָל אים צעברעכן און צו גרונט ברענגען, האָט בלויז חרוב געמאַכט די מלוכה — די פּאָליטישע, מאַטעריעלע, אויסערלעכע זעלבסטשטענדיקייט.

אָבער דאָס פאָלק, אָדער גיכער די שארית הפליטה פון דעם פאָלק, האָט איבערוועלטיקט זיינע גרויסע ליידן, דעם גרויסן צער און יסורים, און איז געלייטערט געוואָרן, אינערלעך באַפעסטיקט, געפינענדיק טרייסט, אַ באַלוינונג און קאָמפּענסאַציע אין דער גייסטיקער וועלט, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט אין זיך, אין דער, אַזוי צו זאָגן, סובלימירונג פון דעם צער און דעראיבערונג פון זייערע פאַראיבערגאַנגענער גלאָריע.

פאַרלאָרן האָבן זיי דעם געצן־דינסט. דאָס דינען צו בעל און עשתרות און אַנדערע אָפּגעטער, מיט וועלכן זיי האָבן אַזוי דערצאָרנט די נביאים, איז איצט אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

סיי ווי סיי איז די דאָזיקע געצנדינעריי, אָדער — ווי ש. צ. זעצער דריקט זיך אויס — דאָס דינען צו דער עבודה זרה, געווען בלויז

אַן אויסערלעכע פאָרעם פון אַסימילאַציע, נאָכקומענדיק גיכער די סאָ־ציאַלע פאָדערונגען אין פאַרקער מיט די אַרומיקע פעלקער.

עס זיינען אַנטשטאַנען ריזן־גייסטער, וועלכע האָבן געהיילט און געטרייסט די נשמה פון פאָלק און האָבן געוויזן די הערלעכע בילדער פון אַ קעניגרייך, וואָס קאָן ניט צוגענומען ווערן פון זיי דורך קיין שום מאַכט; רייכטימער, וואָס קאָנען אָנפילן מיט שטאָלץ און פרייד, וועלכע זיי קאָנען געפינען אין זיך זעלבסט, וואו זיי קאָנען אַריבער־טראָגן אַלע זייערע בעסערע האָפענונגען און אידעאַלע פאַרלאַנגען.

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון אַ יחזקאל, ישעיה ב׳ און אַנדערע נאָכפאָלגער און תלמידים זייערע, וועלכע האָבן דעם פאָלק געהאָלפן צו סובלימירן גייסטיק, איבערקומען אַלץ פסיכאָ־לאָגיש און איבערבויען זיך.

מען דאַרף בלויז איבערלעזן דאָס קאַפּיטל „דער משיח געדאַנק אין דער לעצטער תקופה פון גלות בבל״ אין דעם צווייטן טייל פון זעצערס עסייען — אַן אמתע פאָעמע, אַ סימפאָניע פון געטלעכע טענער, וואָס שפּילט אויס די משיח־אידייע, צו דערזען דעם קולמינאַציע־פּונקט פון אָט דער גייסטיקער ווידערגעבורט און ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק, פון אָט דעם שטייגן פון זיין נשמה צו אַן אַלוועלט־לעכן, אוניווערסאַלן פאַרנעם, ניט אויפגעבנדיק זיין אייגענע אינדי־ווידואַליטעט.

אין דער צייט, וואָס פאַר גלות בבל איז דער משיח אויסדרוק בלויז געווען אַ באַצייכענער פון דעם געזאַלבטן קעניג אין דעם פּרימיטיוון און איינפאַכן זינען פון וואָרט, אָדער אין אַ פּאָר דורות נאָך גלות בבל איז דער משיח געדאַנק פאַרהילט געוואָרן אין נעפּלהאַפטע טעאָסאָפישע און טעאָלאָגישע עלעמענטן, — איז אין בבל האָט דער משיח־געדאַנק זיך דערהויבן ביז די העכסטע הויכן פון אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל און איז אויסגעוואָקסן צו אַ גלויבן אין דעם מענטשן, אַז ער קאָן אַליין זיין גואל זיין.

דערביי פירט זעצער דורך אַ פּאַראַלעל צווישן דעם יידישן משיח געדאַנק און דעם קריסטנטום:

> דאָס יידנטום (אָבער) ווייסט ניט פון (אַזאַ) מבטל זיין די אייגענע פּערזענלעכקייט, פון אַזאַ פּאַטאָלאָגישער פאַרלייקענונג פון דעם איך פון מענטשן, פון אַזאַ סאַדיסטישן שענדן די מענטש־לעכע ווירדע... נאָר אויף איינעם האַלט זיך די קריסטלעכע משיח אידייע...„ער האָט פאַר די זינד פון דער גאַנצער מענטשהייט

געליטן און דורך זיינע ליידן זיינען ווידער אויך אַלע מענטשן באַפרייט געוואָרן״...

אַנדערש אָבער איז די יידישע משיח־אידייע... נאָך די אַלע (שפּעטערע) אַפּאָקאַליפּטישע שילדערונגען, וואָס די יידישע מיס־טיק גיט אונדז... ווערט משיח נאָך אַלץ ניט אַרויסגעשטעלט אַלס דער גורם און דער אָנהאַלט פון אַלעם דעם וואָס לעבט און עקזיסטירט...

דער גאולה מאָמענט קאָן קומען נאָר דורך קאָלעקטיוון איבער־ברעכן זיך, דורך קאָלעקטיוון באַהעפטן זיך צו גאָט.

די יידישע משיח־אידייע איז אין תוך, אַזאַ, אַז יעדער איינער דאַרף זיין משיח זיין... די יידישע משיח־אידייע האָט פאַר זיך סאָציאַל־פּאָליטישע און מאָראַל־פּסיכאָלאָגישע אידעאַלן געהאַט.

דאָס האָט דער נייער מאָראַלישער שוואונג, די סובלימירונג פון דעם גאַנצן איבערגעלעבטן צער און פּיין און פאַרלוסט געגעבן די באַלוינונג דעם יידישן פאָלק פון „באחרית הימים״ אידעאַל, פון ״לא ישא גוי אל גוי חרב״, און פון „וגר זאב עם כבש״, פון „לכו ונלכה אל הר ציון, כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

ווען עס קומט צום נביא, וועלכער איז באַוואוסט אונטערן נאָמען ישעיה ב׳ (צווייטער ישעיה) און זיינע דערהויבענע נביאות — ריידן פאַר זיך אַליין זיינע געניאַלע פּאָעטישע נביאות, און זיי בלייבן ווערטפול און אומשעצבאַר פאַר אַלע צייטן און אַלע דורות און נויטיקן זיך ניט אין קיין שום אינטערפּרעטאַציעס.

אָבער אַ לעבעדיק פאָלק לעבט ניט בלויז מיט פּאָעטישע בלומען, מעגן זיי זיין ווי געניאַל. זיינען אויך אַנטשטאַנען פּראַקטישע אי־דעאַליסטן אין דעם פאָלק, פירער וועלכער האָבן באַוועגט דאָס פאָלק צו מעשים.

אָנפאַנגנדיק פון זרובבל בן שאלתיאל, האָט מען פון בבל געזוכט צו אַריבערפלאַנצן און אויפבויען דאָס פאָלק אויפן אייגענעם באָדן. דערביי איז דער יידישער ישוב אין בבל שטענדיק געווען דער רעזער־וואואַר פון די נייע געשטאַלטונגען פון יידישן פאָלק, פון וואַנען דאָס נייע יידישע לעבן האָט געצויגן זיין יניקה; אַזוי פאַרוויסט, חרוב ומוחרב, איז געווען דאָס אַלטע פאָטערלאַנד.

עס האָט זיך אַזאַ רייכטום פון גייסטיקע כוחות אין יידישן בבל אָנגעקליבן, אַז עס איז געווען גענוג צו ליפערן אויף אויפצושטעלן און

אויפבויען צוריק אַלץ, וואָס איז חרוב געוואָרן, אין אַ נייער פאַר־טיפסטער און אינהאַלטסרייכערער פאָרעם.

דורך די שפּעדישע ריזן פון יידישן בבל — עזרא הסופר און נחמיה — איז דער בנין מיט היפּשע שוועריקייטן דערפירט געוואָרן צו דער פאַרענדיקונג.

מיט עזראן אייגנטלעך איז פאַרזיגלט געוואָרן די נייע געשטאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן שפּעטער ביז צו אַן ענדגילטיקטער פאַרוואַנדלונג פון פאָלק אין דעם „עם הספר".

די אַלע ריינערע און אייגנטימלעכע טענדענצן אין יידישן שטייגער לעבן און אויפפירונג, די אַלע מצוות, חוקים ומשפטים, וועלכן האָבן פון צייט צו צייט געפונען שוין אָפּקלאַנג אין די ווערטער פון די נביאים, ווי עס ווייזט זעצער בנוגע צו יחזקאלס נביאות א. אז. וו., די אַזוי גערופענע תורה שבעל פה, האָט ביז אַ געוויסער מאָס רעגולירט דאָס יידישע לעבן שטענדיק.

אָבער איצטער, אונטער דער ווירקונג און טעטיקייט פון עזראן, האָבן זיי געפונען אַ סאַנקציע און זיינען פאָרמירט געוואָרן אויף אַ געזעצמעסיקן אופן אין דער תורה שבכתב. דער מאָראַלישער ווילקיר, די הפקרות איז אָפּגעווישט און די נייע אָרדענונג איז פאַרפיקסירט געוואָרן.

ווי זאָגט זעצער: „ער (עזרא) האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן דערויף, אַז די אַלע פאַרשידנסטע ווינקלעך פון יידישן לעבן זאָלן פון רעליגיעזע און געזעצגעבנדע נאָרמען פון דער יידישער תורה קאָנטראָ־לירט ווערן".

עזרא האָט עס רעפאָרמירט דאָס יידישע לעבן אינעם אַלטנייעם פאָטערלאַנד, ווי אַן אמתער מחוקק, ווי משה אבי־הנביאים; גערייניקט און געלייטערט דעם אָרגאַניזם זיינעם; פאָרמירט אין קאָנקרעטע פאָרמען די געזעצן, לויט וועלכע עס זאָל געריכטעט ווערן דאָס יידישע פאָלק; האָט געגעבן אינהאַלט דעם נייגעבאָרענעם יידישן גייסט און געשאַפן אינסטיטוציעס פאַר רעכט און גערעכטיקייט. ער האָט דערפירט צו אַ נייעם ברית צווישן דעם פאָלק און דער תורה.

אַליין אַ כהן, איינער פון די פאָרנעמסטע כהנים־משפחות, האָט ער דאָך געבראַכט דערצו, אַז די פירערשאַפט איבערן יידישן פאָלק זאָל איבערגיין פון דעם רשות פון דער בית־המקדש אַריסטאָקראַטיע צו דער תורה אַריסטאָקראַטיע.

זעצער כאַראַקטעריזירט די טעטיקייט פון עזרא אַזוי:

ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געזוכט צו אונטערשטרייכן, אַז דער הויפּט־באַזיס פון יידישקייט זיינען ניט די פּריווילעגיעס אָדער פונקציעס פון דער אָדער יענער קאַסטע, נאָר די קאָלעק־טיווע באַטייליקונג פון דעם גאַנצן פאָלק אין דער דורכפירונג פון די פאַרשריפטן פון דער תורה; אַז דער רוקנביין פון יידישן פאָלק איז ניט די אָדער יענע גרופּע, נאָר די אַלע פאַרשיידנסטע עלעמענטן זיינע.

דאַגעגן איז נחמיה געווען דער פּראַקטישסטער און דערפאָלג־רייכער אַדמיניסטראַטאָר; דער איינפאַכער, גראַדליניקער, תמימות־דיקער מענטש מיט דער איינפאַכער שפּראַך, פול מיט אַקטיוון אימפּעט; איינער וואָס אימפּאָנירט דעם פאָלק מיט דעם לאָזן זיך פילן ווי איינער פון זיי, מיט דעם פּראַקטישן אידעאַליזם און דער פעאיקייט פאַר בויען און אויפבויען, פאַר באַפעסטיקן און אַריינטראָגן געזונטע קערנער און פעסטע יסודות אין אַלץ וואָס ער שטעלט אויף. נחמיה פאַרמאָגט אויך אַ חוש פאַר סאָציאַלן רעכט און גערעכטיקייט.

אַלס ליטעראַריש ווערק, צייכנט זעצערס געשיכטע זיך אויס מיט אירע שטאַרקע, דראַמאַטישע מאָמענטן, מיט די שילדערונגען, אין פעסטע און הערלעכע פאַרבן, פון די שטימונגען, די עליה און ירידה, די האָפע־נונגען און אידעאַלן פון יידישן קאָלעקטיו, און ער דערהויבט זיך באמת צו אַ הויכן פּאָעטישן אויסדרוק פון פּאַטאָס און עקסטאַז, וואָס מאַכט אַזוי לעבעדיק און בולט די תקופה אין דער יידישער געשיכטע. די גלענצענדע היסטאָרישע עסייען זיינען אַ מוסטער פון ליטעראַרישן שאַפן.

אין אַ צייט ווי אונדזערע, ווען דאָס יידיש פאָלק לעבט איבער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט, נאָך אַמאָל אַ גרויזאַמע קאַטאַס־טראָפע און אַ שרעקלעכן קריזיס, קאָן באמת דאָס דאָזיקע ווערק איבער אַ פאַרגאַנגענער גרויסער עפּאָכע דינען אַלס באַלזאַם פאַר די יידישע צעווייטיקטע געמיטער.

ש. ניגער

I

ש. ניגער, דער ליטעראַטור קריטיקער

1

אין דעם פאָרוואָרט צו זיין בוך „וועגן יידישע שרייבער" (דער־שינען אין ווילנע אין 1912) פרעזענטירט דער דאַמאָלסט אויפגעגאַנ־גענער נייער שטערן פון דער יידישער קריטיק מיט באַזונדערער באַ־שיידנקייט דאָס בוך ווי

„די שטודיעס, וואָס זיינען דאָ צונויפגעזאַמלט אין איין בוך און וואָס דער אויטאָר קוקט אויף זיי ווי אויף ליטעראַרישע פּראָ־בעס, פראַגמענטן און אַרבעטן, וואָרעם זיי זיינען ניט פון איין גוס, און עס פעלט נאָך אין זיי קלאָרקייט, איבערזיכטיקייט, שלימות אין דער פאָרעם".

איז אָבער גראָד דער דאָזיקער ערשטער עטאַפּ פון ש. ניגערס גלענצענדער שרייבערשער קאַריערע געווען דער שעפעריש־פרוכט־באַרסטער און פיל־פאַרשפּרעכנדסטער אין דער הינזיכט פון גאַנצקייט און האַרמאָנישן אויסדרוק. מען דאַרף געדענקען, אַז די יידישע לי־טעראַטור־קריטיק איז נאָך דאַן געווען אַ קרקע בתולה, ניט קיין פאַראַקערט און ניט פאַרזייט פעלד. דער יינגסטער צווייג פון דעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן האָט נאָך ניט געהאַט גענוג צייט זיך איינ־וואָרצלען, צו אַנטוויקלען זיך און דיפערענצירן.

לויט אַלע סימנים פון דאָזיקן סאָרט שאַפן זיינען סיי ש. ניגער, סיי בעל־מחשבות, אַלס ליטעראַטור־קריטיקער, נאָך געווען פּיאָנערן. זיי האָבן אַליין געלערנט און געהאָלפן קנעלן מיט יידן דעם ענין לי־טעראַטור; וואָס אַזוינס איז דאָס יידיש שאַפן אין דער קינסטלעריש־

עסטעטישער פאָרעם, און וואָס איז דער נוצן פון אַזאַ שאַפן. איז דאָך, דעמאָלט די גאַנצע ליטעראַטור־קריטיק ניט געווען ביי אונדז אַ צו־פעליקע זאַך, און די קריטישע שרייבער זיינען ניט געווען קיין באַ־רופענע קריטיקער.

די הויפט שעפערישקייט ביים יונגן ש. ניגער איז דאָן באַשטאַנען אין דעם פאַנאַנדערשפּיל פון געדאַנקען, אין שפּראַכלעכער ווירטואָזיטעט, אין דער פרישקייט פון יידישן וואָרט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין, ני־גערס, רעפלעקטירן איבער די יידישע קלאַסיקער און זייערע נאָכפאָל־גער. באַזונדערס צו מענדעלען איז דער נייער קריטיקער צוגעגאַנגען מיט פעסטע און זיכערע טריט. די פאָרטרעטירונג און כאַראַקטערי־זירונג זיינע פון דעם „זיידן", אפשר ניט אַזוי פולקאָם און ברייט אויפ־פאַסנד ווי ביי בעל־מחשבותן, איז דאָך זייער טרעפלעך און געלונגען, מעגלעך דערפאַר, וואָס ניגער האָט געהאַט פאַר זיך דעם רוי־שטאָף פון יידישן קינסטלערישן שאַפן, וועלכער האָט ערשט געהאַלטן אין פראָצעס פון ווערן. איז דאָך מענדעלי מער סאַטיריקער און לערער, דידאַקטיקער, געווען ווי אַ קינסטלער גופא.

פאַר ש. ניגערס שניט איז מענדעליס שאַפן פון אָנהייב אָן געווען אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר זעלבסט־אויסדרוק פון דעם קריטיקער צוליב דער קאָאינצידענט פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע בייגונגען ביי זיי ביידע. ניט אומזיסט קערט זיך ש. ניגער אום ביי יעדער געלעגנהייט אָבער און ווידער אַמאָל צו מענדעליך מיט יוגנטלעכער פאַרליבטקייט מיט פיעטעט און יראת־הכבוד.

בנוגע שלום עליכמען מאַכט שוין אונדזער קריטיקער דורך אַ היפשן טעות־גאַנג און וואַקלעניש, און מוז זיך פאַרכאַפּן און פאַר־ענטפערן פאַר זיין פריצייטיקער קריטיק, פאַר זיין באַגרענעצטן און פעלערהאַפטיקן בליק אויף דעם גרויסן יידישן הומאָריסט און קלאַסי־קער.

...אָבער נאָר ביסלעכווייז, נאָך אַ לאַנגן אינווייניקסטן ישוב־הדעת, איז דער אויטאָר געקומען צו דער אָפּשאַצונג פון שלום עליכם, וועלכער געפינט זיך אין דעם דאָזיקן בוך. פריער איז שלום־עליכמס פאָלקס־גייסט, זיין ניט מאָדערנער אופן שרייבן, און דערהויפּט זיין הומאָריסטיש לעבנס־געפיל מיר ניט געווען גענוג נאָענט, גענוג פאַרשטענדלעך.

איך האָב שוין דאָן (אין 1908 — *ש. ל.*) פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער, אָבער ניט דעם פולן ווערט פון שלום־עליכמס הו־

> מאָר. כ׳האָב נאָך ניט גענוג קלאָר געפילט, אַז אויב סאַטירע איז געזעלשאַפטלעך מער נוצלעך ווי הומאָר, איז דערפאַר אָבער קינסטלעריש הומאָר ניט אין אַן ערך אַ העכערע מדרגה ווי סאַטירע. האָב איך געשריבן: „די ווערק שלום־עליכמס זיינען אָנגעשריבן אַלס הומאָריסטישע; אַלס סאַטירישע דאַרפן זיי ערשט אָנגעשריבן ווערן דורך אַן אַנדערן, ניט דורך אים. ער האָט געשאַפן מאַטעריאַל פאַר אַ סאַטיריקער, אַליין איז ער ניט קיין סאַטיריקער... אַלס גאַנצע מאַכן די ווערק שלום עליכמס... דעם איינדרוק פון פעליעטאָנען: געכאַפט, געיאָגט זיך נאָכן וואָרט, נאָכן ווערטל..."

אָט די עטלעכע אויפריכטיקע באַמערקונגען ריידן ווי גאַנצע ביכער און כאַראַקטעריזירן דעם גאַנצן אויסגאַנגס־פונקט, וואָס איז אייגנטלעך אויך געוואָרן דער הויפט־פונקט פון ש. ניגערס קריטיק, אַפילו אין אירע אַנדערע פאַרוואַנדלונגען און אומוואַנדלונגען.

זייט דער יוגנטלעכער אויסגאַבע פון זיין ווערק „וועגן יידישע שרייבער", האָט ש. ניגער דורכגעמאַכט אַ היפשע שטרעקע פון עטלעכע צענדליק יאָרן פון פראָדוקטיווער פליסיקער און פלייסיקער ליטעראַרישער אַרבעט, פון וויסנשאַפטלעכע פרואוון, פון דערציערישער און זשורנאַליסטיש־פובליציסטישער אַקטיוויטעט און האָט באַוויזן צו פאַרנעמען די פעסטע און בכבודיקסטע פאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

די „יוגנטלעכע העזה", דער פיאָנערישער גייסט, די פרישקייט און צאַפלדיקייט פון שפּראַך־אַפּאַראַט האָבן געגאָלטן פאַר סימנים פון באַזונדערער באַגאַבונג און טאַלאַנט. איז עס מערקווירדיק, אַז ביז זיין אַריבערקומען און אַריבערפלאַנצן זיך אויפן היגן באָדן, האָט ניגער, אַלס קריטיקער, כמעט ניט טעאָרעטיזירט, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן אינטערעס פאַר אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען און רעפלעקסיעס איבער ליטעראַריש־קינסטלערישן שאַפן, זיך ניט פאַרנומען צו שרייבן איבער עסטעטישע לערעס. די אינטעלעקטועלע „היימישע" רעזערוועז און די יוגנטלעכע זיכערקייט זיינען וואַרשיינלעך געניגנד געווען אַלס גרונט פון זיין, אַזוי צו זאָגן, פראַקטישער קריטיק איבער די יידישע קלאַסיקער. זיין באַגאַזש פון אַלגעמיינע ליטעראַטור־קענטעניש איז גענוג געווען אויפצונעמען די עלעמענטאַרע און כמעט פרימיטיווע יידישע ליטעראַרישע ווערק, הגם געשאַפן אָפט פון אַזעלכע סאָציאַלע קינסטלער־פיגורן, ווי אונדזערע ערשטע קלאַסיקער, און קיין

באַזונדערס שווערע פּראָבלעמען האָבן זיי מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט פאַר אים.

אָבער עס האָבן אויסגעבראָכן רעוואָלוציעס און וועלט־קאַטאַסטראָפעס, און זיין פריערדיקער פעסטער באָדן איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונטער אים, און ער איז פאַרטראָגן געוואָרן אויף דעם יידיש־אַמעריקאַנישן באָדן.

שטעלט זיך אַרויס, אַז ש. ניגער האָט, ווייזט אויס, פאַרמאָגט פּאָטענציעל די גרויסע פעאיקייט און באַגאַבונג אויך פאַר ווייטערער אַנטוויקלונג, וועלכע איז דערוויל ניט אַזאַ געוויינלעכע דערשיינונג צווישן אונדזערע אַנדערע קריטיקער און אינטעלעקטואַלן. מיט עלוישער גאונות און גרויסער התמדה האָט ער גענומען שטודירן דעם פאַר־שידנאַרטיקן און קאַלירפולן אויפברויז פון דעם נייערן קינסטלערישן יידישן שאַפן אויך אויף דעם היגן באָדן, און טריט ביי טריט זיך אָנ־געהויבן אָריענטירן, דערקענען פנימער און באַמערקן פערזענלעכקייטן, אויסגעפינען אייגנשאַפטן און אייגנטימלעכקייטן און אַזוי שטאַרק אי־בערוועלטיקן די דערשיטערונג און פאַרטומלונג, אַז ער איז ביכולת געווען צו אומקערן זיך, על כל פנים אויסערלעך, ביז צו אַ געווויסער מאָס, צו זיין נאַטירלעכער זיכערקייט, צום פּאָסטן פון אַ לערער, אַ וועגווייזער, פון אַ דידאַקטישן אויסטייטשער און פאַרשטייער פון אונ־דזער ליטעראַטור.

צוליב דעם איבערברוך אין דעם שעפערישן גאַנג פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס איז געקומען מיט די קאַטאַקליזמען און נאָכווייענישן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אויך די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע געשטאַנען פאַר נייע, פאַר אומגעהייערע פּראָבלעמען.

ניט באַזיצנדיק אַליין קיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט, אָדער יענעם סענסיטיוון זעלישן קאָמפּלעקס, וואָס דערשפירט דעם מינדסטן און צאַרטסטן קלאַנג פון דער פּאָעטישער מוזע, די קאָסמישע אָנונג פון קינסטלערישן שאַפן, האָט ש. ניגער דאָך קריטיש רעאַגירט; און אונטער דעם דרוק פון דעם גרויסן מאָמענט זיך דערנעענטערט, אין זיינע נייע, אויף אים אַרויפגעצוואונגענע אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען, צום ערשטן מקור פון קונסט. דאָס איז געשען אין זיינע כמעט לירישע עסייען, ווי „מאָדערנער מיטאָס", „וועלט ציטערניש" אאַז"וו. אַ היפּש ביסל מליצהדיק קלינגט אפשר איצטער דער דאָזיקער אינטעלעקטועלער „סענטימענטאַליזם" פון אַזאַ מין טיראַדע:

אַז וואויל איז דער נשמה וואָס וועט ווערן אויסגעלאָדן פון אַלע משאות און זיין אָפן פאַר דער שפע פון קומענדע צייטן! אָבער אויף דעם וועג צו אָט דער קומענדער שפע מוזן מיר אַריינזויגן אין זיך די אַלע שרעק און וואַרטענישפולע קלאַנגען וואָס קומען פון אַלע זייטן, פון דער הויך, פון דער נידער, די אַלע גרויסע און אַכזריותדיקע דערפאַרונגען פון די איצטיקע אַלט און רייף מאַכנדיקע, מידע און דרייסטע טעג...

2

די פאַרזייטע און פאַרשפּרייטע קערנער און זאָמען פון ש. ניגערס ליטעראַריש־קריטישן שאַפן אויף דעם נייעם באָדן, דאָ אין אַמעריקע, אין דעם ערשטן צענדליק יאָר האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס צוויי־בענדיק ווערק „לעזער, דיכטער און קריטיקער". (זעט „די געקליבענע שריפטן" פון ש. ניגער, קולטור־פאַרלאַג 1928).

איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ מין סך־הכל פון ש. ניגערס טעאָרעטישער אָדער מער אַבסטראַקטער קריטיק און גיט דעם שליסל צו זיין וויטערער אַנט־וויקלונג און דעם נייעם „קורס", אַן אַנטוויקלונג וועלכע באַשטימט און באַשטעטיקט דעם גאַנצן תוך און תמצית פון זיין ליטעראַטור־קריטיק.

די נייע שפע פון ליטעראַריש־קינסטלערישן שאַפן, וואָס ניגער האָט דאָ אין אַמעריקע אָנגעטראָפן, וועלכע האָט געהאַלטן אין וואַקסן, האָט געמוזט פאַרשאַפן פילע פּראָבלעמען פאַר דעם ערנסטן און אויפ־ריכטיקן קריטיקער, און ער האָט געדאַרפט רעוואָלוציאָניזירן אָדער רעווידירן זיין גאַנצן קריטישן מעטאָד און צוגאַנג צו ליטעראַרישע קונסט־ווערק.

אונדזער קריטיקער האָט ערשט דאָ באַקומען דעם געהעריקן שטויס פאַר זיין אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און איז רייפער געוואָרן אין זיין אויפפאַסונג פון נייע און נייערע דערשיינונגען. ער איז אָבער קיין עקספּאָנענט פון אַ באַזונדערער שיטה אין קינסטלערישן שאַפן, אויף אַן אייגענעם אינדיווידועלן שטייגער, ניט געוואָרן. דער אינטעלעקטו־עלער „פּראָווינציאַליזם" איז, אמת, ביסלעכוויז ביי אים פאַרשוואונדן אויך בנוגע די פאַרשידענע עסטעטישע ריכטונגען אין דער ליטעראַרי־שער קריטיק. ש. ניגער איז געוואָרן דער אָנהענגער פון סעינט־בעיוו, וועלכער באַהויפּטעט, אַז דער קריטיקער איז ניט מער, ווי דער וואָס קאָן אַליין לייענען און קאָן אַנדערע לערנען צו לייענען.

אָבער לייענען (פּאַרטייטשט ש. ניגער) הייסט קאָנען ווערן אָנגעשטעקט פון דעם בוך, וואָס מען לייענט, קאָנען ווערן באַלויכטן פון זיין ליכט, באַשאַטנט פון זיינע שאָטנס. קאָנען לייענען הייסט קאָנען עפענען די נשמה פאַר די שטילע זומען פון דעם אַנדערנס שאַפן, ווי די בלום עפנט זיך פאַר דעם טוי פון דער נאַכט און די שטראַלן פון דער זון. קאָנען לייענען און לערנען דעם אַנדערן לייענען הייסט ניט, ווי פילע מיינען, קאָנען זוכן און לערנען אַנדערע זוכן פעלערן און גרייזן... עס הייסט קאָנען באַגייסטערט ווערן און באַפרוכפּערט ווערן אַליין פון טאַלאַנט, פון גאָטס גאַב, פון דעם הייליקן פונק, אַלץ איינס וואו און ווי ער זאָל זיך ניט אַרויסווייזן.

איז טאַקע פאַר אַזאַ שרייבער ווי ש. ניגער דאָס „לייענען אַ בוך אַן עבודה, אַ הייליקע דינסט, וואָס פאָדערט די העכסטע און ריינסטע כוונות אַזוי ווי שרייבן אַ בוך", אָבער קיין שעפערישן קריטיקער האָט אַזאַ לייענען אַפילו פון אַזאַ באַגאַבטן קריטיקער ניט געמאַכט.

ניט באַזיצנדיק פון אָנהייב אָן דעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט פון אַ קאָנסטרוקטיוון קריטיקער, דעם פלוצעמדיקן אויפבליץ און אויפטויך פון אידייען און בילדער, דעם ספּאָנטאַנעם אויפדעקן דאָס פאַרבאָרגענסע און טיפסטע אין דער נשמה פון פּאָעט, דעם אינטואיטיוון אַריינבליק און מאָמענטאַנעם אַריינדרינגען אין די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון קינסטלער — איז ש. ניגער, נאָך דעם נייעם קריזיס און איבערברוך אין זיין שאַפן, געוואָרן, דער „אינטעלעקטועלער סענטימענטאַליסט", אַזוי צו זאָגן, דער חסיד פון קונסט, וועלכער „פּאַלט אַנטציקט כורעים", לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, פאַרן טאַלאַנט. קיין אָריגינעלער עסטעטישער דענקער, ווי עס ווייזט דאָס ווערק „לעזער, דיכטער און קריטיקער", איז ער ניט געוואָרן, און קיין גרויסע חריפות האָט ער ניט באַוויזן אויך אין זיינע נייע שטודיעס און באַטראַכטונגען פון כל־ערליי עסטעטישע טעאָריעס און קריטישע מעטאָדן, מיט וועלכע ער באַשעפטיקט זיך.

מיט אויפשטעלן און פעסטשטעלן דורך פאַרשיידענע קוואַלן דעם קריטיקער אַלס „געניסער" פון קונסט, איז ש. ניגער, מער ווי וועלכער אַנדערער פאַר אים אין אונדזער ליטעראַטור, צוגעגאַנגען נאָענט צום תוך און תמצית פון ליטעראַרישן קונסט־שאַפן.

אָבער, אַלנפאַלס, האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדזער קריטיקער יענע יוגנטלעכע זיכערקייט, וואָס ער האָט געהאַט פריער, און ס'האָבן אָנ־

געהויבן אַרויסטרעטן ווידערשפּרוכן, סתּירות, אין דעם ווייטערן גאַנג פון זיין שאַפן. אַפילו זיין סטיל, דער שפּראַכלעכער אינסטרומענט, וואָס איז געווען אַזוי דערפרישנד דערפינדעריש, אַריינברענגענדיק אַ שפּע פון באַנייאונג דורך שפּילעוודיקייט מיט אַנטיטעזן און מיינונג־פאַרשידנקייט פון וואָרט און אידייען, איז געוואָרן אַן אויסגעריבענע מטבע, אַ טענדענץ צו אונטערשטרייכן ווערטער און מסביר זיין געדאַנקען, ניט זאָרגנדיק זיך פאַר אָריגינאַלקייט און שעפערישקייט. דערפאַר קאָנען אומציילִיקע שטעלן אין זיינע ביכער און עסייען פאַרראַטן דעם עלעמענטאַר דידאַקטישן טאָן און כאַראַקטער פון ניגערס קריטיק, אַפילו ווען ער דערקלערט זיך אין הייסער ליבע צום קינסטלער און צו פּאָעטישע קונסטווערק.

די נייע אויפפאַסונג פון ליטעראַטור־קריטיקער, ווי אַ „געניסער״ פון קונסט, וועלכער שאַפט קריטיק אַלס אַ באַזונדער מין קונסט, וואָס ש. ניגער האָט געלערנט און איבערגענומען פון די גרויסע גייסטער אין דער ליטעראַטור, וואָלט געקאָנט ווערן אַ פרוכטבאַרער, שעפערישער כוח פאַר דעם קריטיקער, אויב ער אַליין וואָלט געווען באַגאַבט מיט די אייגנשאַפטן פון די רעגנדע און סטימולירנדע עלעמענטן פון קונסט. אָבער ניט קענענדיק ענדערן זיין אייגענע נאַטור, איז ער, טאַקע, אויפן וועג צו אַדאָפּטירן דעם דאָזיקן נייעם „קורס״ אין קריטישן שאַפן, אַריינגעפאַלן אין אַ פּלאָנטער.

טעאָרעטיש — מיט זיין באַגאַבטן אינטעלעקט, אָדער אַפילו עמאָציאָנעל באַזונדערס — אַריינפאַלנדיק אין סענטימענטאַליזם, איז ער דערגאַנגען צו דער עסטעטישער קריטיק. אָבער דאָרטן וואו ער דאַרף אַליין אין דער פּראַקטיק, אַזוי צו זאָגן, רעאַגירן און אויפנעמען מיט זיין אייגענעם גייסטיקן אַפּאַראַט אָט די קונסטווערק, פון וועלכע ער זאָל האָבן „גענאָסן״, בכדי צו שאַפן זיין קינסטלערישע קריטיק, איז ער גיכער געווען און פאַרבליבן פאָרט נאָר דער פאַרטייטשער און אויסטייטשער, דער מפרש פון הלכות קונסט, דער לערער און דערציער.

נאַטירלעך, נעמט עס ניט צו דעם אַזוי אויך אומגעהייער גרויסן פאַרדינסט פון זיין קריטיק פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער, ווי עס שיינט, איז ש. ניגער אַליין וואַך פאַר די סתּירות צווישן זיין קונסט־אויפפאַסונג אין זיין קינסטלערישן רעפלעקס, און ער פילט זיך אָפט ניט גאָר גליקלעך מיט דער „כתר הקריטיק״. ער גע־

פינט צופיל פּראָבלעמען צו קאָנען זיי לייזן אָדער פּטור ווערן פון זיי, און מוז אַפילו אָנקומען צו אַפּאָלאָגעטיק:

אַזאַ מין אומגליקלעכער קהלשער מענטש איז דער קריטיקער. ער האָט זיך איינגערעדט, אָדער אַנדערע האָבן אים איינגערעדט, אַז אויף אים האַלט זיך די וועלט (וויניקסטנס די וועלט פון ליטעראַטור): ער קאָן זי חרוב מאַכן און אויפבויען. אין דער ליטעראַטור, ווען אַלץ איז גוט און גלאַט, פאַרגעסט מען אין אים. אָבער נאָר ווען עס איז עפּעס אַ צרה אָדער מען מיינט, אַז עס איז אַ צרה, ווי נאָר עס איז עפּעס ניט גלאַט, קומט מען צו אים מיט טענות: סטייטש, ווי דערלאָזט מען עס? וואָס מישט ער זיך ניט אַריין? ווער זאָל עס טאָן אויב ניט ער? צו וואָס דאַרף מען אים איינגאַנצן, אויב ער זאָל ניט שטיין אויף דער וואַך?... אאַז"וו. אָדער ווען איינער זאָגט עפּעס אין גראַמען אָדער אָן גראַמען, נאָר אין פּערזן... איז עס פּראָדוקטיוו, שעפעריש קינסטלעריש אאַז"וו. אָבער דער וואָס זאַמלט אויף איינציקע שטריכן און מאַכט פון זיי אַ בילד, דער וואָס שפּינט אויס די פיינסטע געדאַנקען־פעדים, פאַרוועבט זיי און פאַרוואַרפט זיי, ווי נעצן, אין די טיפענישן פון אַ גרויסן גייסט, און ציט אַרויס פון דאָרטן אַ לעבן, אַ פּערזענלעכקייט, אַ וועלט אַ גאַנצע — דער איז אַ פּאַראַזיט, אַ גאָרניט.

אַזוי ווערט עס ש. ניגער אייפעריק אויף זיין שאַפן, אָבער מ'זעט בחוש, אַז ס'איז גיכער אַ פאַראַנטפערונג צו רעכטפערטיקן און באַרעכטיקן זיין ראָל אַלס קריטיקער.

3

פון איין זייט האָט ש. ניגער, ווי מ'זעט פון זיין צווייבענדיק ווערק, „לעזער, דיכטער און קריטיקער", פאַר זיך דעם אידעאַל פון אַ קריטיקער, לויטן מוסטער פון געאָרג בראַנדעס, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז „דער יסוד פון יעדער קריטיק איז אינטואיציע".

פאָלגלעך זעט ער די פונקציע פון דעם קריטיקער אַלס זעלבסטשטענדיקער שאַפער וואָס אונטערשיידט זיך לחלוטין פון דעם אייגנטלעכן קינסטלעריש פּאָעטישן שאַפער. ער גייט אַזוי ווייט אַפילו ווי אָפּצוזאָגן דעם קינסטלער און דיכטער די פעאיקייט צו האָבן אַ קריטישן

בליק אויף זיך זעלבסט אָדער אַנדערע קינסטלער ווי מיר האָבן עס געזען, למשל, אין זיין פּאָלעמיק מיט דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקי.

ש. ניגער ציטירט בראַנדעסן:

אַפילו נאָך לאַנגער און איינגעשפּאַרטער אַרבעט, ווען דער קריטיקער זעט, אַז ער האָט שוין דורכאויס באַהערשט זיין קעגנ־שטאַנד, איז ער נאָך אַלץ ניט געקומען צו דער מדרגה, ווען ער קאָן זיך נעמען פאַר דער אמתער אַרבעט — און ער וויל זיך ניט זעצן שרייבן, וואו ער וועט ניט דערפילן, אַז אין אים לעבן יענע פּערזאָנען, וועלכע ער קלייבט זיך צו כאַראַקטעריזירן און אָפּט קומט אים אויס צו וואַרטן דערויף חדשים לאַנג. אָבער ווען ער דערוואַרט זיך און אים געלינגט די אַרבעט, קאָן ער אַמאָל שאַפן אַזוינס, וואָס אַ ווערק פון פּאָעזיע וועט זיך ניט קאָנען גלייכן דער־מיט. אַפילו דאַן ווען אַ פּאָעטיש ווערק איז העכער מיט זיין פרישׂ־קייט און שיינקייט — זעען מיר אָבער זעלטן, אָדער גאָר קיינמאָל ניט, אַז אַ פּאָעט זאָל קאָנען אויסמאָלן פאַר אונדז דעם גייסט פון אַ מענטשן מיט אַזאַ קלאָרקייט און אָריגינעלקייט, ווי דאָס איז מעגלעך אין דער קריטיק. פּאָעזיע שילדערט כאַראַקטערן און האַנדלונג, אָבער ניט דעם לעבן פון שעפערישן און פילאָזאָפישן גייסט, און זעלטענער פון אַלץ מאָלט זי דעם געניע...

אַזוי אַרום איז ש. ניגער זיך סומך אויף די אויטאָריטעטן פון גרויסע קריטיקער און עסטעטישע דענקער און דרינגט אַרויס, אַז דער דיכטער און קינסטלער קאָן געוויינלעך קיין קריטיקער ניט זיין, ווייל „אין דער קונסט האָט ער ניט יענע שוואַכקייט, וועלכע איז דעם קריטיקערס קראַפט — די שוואַכקייט פון דילעטאַנטיזם, פון בויגעווו־דיקייט און בייטעוודיקייט"... פונדעסטוועגן שטעלט ער זיך ניט אָפּ פון דער צווייטער זייט אויך צו ברייננען ראיות פון גרויסע דיכטער ווי אָסקאַר ווײַלד און היינריך היינע און אַנדערע פּאָעטישע גייסטער צו באַשטעטיקן די זעלבע שטעלונג זיינע בנוגע קריטיק און קינסטלער. עס איז, ווייזט אויס, געוואָרן אַן אינערלעכע סתירה אין ש. ניגערס קריטישער אויפפאַסונג.

אָבער, פון דער צווייטער זייט, ווי געזאָגט, ברענגט ער ראיות פון גרויסע דיכטער און פּאָעטישע גייסטער, ווי אַ ווײַלד און אַ היינע,

וואָס זאָלן באַשטעטיקן דווקא דעם כאַראַקטער פון קריטישן שאַפן, כדי כלומרשט אָפּזאָגן דעם דיכטער דאָס רעכט צו שרייבן קריטיק.

און עס איז אַ גרויסע פּליאה וואָס אונדזער חשובער קריטיקער האָט אין זיינע גרינטלעכע שטודיעס וועגן ליטעראַטור־קריטיק זיך ניט אָנגע־שטויסן אָדער איגנאָרירט דעם מערקווירדיקן פאַקט וואָס גאָר גרויסע פּאָעטישע גייסטער ווי שילער, קאָלערידזש אָדער אַנאַטאָל פראַנס א. א. האָבן גראָדע גענומען די איניציאַטיוו פאַר עכטע שעפערישע קריטיק. זיי, די גרויסע קינסטלער און קריטיקער פון לעבן, האָבן אויך געוויזן דעם וועג פאַר דעם קאָנסטרוקטיוו־שעפערישן קריטיקער ווי אַזוי אָפּ־צורופן זיך אויף קונסטווערק, ווי אַזוי זיך אינטים באַהעפטן מיט דעם אָביעקט פון קריטיק און אַרויסברענגען דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין אים, און האָבן דערמיט אַליין שוין די טעאָריע פון דעם אויסשליסלעכן „געניסער־קריטיקער" געמאַכט פאַר אומוויכטיק און אומריכטיק. און יענע „דילעטאַנטישע", בלויז געניסערישע, קריטיק אַליין, איז טאַקע ניט ביכולת אַרויסצוברענגען אָריגינעלע אינדיווי־דועלע שאַפונגען טאַקע צוליב דעם דילעטאַנטיזם, ווארעם יעדעס שאַפן איז דאָך קאָנצענטרירט, באַגרענעצט און באַשרענקט מיט דער אינדיווידואליטעט פון שעפער און קריטיקער.

אויב בעל מחשבות, למשל, האָט ניט אויפגעפאַסט געהעריק אונ־דזער גרויסן י. ל. פּרץ *), איז אפשר דאָס גאַנץ נאַטירלעך געווען, ווייל די דיכטער און קלאַסיקער אונדזערע, מיט וועלכע ער איז דורכגע־דרונגען, זיינען אים געווען אינטים נאָענטער, פּונקט ווי ש. ניגערן אַליין זיינען די עלטערע קלאַסיקער פיל פאַרשטענדלעכער, ווי די יינגערע און יינגסטע קינסטלער אונדזערע.

נאָך אַלעמען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די נייע אַנטוויקלונג פון אונדזער חשובן קריטיקער, כאָטש זי האָט אים טיפער און רייכער געמאַכט, האָט אים בלויז געגעבן גענוג גייסטיקע און עמאָציאָנעלע כוחות אויף צו צוקומען נאָענטער צו דער נייער קינסטלערישער יידי־שער שעפערישער פערזענלעכקייט, וועלכע האָט אין איר קאָמפּלי־צירטקייט און פאַרשידנאַרטיקייט ווייט אַריבערגעשפּריזט דעם שמאָלן שטח פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. און גאַנץ אָפט איז דאָס נייע קינסטלעריש שאַפן געוואָרן פאַר ש. ניגערן גאַנץ פּראָבלע־

*) פאַר פילע יאָרן האָט ש. ניגער זיך אָפּגעגעבן מיט י. ל. פּרצס שאַפן און האָט ערשט פאַרעפנטלעכט אַ פּרץ־מאָנאָגראַפיע.

מאַטיש, ד. ה. עס האָט זיך פּשוט אַרויסגעגליטשט און איז פאַר־שוואונדן פון זיין גייסטיקן בליק, באַזונדערס אין דעם עיקרדיקן תוך און וועזן, און זיין קריטיק איז געוואָרן טרוקענע אַבסטראַקציע, חקירות און הוילע ראַציאָנאַליזירונג.

אין אַזעלכע פאַלן האָט ביי אים אויסגעפעלט די קינסטלערישע וויזיע, די אינטימע אינערלעכע פאַרוואַנדשאַפט מיט דעם אָביעקט פון קריטיק, אָדער גאָר — דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען זיינע עסייען וועגן ל. שאַפּירא אָדער אונדזער גרויסן דיכטער לייוויק, פון אַזאַ מין וואָס, אַנשטאָט צו באַלויכטן, פאַרפלאָנטערן זיי נאָך מער די דאָזיקע אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע דערשיינונגען.

די גאַנצע פּלעיאַדע פון די אַזוי־גערופענע „יונגע" קינסטלערישע שעפער און פּאָעטישע גייסטער האָט ניט געפונען זייער תיקון אין דער קריטיק אין דער גאַנצער באַלויכטונג פון ש. ניגער.

היוצא לנו מזה: מען מוז קומען צו דעם באַשלוס, אַז מ'דאַרף ניט זוכן ש. ניגערס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין קאָנסטרוקטיווער שעפערישער קריטיק און אין דעם אויפדעקן און באַלויכטן אונדזער נייע און גרויסע שפע פון קינסטלערישן שאַפן, נאָר אין דער ערנסטקייט און די הויכע פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט אַרויס; אין זיין אויפריכטיקייט און אויטאָריטעט, אין דער באַגאַבט־קייט פון זיין הויכן אינטעלעקט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, מיט וועלכן ער האָט געהאָלפן צו פאַרטרייבן און אָפּצושאַפן אינגאַנצן די מבינות־זאַגעריי, דאָס צופעליקע שרייבן און פאַרחידושן זיך פאַר קינסטלעריש־ליטעראַרישן שאַפן.

דער לאַנגער אויסדויער און די געוויסנהאַפטיקע אָביעקטיווע ווידמונג צו די אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן ש. ניגערן געמאַכט פאַר דעם פּאַכמאַן, דעם קריטיקער ביי אונדז, הגם אָן דער אייגנטלעכער אינטימער אָנגעהעריקייט און פאַרבינדונג מיטן קינסטלערישן פּראָצעס פון שאַפן, וואָס זאָל מאַכן זיין השפעה אַזויווירקזאַם און אַזוי דויערהאַפט ווי זי וואָלט געקאָנט זיין. דערפאַר טאַקע זיינען אַזעלכע נייערע דערשיינונגען, ווי למשל, די „אינזיכיס־טישע" אָדער פון דער „פּראָלעטאַרישער" ריכטונג, אונדזער קרי־טיקער ווייניק וואָס שולדיק געווען מיט זייער פאַרמירן זיך, מיט זייער אויפקום און אויפגאַנג.

כאָטש ש. ניגערס ווייטערע קאַריערע ביז לעצטנס, אַלס ליטעראַ־טור־קריטיקער, איז זייער אַ פּרוכטבאַרע און איז אַ ברכה פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אַליין זיך אָפּגעשטעלט און איז שוין ווייטער ניט געגאַנגען זייט זיין ערשטער אומוואַנדלונג און דעם אי־בערברוך, וואָס ער האָט דאָ אויף דעם אַמעריקאַניש־יידישן באָדן דורכגעמאַכט, ווי עס ווייזן זיינע אומצייליקע צעשפּרייטע עסייען און ניט צונויפגעזאַמלטע קריטישע איבערזיכטן פאַר די לעצטע דרייסיק־פערציק יאָרן.

דער עיקר אָבער האָט ש. ניגער מיט זיין לעבנס־ווערק אויפ־געבויט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק, אָנהייבנדיק כמעט אַלס פּיאָנער פון דעם דאָזיקן צווייג פון ליטעראַרישן שאַפן ביי אונדז, און צו־גרייטנדיק דאָס דאָזיקע פעלד פאַר גרעסערע אַנטוויקלונגען און די־פערענצירונגען, פאַר דער גרויסער שעפערישער אַרבעט, וואָס שטייט דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק ערשט פאַר.

II

ש. ניגערס לייוויק־מאָנאָגראַפיע

צו דעם וואונדערבאַרן אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, און דער פּאָעזיע בפרט, צום וואוקס פון די גרויס־אַנטוויקלטע, כמעט ריזיקע כוחות אין איר, — איז אונדזער ליטעראַטור־קריטיק נאָך אַלץ ניט דערוואַקסן.

אַ פּערשפּעקטיקטער פּראָדוקט פון ליטעראַרישן שאַפן, איז די קריטיק פאַרבליבן הינטערשטעליק אפילו אין איר אייגענעם פאַרמעסט און פאַרנעם. גרעסערע, אומפאַסנדיקע ווערק, מאָנאָגראַפישע פאָר־שונגען פון אונדזערע וויכטיקסטע וואָרט־קינסטלער, זיינען אין תוך ביי אונדז אַ זעלטנקייט. און דאָס אין אַ צייט, ווען דער לאַנגאָטעמדיקער ראָמאַן, די גרויסצוגיקע עפּישע, אָדער דראַמאַטישע פּאָעמע, האָבן זיך שוין דערוואָרבן אין אונדזער יונגער ליטעראַטור אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט.

במילא איז דאָס דערשיינען פון אַזאַ מאָנאָגראַפישן ווערק ווי ש.

ניגערס וועגן אונדזער באַרימטן דיכטער לייוויק אַ דערפרייענדיקער פאַקט *).

דערצו איז נאָך דאָס בוך אַ פּראָדוקט פון דעם מחברס פּיליאַריקן נאָכפאָלגן טריט נאָך טריט און אויספאָרשן די רייכע פּאָעטישע קאַריערע פון איינעם פון די גרויסע דיכטער פון אונדזער דור, און אפשר ניט נאָר פון אונדזער תקופה אַליין.

און געשריבן איז דאָס בוך פון דעם ביי אונדז כמעט קלאַסיש געוואָרענעם, נאָך בעל־מחשבותן, ליטעראַטור־קריטיקער. ער פאַרמאָגט סיי אַ גרויסן אַקומולירטן וויסן, וואָס איז דאָך נייטיק פאַר יעדער מאָנומענטאַלער מאָנאָגראַפיע, סיי די דערקענטעניש און נאָענטע, כמעט אינטימע באַקאַנטשאַפט מיטן וואָרט־מייסטער, וואָס זיין לעבן און שאַפן דאָס ווערק שילדערט און אַנאַליזירט.

שרייבט ניגער אין זיין אַריינפיר:

איינע פון מיינע הויפּטציילן איז צו ווייזן ווי לייוויקס קינסט־לערשאַפט, ווי די מאַכט פון זיין פּאָעטישן וואָרט, איז געוואַקסן אינאיינעם מיט זיין גלויבן אין לעבן און זיין אָפּטער זאָגן אים יע; ווי זיין פערד איז געוואָרן אַלץ אָנגעלאָדענער, פולער, רייפער און רייפער, וואָס באַשטימטער עס איז געוואָרן זיין יע און וואָס איינגעשפּאַנטער זיין קאַמף פאַרן יע".

און ווייל ש. ניגער, אַלס חסיד פונעם סענטבעווישן ביאָגראַפיש־פּסיכאָלאָגישן מעטאָד, האַלט אַז דאָס פּאָעטיש שאַפן איז דער וואוקס און אויסדרוק פון דיכטערס אינדיווידואַליטעט, פון זיין איך, פון זיין פּערזענלעכקייט, פון זיינע פּערזענלעכע עמאָציעס און דערפאַרונגען, — זעט ער אין לייוויקן דעם איך־פּאָעט אין אַלע אומוואַנדלונגען און גלגולים פון זיין פּאָעטישן גייסט, אין אַלע באַזונדערע צענטערן און קאָמפּלעקסן פון זיין שאַפן.

אין לייוויקס קאַטאָרגע־און־סיביר לידער, אין „הינטערן שלאָס", „ערגעץ ווייט אויף די וועגן סיבירער", אין „שניי־לידער", און שפּע־טער, אין „די לידער פון אומקום", ווייזט אונדז אָן ניגער אויף אָט־אַזאַ שטריך. אין די אַלע פּאָעטישע שאַפונגען איז כמעט ניטאָ קיין

*) ש. ניגער: ה. לייוויק (1888־1948), טאָראָנטאָ, תשי"א, גרשון פּאַמעראַנץ פאַרלאַג, זז. 501.

אַנצוהערעניש אויף מאָטיוון פון פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף; נאָר עס שפּירט זיך אין זיי דעם פּאָעטס פּערזענלעכע פאַרביטערטקייט, זיינע ליידן און פּיין, דאָס גרויזאַמע לעבן און די אכזריותדיקע דערפאַרונגען.

די בענקשאַפט נאָך פרייהייט, וואָס געפינט אַן אָפּקלאַנג אינעם דאָזיקן פּאָעטישן שאַפן, איז אַ ריין אינערוויניקסטע, אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג. דעם טעזיס, די צענטראַלע באַהויפּטונג, אַז לייוויקס „פּערזענלעכע, עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע איבער־לעבונגען שאַפן דעם ,הייזון׳, ווען ניט אַלעמאָל דעם ,טייג׳, פאַר זיינע ווערק״, פירט פאָר אונדז דורך דער קריטיקער, ש. ניגער, אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון זיין ווערק. ער שטרייכט אונטער און באַשטעטיקט מיט אומצייליקע ציטאַטן פון ה. לייוויקס פּאָעטישן שאַפן דעם ספּעציעלן אינדיווידועלן כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע.

אמת, שוין אין די ערשטע פּאָגראָם־פּאָעמעס („ער״, „די שטאָט״, „דער וואָלף״, „אַ קראַנקער צימער״) אָדער אין „גולם״, האָט דער פּאָעט... געמאַכט זיין ערשטן „דרייסטען״ פּרוּוו אַרויסצוגיין פון די גרענעצן פון איך־ליד. פונדעסטוועגן האָט ער דאָך ניט אויפגעהערט צו „דרייען זיך ווי אין אַ חלום אַרום זיין אייגענער זעל״. און די גרויסע דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם״ איז אין תוך אַ לירישע פּאָעמע, און דעם דיכטערס אייגענע זעל איז געווען און פאַרבליבן די נשמה פון זיין פּאָעזיע.

נאָך דעם ליריש־סימבאָלישן ראָמאַנטישן פּאַזיס אין לייוויקס שאַפן קומט פאָר אַן אָביעקטיוויזירונג, וואו דער קינסטלערישער איך באַמיט זיך צו צענויפגיסן און אידענטיפיצירן זיך מיטן כלל־איך. לייוויק גייט אַריבער צו שאַפן זיינע רעאַליסטישע דראַמעס („שמאַטעס״, „די אָרימע מלוכה״, „באַנקראָט״, „שאָפּ״ און „הערש לעקערט״) און שטייגט צו די גרויסע דערגרייכונגען אין זיין דראַמאַטישן שאַפן.

אָבער לייוויקס רעאַליזם איז אויך אַ לירישער רעאַליזם און זיין דראַמע איז געבויט אויף די אינערלעכע טיפע קאָנפליקטן, וואָס ווייזט בלויז די „אַנדערשקייט און יחידישקייט פון זיינע העלדן״. „הירש לעקערט״, למשל, איז דאָך געשריבן אין די פּערזן און איז מער אַ פּאָעמע ווי אַ דראַמע; אַ פּאָעמע, וואו לייוויקס פּאָעטישער איך האָט געזוכט און געפונען פאַר זיך אַן אויסדרוק — און, נאַטירלעך, פאַרמאָגט די פּאָעמע ליריזם.

יע, אַפילו ווען לייוויק האָט זיך גענומען דערנענטערן צום „סאָציאַ־

ליסטישן רעאַליזם״ און האָט געשאַפֿן סאָציאַלע פּאָעזיע, איז אויך דער עיקר ביי אים געווען „דעם מענטשנס נשמה־לעבן, זיין ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, זיין זוכן אַ תיקון פֿאַר זיך אַליין און שטרעבן צו שלימות״.

ש. ניגער באַהויפּטעט ווייטער, אַז אין דער צייט אַפילו ווען לייוויק האָט געשאַפֿן ריינע סאָציאַלע פּאָעזיע, „איז ער טיף עמאָציאָנעל אַנגעלאָדן, און ווי יעטווידע אַנדערע אינטענסיווע פּערזענלעכע איבער־לעבונג לאָדט ער זי אויס ליריש״... (זייט 271). דער סאַמע עצם פֿון לייוויקס פּאָעזיע איז דאָס, אַז זי האָט תמיד געטראָגן די טיפֿע שפּורן און סימנים, אויב ניט דעם גאַנצן כאַראַקטער פֿון זיין טיף אינערלעכן אינדיווידועלן גייסט.

אַזוי, באַזירט אויף אַ רייכן מאַטעריאַל פֿון אילוסטראַציעס און ציטאַטן, וועלכע ער ווידערהאָלט אַפילו אַמאָל צוליב עפֿעקט, פֿירט ש. ניגער דעם לייענער דורך אַלע פֿאַזן פֿון לייוויקס פּאָעטישן שאַפֿן און בז״ענגט פֿאַר אונדז אַרויס דאָס פֿולע און כמעט פֿאָלקאָמע בילד פֿונעם איך־דיכטער, און דערפֿירט אים ביזן אַפּאָטעאָז פֿון זיינע „גן־עדן לידער״ און „דער באַלאַדע פֿון דענווער סאַניטאַריום״.

צייטנווייז פֿאַרווישן זיך די גרענעצן פֿון איך און ניט־איך ביי לייוויקן וואו ער גיסט זיך צענויף מיט דעם כלל־איך, מיט די נאַציאָ־נאַלע און סאָציאַלע עלעמענטן.

אָבער אויך דאַן פֿאַרלירט ער ניט אינגאַנצן זיין אייגענעם איך און קערט זיך אום אָבער און ווידער צום אייגענעם ריינעם אינערלעכן קוואַל פֿון שאַפֿן, צו זיינע אייגענע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען. פּאַראַלעל צום „גולם״ און „גאולה קאָמעדיע״ שרייבט לייוויק זיינע לידער „פֿון קיינעמס לאַנד״, און „פֿון אומקום״, און אַנט־קעגן זיינע מיסטיש־דראַמאַטישע פּאָעמען „מהר״ם פֿון ראָטענבערג״ און די „חתונה אין פֿערנוואַלד״, שאַפֿט ער די „גן־עדן לידער״ און „איך טרעבלינקע בין איך ניט געווען״.

**
*

ש. ניגער, דער „פֿלייסיקער לייענער און פֿאָרשער״ פֿון לייוויקס פּאָעטישן שאַפֿן, האָט אין זיין בוך איצט ניט רעווידירט זיינע פֿריער־דיקע אויפֿפֿאַסונגען און האָט איבערגעלאָזט ריסן און בלויזן איז זיין עצם קריטיק.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז די ערשטע פֿאַזע פֿון לייוויקס פּאָעטישן שאַפֿן אויפֿן אַמעריקאַנישן באָדן געווען און פֿאַרבליבן פֿאַר אונדזער

קריטיקער אַ אומפאַרשטענדלעכע רעטעניש, אַ מין סתרי־תורה. ער באַטאָנט:

> לייוויק האָט געהאַט און האָט פסיכישע דערפאַרונגען, וועלכע זיינען אונדז אָפטמאָל גאָרניט פאַרשטענדלעך. ער האָט געחלומט חלומות, וואָס אונדז האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט געחלומט, ער האָט געזען זעאונגען, וואָס מיר האָבן זיי ניט געזען.

און ניגער גיט נאָך צו:

> דאָס מאַכט זיין שאַפן פאַר דער האַרבסטער סוגיא אין דער יידישער ליטעראַטור. (ז. 288).

האָבן מיר טאַקע ביי ניגערן אַזוי פיל פירושים און אויסטייטשונגען, אמתע חריפות און ליטעראַרישע לומדות אין דעם־אָ בוך. (אַ באַזונדער קאַפּיטל טראָגט אַפילו דעם נאָמען: אַ פירוש אויפן „גולם״).

אין דעם „נייעם מיטאָס״, מיט וועלכן ניגער האָט, אַזוי צו זאָגן, מחלל געווען זיין „אימאַנענטע קריטיק״, ווי ער דעפינירט זי אַליין ערגעץ אַנדערש, שאַפט ער אַ פאָרמולע צו אַריינפּאַסן די נייע און נייערע לייוויקס שאַפונגען, אַזוי גוט ווי די פון אַנדערע שרייבער, אַנשטאָט צו לאָזן דאָס קינסטלעריש־פּאָעטישע שאַפן צו ריידן פאַר זיך אַליין.

חוץ דעם זעען מיר, אפשר צום ערשטן מאָל, אין אָט־דעם ווערק ווי ניגער וויכט אָפּ פון דעם אומפּערזענלעכן אָביעקטיוו־קריטישן אויסדרוק. מיר טרעפן אים אָפט באַטאָנען און אַרויסרוקן אין סאַמע פאָדער־גרונט זיינע אייגענע, פּערזענלעכע איינדרוקן, דירעקטע אימ־פּרעסיעס, אייגענע השערות און אָנדייטונגען, סימפּאַטיעס און אַנטי־פּאַטיעס.

דער עיקר: ס׳פעלט צומאָל אויס דער פעסטער קריטישער באָדן און עס וואַקלען זיך די יסודות פון זיין אַנאַליז (למשל, אויף ז. 142 שטויסן מיר זיך אָן אויף אַזאַ אַפּאָלאָגעטישן אויסדרוק: „איך בעט דעם לעזער ניט אָננעמען פאַר מליצה״...). דאָס גאַנצע בילד, וואָס מיר באַקומען פון לייוויקס גרויסער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן, איז ניט באַפליגלט מיט יענער שעפערישער פאַנטאַזיע, מיט יענעם שוואונג, וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי לייוויק, וואָלט געדאַרפט און געקאָנט סטימולירן אַריינצודרינגען און דערגרונטעווען זיך אין אירע טיפקייטן און תהומען.

אַלס אַ פאָרשונג־פּראָדוקט גייט דאָס ווערק ניט גענוג ווייט אין פּרטים און אַנאַליטיק; עס איז צו פיל סוביעקטיוו; צייטנווייז איז צופיל פאַרטראָטן דעם קריטיקערס ליטעראַרישער אויסדרוק: דעם קריטיקער, וואָס ווערט אַליין פאַרכאַפּט פונעם צויבער פון דעם וואָרט און פון דער פאָרעם, פון דעם קלאַנג פון זיינע אייגענע רייד.

קיין פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע איז אינעם בוך ניטאָ, און אַפילו די אָנווייזונג אויף מ. שטאַרקמאַנס ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל איז פאַררוקט ערגעץ אונטער אַ הערה צום טעקסט און ווערט פאַרלאָרן פון דעם לייענערס אויג.

פונדעסטוועגן, וועט דידאַקטיק מאָנאָגראַפיע ניגערס פאַרבלייבן אַ מאָנומענטאַלער נעאָ־קלאַסישער מוסטער פאַר אונדזער קריטיק אַזוי לאַנג, ווי זי — די קריטיק — וועט נאָך אַלץ פאַרבלייבן הינטער־שטעליק לגבי אַנדערע שעפערישע פּראָדוקטן פון אונדזער ליטעראַטור בכלל, און פון דער פּאָעזיע בפרט.

ש. ראַוווידאָוויטש

רעוויזיע און פאַרטיפונג פון ציוניסטישער גערדאַנקען-סיסטעם

ש. ראַוווידאָוויטשעס קריטיק פון דער פאַרגליווערטער שטעלונג צום קאַרדינאַלן פּראָבלעם „ציון און תפוצות ישראל"

1

ש. ראַוווידאָוויטש איז איצט איינער פון די געציילטע דענקער און ערנסטע פובליציסטן, ניט נאָר אין דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן געמאַכט אַ פּרואוו צו איבערטראַכטן און איבערוועגן אויף אַן אייגענעם זעלבסטשטענדיקן שטייגער די אַלמענטשלעכע און יידישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט.

די היטלעריסטישע טראַגעדיע האָט דאָך געבראַכט און איבער־געלאָזן אַ ירושה לדורות — נאָכווייעענישן נאָך דער גרויסער וועלט־ און יידישער קאַטאַסטראָפע, און אַן עפּאָכע פון סאָציאַלע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. איז די איצטיקע צייט געוואָרן אַזאַ אַנטשיידנדיקע פּעריאָדע אין דער געשיכטע פון פעלקער און לענדער, פון ייד און מענטש; אַ פּעריאָדע, אָנגעפילט מיט געזעלשאַפטלעכע פּלאָנטערן, וועלכע פאָדערן אַ נייע באַלויכטונג און אפשר אַן ענדגילטיקע לייזונג און אויפוויקלונג.

וואָלט געדאַרפט זיין דער חוב פון יעדן דענקנדיקן מענטשן, פון געוויסנהאַפטיקן געזעלשאַפטלעכן טוער, צו רעווידירן די פון לאַנג אָנגענומענע פאַרגליווערטע אידעאָלאָגיעס, די גרויסע איבערקערענישן און קראַכן אַליין האָבן געדאַרפט מאַכן דינאַמישער, באַוועגלעכער די געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, און טאַקע מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייעם קריטיש־קאָנסטרוקטיוון פּראָגרעסיוון יידיש־געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

האָבן מיר אָבער ניט געזען קיין אויפשטייג און אויפברויז פון די אינטעלעקטועלע שעפערישע כוחות, וואָס זאָלן זיך אַרויפוואַרפן אויף

די אַלטע אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען און אויף די נייע אַרויסגעשוואומענע פראַגן, וואָס זוכן זייער פאַרענטפערונג.

עס האָט זיך ניט באַמערקט קיין נייער אימפּעט צו זוכן נייע מיטלען און וועגן פאַר אַ דויערנדיקן און גערעכטן וועלט־שלום. קיין מאָראַלישער שוואונג צו באַקעמפן די טענדענצן פון רעאַקציע, כדי צו פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן דעם פּראָגרעסיוון וועלט־באַנעם בכלל.

עס איז דעריבער געווען אַ דערשטוינענדע איבעראַשונג צו געפינען דעם יידישן (העבּרעאישן) געלערנטן און פאָרשער ש. ראַווי־דאָוויטש אויף דער הויך פון אַ נייעם קאָנסטרוקטיוו־שעפערישן וועג אין זיין געזעלשאַפטלעכן דענקען.

מיט דעם כוח פון טיפער יידישער עטיק און הויכער מענטש־לעכער מאָראַל האָט ער אויסגעפאָרמירט און אויסגעקריסטאַליזירט זיינע פּראָגרעסיווע אנשויאונגען און אידייען בנוגע די עיקרדיקע לעבנס־פראַגן פון דער מענטשהייט בכלל און דעם יידנטום בפרט.

די גאַנצע סיטואַציע אין אַזאַ קאָמפּליצירטער געשיכטלעכער תקופה ווי אונדזערע, ווי ראַווידאָוויטש שטעלט זי פאָר, איז כמעט אַקסיאָ־מאַטיש, אויגענשיינלעך קלאָר און דייטלעך. דער ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיזם, וואָס איז שוין אין דער צווישנצייט פון די לעצטע צוויי מלחמות געגאַנגען באַרג אַראָפּ מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, איז איצטער לחלוטין באַנקראָט.

דער מאַרקסיזם, ווידער, איז ניט ביכולת צו פאַרנעמען דעם אָרט פון ליבעראַליזם, הגם ער האָט זיך פאַרמאָסטן דאָס צו טאָן. די פאַר־שטאַרקטע נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליזם כמעט אין יעדן לאַנד, און האָט געטריבן בלויז צו אויס־ברייטערונג פון דער נאַציאָנאַלער באַהערשונג און צו פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן קאָנטראָל איבער דעם עקאָנאָמישן לעבן.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, סוף אַכצנטן יאָרהונדערט האָט אַרויס־געדרוקט דעם אידעאַל פון מענטשן־גלייכהייט, וואָס, אין דער ווייטער פאַטענץ, האָט ער שוין אַנטהאַלטן די שפּעטערע מעטאַמאָרפאָזע פון „גלייכגעשטאַלטונג". דער נאַציאָנאַליזם פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט געטריבן צו עקאָנאָמישער איזאָלאַציע, צו מוראדיקע קאָנפליקטן אין דעם עקזיסטענץ־קאַמף פון יעדן פאָלק, פון יעדן לאַנד.

אין פילע לענדער ווערן די לעצטע יאָרן די רעשטלעך פון ליבעראַ־

ליזם פּאַרמישט און פּאַרטוישט מיט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן אָדער מיט דעם רעוואָלוציאָנער־דיקטאַטאָרישן סאָציאַליזם, — און זיי זיינען נאָך ווייט פון פאַרשלונגען צו ווערן אין אַ נייעם סינטעז פון די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע יסודות; אַ סינטעז, וואָס זאָל זיך צעבליען אין דער פאָרעם פון אַ נייער געזעלשאַפט.

צי עס וועט געלינגען דעם סאָציאַליזם־אין־איין־לאַנד, דעם נאַציאָ־נאַלן סאָציאַליזם, צו צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער אָנערקענונג, אַז אַלע מענטשן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינע פאַר די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען דאַרפן גאַראַנטירן אַ שטענדיקן דויערדיקן שלום אויף דער וועלט נאָך די לעצטע צוויי מלחמות — איז נאָך דערווייל אַלץ אַ גרויסע פראַגע. דערווייל איז קודם כל צוגענומען געוואָרן ביי דער מענטשהייט די פרייהייט פון באַוועגונג; און דאָס רופט זיך אָפּ אויף דער דינאַמיק פון געדאַנק און אויף די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס.

די באַשרענקונגען פון באַוועגונגס־רעכט ווערן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. עס ווערט געשטערט אָדער לחלוטין אָפּגעשטעלט די פאַר־שפּרייטונג און אויסשפּרייטונג פון מענטשלעכע מאַסן, וואָס דאָס איז אַ באַזונדערע גזירה דווקא אויף די מינדערהייט־פעלקערשאַפטן, וועלכע נויטיקן זיך באַזונדערס שטאַרק אין עמיגראַציע און איינוואַנדערונג.

די גאַנצע וועלט זעט איצט אויס ווי איין אינטערנירונגס־לאַגער, אומבאַגרענעצט אין זיינע ראַמען, וואָס איז געוואָרן אַ פּער־מאַנענטע אינסטיטוציע אין איראָפּע אין דעם סאַמע מיטן פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק, אויב עס זיינען דאָ וועלכע ס׳ניט איז כימנים פון אים, האָט נאָך ביז איצט ניט אויפ־גענומען די גאַנצע וועלט־סיטואַציע, און געוויס ניט אויפגעפּאַסט די קאָנסעקווענצן.

די גאַנצע ליטעראַטור וועגן היטלער און היטלעריזם האָט אַפילו גאָר ניט אויפגעדעקט און באַלויכטן די וואָרצלען פון דער חיה־רעה, די טיפערע אורזאַכן און סיבות פון דער דאָזיקער פינצטערניש, פאַר־ווּיסטונג און פאַרניכטונג, וואָס האָט אויסגעבראָכן איבער דער מענטש־הייט און אָפּגעווישט די יסודות פון אַן אַלטער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס ציט זיך נאָך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דעם אויפקום פון ליבעראַליזם.

די נייע פּלאַנירטע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, צי זי קומט מצד דער

סאָציאַל־דיקטאַטאָרישער ריכטונג, צי מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, האָט כמעט דערפירט צום גייסטיקן און פיזישן געזעלשאַפטלעכן פּאַראַליז.

נאָך אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון דעם „אַטלאַנטישן טשאַרטער״ (פון אויגוסט, 1941) מיט די פיר פרייהייטן וואָס רוזוועלט, דער פּראַקטישער אידעאַליסט, האָט פּראָקלאַמירט בכדי צו ראַטעווען דעם באַנקראָטירטן ליבעראַליזם, נאָך אַ פאַרטיפונג אין דעם דראַמאַטישן פּראָצעס פון די געבורטס־ווייען פון אַ נייער געזעלשאַפט — קומט ש. ראַווידאָוויטש צום באַשלוס אַז עס פעלט ערשט איצט, נאָך מער ווי אין יעדער אַנדערער צייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, די גרונט־פרייהייט, דאָס פונדאַמענטאַלע רעכט פון מענטשן אַלס מענטשן.

דאָס איז די פרייהייט און די רעכט אויף אַן אייגענעם זעלבסט־שטענדיקן קיום, אַ פולן און אַ גאַנצן קיום, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם יחיד און דער גרופּע צו אָנהאַלטן זייער אייגענע אינדיווידואַליטעט.

דאָס איז די פונדאַמענטאַלע און אומבאַרירבאַרע רעכט, למשל, פון דער מינדערהייט אויף באַזונדערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אייגנשאַפט, אָן יעדער אַרויפצוואונג מצד דער מערהייט פון דעם הערשנדן פאָלק. דער איצטיקער פּאָליטישער רעאַליזם, לויט וועלכן די שוואַכע און קליינע פעלקער ווערן „געפירט״ פון די גרויסע און מעכטיקע (זעט די ראָלע פון די גרויסע פינף אין דער „פאַראייניקטער פעלקער״ אָרגאַניזאַציע), ווייל זיי, די קליינע פעלקער, קאָנען זיך אַליין ניט באַשיצן אָדער קאָנען ניט זיין קיין גלייכע שותּפים צו באַשיצן דעם וועלט־שלום — אָט־דער מין „רעאַל־פּאָליטיק״ דאַרף אָפּגע־שאַפט ווערן.

אין דער אמתן איז קיין מדינה און קיין פאָלק ניט שטאַרק גענוג צו זיין אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק, זעלבסשטענדיק. די אַפּיטרופּסות פון די שטאַרקע איבער שוואַכע איז ניט מער ווי אַ תּירוץ פאַר באַהערשונג, און, פאָלגלעך, פאַר באַרויבן דער עלעמענטאַרער פרייהייט צו אויפ־היטן די אייגענע אידענטיטעט.

אַלס רעזולטאַט דערפון פעלט די פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע פרייהייט, די פרייהייט פון מענטשלעכער פאַראייניקונג אויף אַ יסוד פון פאַרשיידנאַרטיקייט. דאָס איז אַ נייער מאָניזם, וואָס שטאַמט פון הארמאָנישער פונקציאָנירונג פון פּלוראַליטעט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון דעם פרייען און פרייוויליקן זיך אויסלעבן פון יחיד אין דער גרופּע פון דער מינדערהייט ביי דער זייט פון דער מערהייט.

די דאָזיקע פרייהייט, ווי ש. ראַווידאָוויטש דעפיניִרט זי, דאַרף ווערן, לויט זיין וועלט־באַנעם, ניט קיין צוגאָב נאָר טאָקע די עיקרדיקסטע פרייהייט, ווייל אָן איר זיינען די איבעריקע פרייהייטן ניט מעגלעך, און קיין שום אַנדער פרייהייט קאָן זי ניט פאַרבייטן.

נאָר ווען דער גלייכהייט־פּרינציפּ, וואָס די געזעלשאַפט האָט געירשנט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, קאַפּיטולירט פאַר דעם אייניקייט־ און פאַראייניקונגס־פּרינציפּ פון דעם מענטשן, זאָגט ש. ראַווידאָוויטש; נאָר ווען עס וועט אויפהערן די הערשאַפט און אַרויפּ־צוואַנג פון איין גרופּע אויף דער אַנדערער, כדי צו אַסימילירן און פאַרשלינגען דעם שוואַכערן און אָפּווישן זיין אידענטיטעט — נאָר דאַן וועט ווערן מעגלעך צו בויען אַ דויערנדיקן וועלט־שלום און אויפשטעלן די באמת פרידלעכע צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען.

דאָס זיינען די הויפּט ליניעס פון ראַווידאָוויטשעס ערנסטער און גייסטרייכער געשיכטלעכע אָריענטאַציע לגבי אונדזער צייט אויף וועלכער ער באַפעסטיקט און באַקרעפטיקט דעם פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. די ערשטע פאַרזוכן, די זייער שוואַכע און באַגרענעצטע פּרואוון, צו פאַרווירקלעכן יידישע מינדערהייטס־רעכט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן געהאַט אַ שנעלן און זייער טרויעריקן סוף. אָבער, ווי עס זאָגט דער פילאָזאָף ב. קראָטשע, די מענטשלעכע געשיכטע איז דאָך ניט מער ווי די געשיכטע פון קאַמף פאַר פרייהייט און כדי צו דעראָבערן ענדלעך די דאָזיקע פרייהייט פון פרייהייטן, מוזן מיר שטרעבן צו דעם, אַז די וועלט זאָל זיך דורכדרינגען מיט דער נויט־ווענדיקייט פון אַזאַ פרייהייט פון אָפּהיטן די אייגענע אידענטיטעט, אַ אייגענע וועזנטלעכקייט, און זאָל קעמפן פאַר איר פולשטענדיקער רעאַליזירונג. דאָס יידישע פאָלק, וואָס צוליב זיין ספּעציפישער לאַגע צווישן די פעלקער נויטיקט עס זיך מער ווי אַלע אפשר אין דער אויבן־דערמאָנטער פרייהייט און רעכט, דאַרף ווערן דער פּיאָנערן־קעמפער פאַר אַזאַ מענטשלעכער פאַראייניקונג און אייניקייט.

דאָס פאָלק ישראל האָט געבראַכט דעם מאָנאָטעאיזם דירעקט אָדער אומדירעקט דורך קריסטנטום, איסלאַם און אַנדערע לערן, וואָס האָבן געזויגן פון יידישע קוואַלן. שווער איז אָנגעקומען די באַהערשונג פון גלויבן אין איין גאָט — נאָך שווערער וועט זיין דאָס אָננעמען פון דער אידייע פון מענטשלעכער איינהייט. און דאָס וואָס דער רצון האָט נישט געקאָנט אויפטאָן, וועט די נויט שאַפן. וואָרעם עס איז נישטאָ

קיין תקומה פאַרן מענטשן נאָר אין אייניקייט און פאַראייניקונג. אויך איז קיין תקומה נישטאָ פאַר יידן, ווי בלויז אין דער דאָזיקער מענטש־פאַראייניקונג, וואָרעם די וועלט און די יידן זיינען אויך איינס.

2

אויב אין זיין וועלט־ און מענטש־באַנעם, אין זיין רעקאָנסטרוקציע פון דעם איצטיקן געשיכטלעכן פעריאָד פאַר דער מענטשהייט אין דער באַלויכטונג פון זיין פּראָגרעסיוון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן געדאַנקען־גאַנג איז ש. ראַווידאָוויטש פאַרבליבן סכעמאַטיש ספּעקולאַטיוו — האָט ער אָבער באמת געשאַפן אַ נייע יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע. זיין נייע אָריענטאַציע און צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע אין די „גלות“־לענדער שטעלט מיט זיך פאַר אַ פולשטענדיקע רעוויזיע פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן ציוניסטישן געדאַנקענגאַנג.

לאָמיר זען קודם כל ווי דער הויך עטישער יידישער פובליציסט אַנאַליזירט און קריטיקירט אויספירלעך, און כמעט אויסשעפּלעך, די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע אין פּראַקטיק און טאַקטיק. ווי אַזוי ער האָט צעאַקערט דאָס גאַנצע יידישע פעלד. זיינע אויספירונגען און שלוסן, זיין גאַנצע סינטעזירונג קומען דערנאָך במילא אַרויס שלאַג־פערטיק איבערצייגנד, ווי די לעצטע קייטלען פון אַ לאָגישער אַרגו־מענטאַציע, ווי די האַרטע אומבאַשטרייטבאַרע אויספירן, באַזירט אויף אינדוקטיווער באַלויכטונג פון פאַקטן און אָבסערווירונג.

אָט דאָ ליגט טאַקע דער סאַמע שווער־פונקט פון דעם דינאַמיש־פרישן פּראָגרעסיוון געדאַנק, וואָס ש. ראַווידאָוויטש אַנטוויקלט און רעזומירט אין די זאַמלביכער „מצודה“, וואָס ער גיט אַרויס זינט 1943, אין וועלכע עס האָט אויסגעריפט און אויסגעצייטיקט זיין גאַנצער פובליציסטיש־דענקערישער פאַרנעם פאַר אַ פאַר צענדליק יאָר.

„חיבת ציון“ און פּאָליטישער ציוניזם, אַלס יידישע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, זיינען געשאַפן אין דער צווייטער העלפט פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, אין דער תקופה פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם פון מער אָדער ווייניקער פרייער וואַנדערונג, אומגע־צאַמטער איניציאַטיוו און קאָנקורענץ. פרעגט ראַווידאָוויטש אַפ די גאַנצע מעגלעכקייט פון דעם ציוניזם צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם, ווי ער פּרעטענדירט עס. אָדער צו פאַר־

ווירקלעכן אַפילו דעם מאַקסימום פּראָגראַם פון „קבוץ גליות" (איינ־זאַמלען די יידן פון אַלע גלות לענדער). איז דען מעגלעך פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס שטאַמט פון דער בליאונגס־צייט פון דעם ליבעראַליזם און אירע צילן און אויפגאַבן זיינען געווען אין איינקלאַנג מיטן אומגעצוימטן געזעלשאַפטלעכן סיסטעם, צו פאַר־ווירקלעכן אירע אידייען און שטרעבונגען אין אַ עפּאָכע פון נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און עקאָנאָמישער איזאָלאַציע?

„איז דען דאָ אַ גרויסע האָפענונג, אַז זיין איינציק לאַנד אין דער וועלט (און עס איז, ליידער, ניט פון די גרויסע לענדער) וועט זיין אָפן אַריינצונעמען די מאַסן, ד. ה. עס זאָל האַלטן אָפן זיינע טויערן לאַנג גענוג פאַר דעם אויפבוי און אומקער פון פאָלק ישראל אין ארץ ישראל? און צי וועט דען, ווען אַפילו פאָלקאָם עטאַבלירט און פאַר־אַנקערט, די יידישע מדינה קענען פאַרבלייבן דאָס איינציקע אויסנאַמס־לאַנד אויפן גאַרן ערד־קוגל?", אַזוינע און ענלעכע פראַגן שטעלט אונ־דזער ווירדיקער פּובליציסטישער דענקער דעם ציוניזם. און מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין מאָראַלישן טעמפּעראַמענט פּראָטעסטירט ער קעגן דעם איזאָלאַציאָניזם פון דער ציוניסטישער שיטה, וואָס גלויבט אין אַן איינציקן אָפּענעם פּונקט — אין אַן אַלץ זיך־מער אָפּשליסנדיקער וועלט, וואָס דרינגט נישט אַריין אין דעם פּראָצעס פון דער אַלץ שטייגנדיקער טענדענץ פון די לענדער זיך איינצושליסן און אָפּצושליסן, ביז די גאַנצע וועלט וועט ווערן אַ מין יהושע בן נונס יריחו — „סוגרת ומסוגרת", ווי ראַווידאָוויטש פאָרמולירט דאָס.

„ארץ ישראל, זאָגט ראַווידאָוויטש, געפינט זיך ניט ערגעץ וואו אויסער און פון יענער זייט פון דער פאַרשפאַרטער וועלט, נאָר איז דאָך אַ טייל פון אָט דער וועלט"... פאַר מער ווי זעכציק יאָר צוריק האָט דער ציוניזם אַרויסגעטראָגן דעם דיאַגנאָז, אַז עס איז ניטאָ קיין לייזונג פאַר דער יידנפראַגע אין „גלות". קאָן דען דער ציוניזם, אין דעם איצטיקן מאָמענט אָדער אין דער נאָענטער צוקונפט, לייזן די גאַנצע יידישע פראַגע און צונויפזאַמלען די יידן פון אַלע גלות ערטער, אַפילו נאָכדעם ווי זייער צאָל אויף דער וועלט איז פאַרקלענערט געוואָרן מיט אַ דריטל?"

אַזאַ קריטישער און שניידנדיקער אמת איז באַזונדערס סימפּטאָ־מאַטיש, ווען עס קומט פון אַן אייגענעם אינטימען מענטשן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. און ש. ראַווידאָוויטש גייט ווייטער און באַשול־

דיקט די ציוניסטישע לערע, אַז זי איז געוואָרן דורכאויס דאָגמאַטיש פאַר־גליווערט אין אירע הנחות, וואָס זי האָט אָנגענומען נאָך מיט זעכציק יאָר צוריק און האַלט זיך ביי זיי פעסט די גאַנצע צייט אָן שום רע־וויזיע אָדער צופּאַסונג צו דער נייער צייט, אָן קיין שום קריטיש־קאָנסטרוקטיווער פאַרטיפונג און אויסבעסערונג.

נאָך מער, די ציוניסטישע שיטה איז אין דער פּראַקטיק פול געוואָרן מיט אָפּאָרטוניזם און זעלבסט־פאַרלייקענונג און איז פול מיט סתירות און ווידערשפּרעכונגען. הגם, אין פלוג, איז דער ציוניזם דער אַוואַנגאַרד פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן־געזעלשאַפטלעכן געדאַנקענגאַנג, אַ באַוועגונג, וואָס איז דורכאויס קעגן אַסימילאַציע אָדער פאַרטושירונג פון דער יידישער אידענטיטעט און פאַר דער אויפלעבונג פון דער יידישער (העברעאישער) קולטור און אייגנאַרטיקייט, — ברענגט ש. ראַווידאָוויטש דאָך דעם פאַלגנדיקן פאַקט. דער 22־סטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט דעם טיפן דאַנק צום טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק און זיין רעגירונג פאַר דער הילף, וואָס זיי האָבן געגעבן צו די יידיש־פּוילישע פליטים, און אָנגעקגעשטעלט די רעגירונג פון בענעש ווי אַ „סימבאָל פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע". מעג מען טאַקע זיין דאַנקבאַר פאַר אויסגעשטרעקטער הילף, אָבער אויף דעם, וואָס דער זעלביקער בענעש האָט, פּראָקלאַמירנדיק זיין שטיצע צום ציוניזם, אַוועקגעשטעלט די אולטימאַטיווע ברירה פאַר די טשעכישע יידן אָדער זיך נאַציאָנאַל אַסימילירן אָדער אויסוואַנדערן — האָט די ציוניסטישע פירערשאַפט ניט געפונען פאַר נויטיק צו רעאַגירן. די לייטנדיקע גייסטער פון ציוניסטישן נאַציאָנאַלן געדאַנק פאַרבויגן אַזאַ קאַרדינאַלן עיקר, וואָס גראָבט אונטער דער סאַמע מהות און עקזיסטענץ פון דעם רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק, וואָס וועט נאָך דערווייל פאַרבלייבן פאַר לאַנגע דורות אין „חוץ לארץ". דאָס נעגירן פון נאַציאָ־נאַל מינדערהייט־רעכט פאַר די טשעכאָסלאָוואַקישע יידן איז אַ פּרוביר־שטיין פאַר דער יידיש־מענטשלעכער רעכטלאָזיקייט, פאַר דער יידישער און מענטשלעכער ווירדע, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס אַפילו אין אַזאַ ליבעראַלער מדינה ווי מאַסאַריקס און בענעשעס טשעכאָסלאָוואַקיע.

און דאָס איז געוואָרן אַ דערשיינונג, וואָס ווערט איצטער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנגענומען ווי אַ „פאַקט־אַקאָמפּלי". דערפאַר באַדויערט זייער ש. ראַווידאָוויטש, וואָס דער ציוניזם אַקצעפּטירט די דאָזיקע אַנטוויקלונג אַלס פאַקט און זעט נישט די גרויסע סכנה, אויב

דער פאַקט וועט ווערן אַ געזעץ און אַ גרונט־פּרינציפּ פאַר די באַציִ־אונגען צווישן פאָלק און פאָלק.

אין דעם ציוניסטישן געדאַנק, אין זיין פּראַקטישער אַנווענדונג, זיינען פון סאַמע אָנהויב אָן געווען אַ סך ווידערשפּרוכן און אומ־קאָנסעקווענצן. אַזוי האָט דער פּאָליטישער ציוניזם געבויט די באַוועגונג פאַר אַ יידישן שטאַט, ווי אַ רעטונג פון דער גרויסער און אַלץ וואַקסנדיקער שנאה צו יידן מצד דער אַרומיקער וועלט — דעם אַנטי־סעמיטיזם. די יידישע לאַגע אין די גלות־לענדער ווערט פאַרערגערט צוליב דעם שטייגנדן אַנטיסעמיטיזם, און די איינציקע תרופה פאַר דעם יידישן פאָלק איז דער אויפבוי פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם „קבוץ־גליות".

איז במילא דער פּאָליטישער ציוניזם ניט נאָר מוותר אויף יידישע רעכט און יידישער עקזיסטענץ פון אַלע קבוצים אומעטום, נאָר גראָבט טאַקע אונטער מיט זיינע אייגענע הענט דעם יידישן קיום אומעטום.

די איינזייטיקע קריטיק און דער אויסגעקרימטער בליק אויף דער יידישער „גלות"־ווירקלעכקייט האָבן בפירוש געגעבן אַ פּתחון פּה צום אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט מיט דער יידישער איבער־געטריבענער זעלבסט־שנאה, מיטן זעלבסט־ביטול — דעם דיאַגנאָז פון יידישן פּאַראַזיטיזם אין „גלות".

האַווידאָוויטש דערמאָנט, למשל, אַז ציוניסטישע פאָרטרעטער האָבן, אַ שטייגער, אין דער באַפרייטער בולגאַריע פאַרזוכט צו דערקלערן, אַז אין בולגאַריע זיינען די יידן „פּאַראַזיטן", נישט אָבער אין ארץ ישראל, און במילא, ווען די יידן וועלן מעגן פריי אויסוואַנדערן קיין ארץ ישראל, וועט דאָס לאַנד בולגאַריע פריי ווערן פון „פּאַראַזיטן"...

און וויפיל אַנטיסעמיטישע „טעאָרעטיקער" האָבן זיך עס אָנגעכאַפּט אויף דער ציוניסטישער גרינגשעצונג פון דעם „גלות", פאַר וועלכער עס איז אגב קיין גרונט ניט געווען; לויט דעם באַקאַנטן נוסח, איז דער גלות פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג און עס איז אַ מצווה אַרויסהעלפן און אונטערשטופּן דעם אונטערגאַנג בכדי צו פאַרווירקלעכן די „שיבת ציון".

דער „גייסטיקער ציוניזם" האָט געזוכט צו לייזן ניט די יידנפראַגע, נאָר די גייסטיקע פּראָבלעם פון יידנטום, פון דער יידישער קולטור, און האָט קאָנצענטרירט די לייזונג פון דעם פּראָבלעם אין ארץ ישראל, דאָס וויגעלע פון דער יידישער קולטור און יידישער שעפערישער

אייגנאַרטיקייט. אָבער אויך די דאָזיקע שטרעמונג האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צום „גלות" און שנאה צו אַלע פּראָדוקטן פון יידישן שאַפן אין גלות. אָבער דער הויפּט אַבסורד, דער פּאַראַדאָקס פון דעם נאַציאָנאַלן ציוניסטישן געדאַנקענגאַנג, איז געווען אָט־וואָס: ער באַזירט די לייזונג פון יידישן פּראָבלעם איינציק און אַליין אויף דעם רעכט פון יידישן פאָלק אויפצובויען זיין נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל.

אָט־דעם דאָזיקן עיקר פון „רעכט און ניט קיין חסד" האָלט דער פּאָליטישער ציוניזם אין געוויינען ביי דער וועלט, הגם דאָס יידישע פאָלק האָט געמוזט דעראָבערן אָט־דאָס רעכט מיט „בלוט און פייער". אָבער אָט־דער פּרינציפּ פון „רעכט און ניט חסד" דווקא בלויז פאַר פּאַלעסטינע אַנטהאַלט אין זיך די גרויסע סכנה פאַר דער פולער און פולשטענדיקער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל, און אַ פּשיטא שוין פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק איבעראַל. עס האָט זיך געשאַפן דער פּאַראַדאָקס, וואָס לויט דער אויבן דערמאָנטער פאָרמולע זאָל הייסן אַז די יידישע מאַסן פון חוץ לארץ, ד. ה. דער איבערוועגנ־דיקער רוב פון יידישן פאָלק, ווערט איבערגעלאָזט אויף אַ רעכטלעכן הפקר אָדער אויף דעם גענאָד און טאָלעראַנץ פון די פעלקער. דער ציוניזם האָט אַקצעפּטירט דעם דאָזיקן באַדינג, וואָס גיט אים די רעכט אויף ארץ ישראל און לאָזט איבער אויף הפקר דעם גלות, בכדי צו קויפן זיך די בכורה פון אַ יידישער ארץ ישראל. ווען דער ציוניזם דערלאָזט, אַז די יידן אין דער דיאַספּאָרע מעגן לעבן פון חסד און טאָלעראַנץ פון די פעלקער, איז יעדער יידישער ישוב אין דער וועלט אויסגעזעצט צו דער געפאַר פון ווילקיר און בייזוויליקייט. האָבן טאַקע בשעתּם די גרויסע יידישע מאַסן אינסטינקטיוו דערשפּירט דעם אינער־לעכן ווידערשפּרוך פון דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן געדאַנק, און זיי האָבן זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלער באַוועגונג. האָט טאַקע דער „בונד", למשל, זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון רעכט פאַר די יידישע מאַסן אויף די ערטער און האָט זיי, די יידישע אַרבעטער, פאַר אַ לענגערער צייט, דערווייטערט פון דעם ציוניזם.

ווען די קעגנוואַרט־אַרבעטס־פּראָגראַם ווערט אַרויסגעשטעלט פון די ציוניסטישע קרייזן („העלסינגפאָרס פּראָגראַם" פאַר רוסלאַנד, די פּאָליטישע אַקציע אין מזרח־גאַליציע, א. אַ. וו.), איז עס, ליידער, אויך נישט גאַנץ באַפרידיקנדיק. ערשטנס, פעלט אין דער „קעגנוואַרט־

פראָגראַם״ דער גלויבן אין יידיש פאָלק אַן און פאַר זיך; צווייטנס, איז אַפילו דאָס דאָזיקע מינימאַלע פּראָגראַם קיינמאָל נישט געוואָרן דאָס אַבסאָלוטע אָפּיציעלע פּראָגראַם פון ציוניזם אַלס אַזעלכן. פאַרשידענע יחידים אָדער גרופּן אין ציוניזם האָבן יאָ געהאַלטן פון „קעגנוואַרטס־אַרבעט״ — און אַנדערע האָבן זי אָפּגעוואָרפן, אָדער באַקעמפט. בכלל איז דאָס געווען אַ ריין אָפּאָרטוניסטישער קאָמפּראָמיס, וועלכער איז נישט בכוח געווען צו ווערן אַ באַזיס פאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין די גלות־לענדער.

אין תוך גענומען איז דער דאָזיקער ווידערשפּרוך, דער אינער־לעכער ריס צווישן דער אידייע פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און דער שנאה און פאַראַכטונג צום „גלות״, ד. ה. פּראַקטיש צו דער גרויסער מערהייט פון יידישן פאָלק אין די גלות־ערטער — איז געבליבן שטעקן אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

מיט אַזאַ פאַרלייקענונג פון גלות און די עלעמענטאַרע נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידישע פאָלקס־גרופּן אין די גלות־לענדער, איז דער ציוניזם נישט געווען בכוח צו וועקן דעם געוויסן פון דער וועלט, צו קעמפן פאַר יידישע רעכט אומעטום. אויב מ׳לייקנט די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון די דאָזיקע גרופּן — ווי קאָן מען גלייכ־ציטיק קעמפן פאַר זייערע רעכט כלפּי חוץ?

אין אַלגעמיין קאָן די זייער שאַרפע קאָנסטרוקטיווע קריטיק און דער אַנאַליז פון ש. ראַבינאָוויטשן רעזומירט און רעדוצירט ווערן צום פאָלגנדיקן: דער ציוניזם האָט צוויי באַשטאַנד־טיילן. דער פּאָזיטיווער, וואָס איז דער גלויבן און אויפבוי פון ארץ ישראל און אין דער נאַציאָ־נאַלער יידישער צוקונפט אין אַן אייגן לאַנד. דער נעגאַטיווער טייל איז געווען פון אָנהויב אָן און איז פאַרבליבן די אָפּלייקענונג פון דעם יידישן קיום אין דער דיאַספּאָרע און איר פאַראורטיילונג צום אונטער־גאַנג. די דאָזיקע אַזוי גערופענע שלילת הגלות, אָפּלייקענונג פונעם קיום פון דעם יידישן פאָלק אין גלות, נידערשעצט ניט נאָר די קעגנוואַרט און די גאַנצע יידישעווירקלעכקייט, נאָר איז אויך מבטל דעם עבר, ד. ה. דעם גרעסטן און אפשר דעם וויכטיקסטן טייל פון דער יידישער געשיכטע. עס הייסט, ארץ ישראל וועט ניט געבויט ווערן סיידן דער גלות וועט אונטערגיין. דעריבער זאָל דער גלות אומקומען, בכדי ארץ ישראל זאָל געבויט ווערן.

לויט דר. חיים וויצמאַנס דערקלערונג פאַר דער באַוואוסטער „פּיל

קאָמיסיע״ אין פּאַלעסטינע (1937) וועט, למשל, אַ דריטל בלויז פון די תפוצות ישראל אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע געפינען אַ תיקון אין ארץ ישראל — דאָס איבעריקע יידנטום איז „שטויב״. אָבער אַפילו דער שכל הישר איז מחייב, אַז פונקט דערפאַר, ווייל דער באָדן גליטשט זיך אויס אונטער די פיס פון פילע יידישע גלות ערטער, דאַרף דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום גלות און דאַרף נישט מבטל זיין אויף אַ האָר פון יידישן קיום, באַזונדערס אין אַזאַ טראַגישער צייט.

אויך די „הכשרה״ (פּאַרבאַרייטונג פון פּיאָנערן אויסוואַנדערער קיין ארץ ישראל), מיט וועלכער די ציוניסטישע באַוועגונג באַשעפטיקט זיך אויף די ערטער אין גלות — איז ניט מער ווי אַ טראַנספּאָרמירטע שלילת הגלות. אויך דאָס ווערט געטאָן ניט לשם דעם יידישן קיבוץ אויפן אָרט, נאָר בלויז פון ארץ ישראל וועגן. אויב די גלות פאַרניינונג זאָל געצילט ווערן קעגן פאַרקנעכטשאַפט, נאָכמאַכונג, אַסימילאַציע, אומפּראָדוקטיוויזאַציע און הכנעהדיקער אָקצעפּטירונג פון ליידן און יסורים — אויב דאָס זאָל זיין דער גאַנצער נעגאַטיווער קאָמפּלעקס פון פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע מכות, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם יידישן מענטשן, — דאַרפן זיי געהיילט ווערן פון יעדן יידישן ישוב אונטער זיינע אייגענע אומשטענדן און מיט זיינע אייגענע מיטלען.

בפרט ווען דער גאַנצער „אַקסיאָם״, אַז דער גלות איז געווען כולו שאָדן און דעפיציט, חורבן פאַר יידישקייט, דאַרף נאָך ערשט גרינטלעך אויסגעפּאַרשט ווערן!... „דער גלות באַגריף אָבער איז איינע פון די גרעסטע סכנות סיי אין חוץ לארץ, סיי אין ארץ ישראל״... אַזוי באַהויפּטעט דר. ראַווידאָוויטש אויך אין זיין איינציקער פּובליציסטישער אַרבעט אויף יידיש, „די פּראָבלעמאַטיק פון באגריף גלות״ (פאַרעפנטלעכט אין מערץ־אַפּריל נומער „ייוואָ־שריפטן״ פון 1943).

3

דער צענטראַלער אויסגאַנגס־פּונקט פון ש. ראַווידאָוויטשעס זייער אויספירלעך אַנטוויקלטן פּראָגרעסיוו־יידישן און וועלט־באַנעם איז דאָס יידישע פאָלק אַלס אַ גאַנצע איינהייט, געשיכטלעך אַזוי גוט ווי אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

דאָס וואָס דער יידישער שטאַט איז פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם,

דאָס וואָס די יידישע קולטור (אין דער העברעאישער באַקליידונג, נאַטירלעך) איז פאַר דעם „גייסטיקן ציוניזם", אָדער אחד־העמיזם, — איז דאָס יידישע פאָלק פאַר ראַווידאָוויטשן אין אַלע זיינע טעאָרעטישע באַגרינדונגען און זיין נאָכדענקען. „איך גלויב אין יידישן פאָלק, וואו נאָר עס געפינט זיך, איך גלויב אין פאָלק אָן קיין שום רעזערוואַציעס". אויף דעם איז געבויט זיין פּאָזיטיווע אָנשויאונג, זיינע נייערע ניואַנסן, וואָס ער טראָגט אַריין אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן געדאַנק. ער וואַרפט לחלוטין אָפּ יעדע נעגאַטיווע באַציאונג צום גלות און ווייזט אַרויס אַכטונג און אָן אָביעקטיווע שטעלונג צו די יידישע מאַסן פון פאָלק. קיין שום תנאי, קיין באַדינגונג, קאָן ניט געשטעלט ווערן פאַר דער עקזיסטענץ פון איין טייל פון יידישן פאָלק אויף דעם חשבון פון אַן אַנדער טייל. דער ציוניזם האָט קיין שום מאָראַלע רעכט ניט צו באַזירן דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה אויף דעם באַדינג, אַז וועלכער ס'ניט איז קיבוץ פון יידישן פאָלק אויסער אים, מוז אונטער־גיין, וואָרעם דער קיום פון יידישן פאָלק דאַרף ניט זיין אָפּהענגיק פון קיין שום באַדינג אָדער רעזערוואַציעס (קיום ללא־תנאי).

אין די אַלע הארבע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דעם מאָדערנעם ייד: די זייער פאַרוויקלטע קאָמפּליצירטע פראַגע פון יידישן צוזאַמענ־לעבן מיט די אַנדערע פעלקער איבער דער גאַרער וועלט, דאָס פאָלק ישראל (תפוצות ישראל) און ארץ ישראל אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, דאָס פאָלק און זיין געשיכטלעכע מיסיע צווישן די פעלקער, אין אַלע פאַזן פון ראַווידאָוויטשעס דענקען אין זיין גאַנצער אויפפאַסונג, באַטאָנט ער כסדר און אונטערצייכנט דעם יידן, דאָס לעבנדיקע און ווירקנדיקע יידישע פאָלק. אין דער יידנפראַגע, בנוגע דער יידישער לאַגע צווישן די פעלקער, שטעלט פעסט אונדזער הומאַנער דענקער און פובליציסט, אַז דער ייד לעבט אין אַלע זיינע קיבוצים, אין אַלע תפוצות ישראל, מיט רעכט פון אומבאַרירבאַרע מענטשלעכע רעכט, ניט אָפּהענגיק פון קיין חסדים, טובות אָדער טאָלעראַנץ. די דאָזיקע מענטשן־רעכט און יידן־רעכט אומעטום האָט דר. ש. ראַווידאָוויטש באַגרינדעט און פאַרטיפט אין ליכט פון זיין באַנייטער און אָפּגעפרישטער פּראָגרעסיווער אָנשויאונג און וועלט־באַנעם. דער יידישער שיקזאַל איז ענג פאַרבונדן מיט דעם שיקזאַל פון דער וועלט. דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך און וועט מסתמא פאַרבלייבן לכל הפּחות פאַר לאַנגע דורות צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און די וועלט איז איצטער אָפּגעשפּאַרט און

פאַרשלאָסן. טאָ וועט די וועלט ניט באַפרייט ווערן ביז וואַנען עס וועט ניט אומגעקערט ווערן די פרייהייט פון באַוועגונג און די פרייהייט פון מענטשן בכלל.

סיי די וועלט און סיי די יידן וועלן ניט אויסגעלייזט ווערן אין אַ צייט ווען די פיזישע און גייסטיקע מענטשלעכע דינאַמיק ווערט צעשטערט און פּאַראַליזירט. אַ נייער סינטעז פון „גלות״, פון תפוצות־ישראל, און ארץ ישראל מוז זיין דער באַזיס פון דעם אויפגעלעבטן יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. די באַפרייטע מענטשהייט וועט זיין אַן איינהייט און פאַראייניקונג פון פאַרשיידנקייטן, און במילא וועט דאָס באַפרייטע יידיש פאָלק זיין אַן איינהייט פון די פאַרשיידענע פולבאַרעכטיקטע און פולפאַרביקע טיילן, ארץ ישראל אַריינגערעכנט — ארץ ישראל אַלס אַ יידישער צענטער אין אַ פאַראייניקטער און פרייער וועלט.

„עס איז ניטאָ אין דער וועלט קיין מאַנגל אין נאַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַלער פרייהייט אָדער נאַציאָנאַלער איינקייט, עס פעלט די מענטש־איינקייט און די פרייהייט צו זיין אַנדערש, צו האָבן די אייגענע אידענטיטעט... אויב דער מענטש וויל אַ געוויסע מאָס פון פרידן, קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקע פאַרשטענדניס צווישן פעלקער מוז ער בעל כרחו אָנערקענען דאָס רעכט פון יעדן איינעם צו זיין אַנדערש״... אַזוי ווערט ניט מיד ראַווידאָוויטש צו וואַריאירן און מסביר זיין דעם גרונט־עיקר זיינעם וועגן מענטשלעכער פרייהייט.

דער ייד דאַרף אָפּהיטן זיין רעכט אויף צו זיין אַן אַנדערשדיקער קיבוץ אויף אַלע ערטער פון זיין צעשפּרייטונג. ער טאָר ניט מותּר זיין אויף די דאָזיקע רעכט אַפילו לטובת ארץ ישראל, וואָרעם אַן די פונדאַמענטאַלע אַנגענומענע רעכט פאַרן יחיד און פאַרן קיבוץ און דער גרופּע איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דער גאַנצער קולטור־וועלט, און ממילא אויך פאַר אַן אָפּגעזונדערטער יידישער מדינה.

וועגן דער יידישער פראַגע פון דעם „גלות״ און ארץ ישראל קומט ווידער צום פאָדערגרונט דאָס פאָלק ישראל. דאָס לאַנד איז אייגנטלעך פאַר דעם פאָלק און ניט פאַרקערט. עס פאָדערט זיך דעריבער ניט צו ליקווידירן דעם „גלות״, ניט צו אונטערשעצן און מינדערווערטיק צו מאַכן די דיאַספּאָרע צוליב דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, נאָר פאַרקערט — צו באַנוצן זיך מיטן כוח פון אַן אויפגעבויט אייגן לאַנד — אויב דאָס לאַנד זאָל ווערן שטאַרק גענוג — צו פאַרבעסערן און פאַרפעסטיקן אַפילו דעם צושטאַנד פון די יידן, וואו נאָר זיי געפינען זיך.

ניט ארץ ישראל וועט אויפגעבויט ווערן אויף דעם חורבן פון דעם „גלות" און ניט דער „גלות" קאָן איגנאָרירן אָדער מבטל זיין דעם שעפערישן דראַנג, וואָס דער נאַציאָנאַל ציוניסטישער געדאַנק האָט ארויסגערופן אויפצובויען די יידישע נאַציאָנאַלע היים. עס דאַרף קלאָר זיין, אַז דורך דער פּאַרפעסטיקונג פון די יידן אין דער דיאַספּאָרע, דורך דער דערהויבונג פון זייער מצב אומעטום, וועט זיך פאַרפעסטיקן אויך ארץ ישראל, און פון דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד וועט אויך געהאָלפן ווערן דער „גלות".

דער קיום פון דער יידישער פאַרשפּרייטונג אין אַלע קיבוצים אויף דער גאָרער וועלט איז פאַר ש. ראַווידאָוויטשן ניט קיין אידעאַל, נאָר אַן אומבאַשטרייטבארער פאַקט, די ווירקלעכקייט פון פינף און ניינציק פּראָצענט פון יידישן פאָלק. לויט זיין האַלטונג קומט אויס, אַז דאָס פאָלק ישראל איז און דאַרף זיין אַן ענדציל, אַ הייליקער פאַרזוך, און מען טאָר זיך מיט אים ניט באַנוצן אַלס מיטל צו דערגרייכן אַן אַנדער ציל.

לויטן העכערן מאָראַלישן באַגריף, טאָר זיך ניט אין לעבעדיקער אָרגאַניזם דערנערן אויף דעם חשבון פון אַן אַנדערן, סיי פיזיש סיי גייסטיק, וואָרעם אַן אומפּראָדוקטיוו און אומשעפעריש לעבן איז ניט קיין לעבן בכלל. יעדער אָרגאַנישער צעל אין דער פיזישער נאַטור אַפילו פאָדערט זיין אייגענע נאָרונג און זיין אייגענע באַפרידיקונג. אַ פשיטא שוין אין דער מענטשלעכער גייסטיק קולטורעלער אַטמאָספער. דערפאַר איז ניטאָ קיין לאָגישע באַרעכטיקונג פאַר דער לערע פון „קולטורעלן צענטער" אין ארץ ישראל, וואָס זאָל דערנערן די דיאַספּאָרע. יעדער באַזונדערער קיבוץ מוז אַליין זאָרגן פאַר זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. פונקט ווי ער באַזאָרגט דאָס עקאָנאָמיש לעבן און קיין יידישער ישוב טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַ צווייטן. אָבער די גאַנצע יידישע געשיכטע לערנט אונדז, אַז דער יידישער גורל איז איינער און דערזעלבער פאַר אַלע זיינע טיילן, אַלע קיבוצים אין ארץ ישראל און חוץ לארץ... איין טייל פון פאָלק קאָן זיך ניט אין אַן עת־צרה ראַטעווען אויף דעם חשבון פון דעם צווייטן... און נאָר דאַן ווען מיר וועלן זוכה זיין צו אַ נייער וועלט־אָרדענונג, וואָס וועט אונדז געבן די רעכט אויף אַ בכבודיקער שעפערישער עקזיסטענץ פאַר אַלע יידישע מאַסן אומעטום אין אייראָפּע און אַמעריקע — וועט דאָס פאָלק זיין בכוח צו פאַרווירקלעכן די ערלעכע וויזיע פון בנין הארץ.

דעריבער דאַרף דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער, נאַציאָנאַל־ציוניס־טישער געדאַנק רעווידירט ווערן און איבערגעבויט ווערן אויף נייע יסודות, בכדי צו ווערן ווידער אַמאָל דינאַמיש־שעפעריש, ווי אין זיינע ערשטע געבורטס־טעג.

אונדזער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער געדאַנק מוז זיך באַפרייען פון דעם ענגן נאַציאָנאַליזם און זיך דורכדרינגען מיט די אידייען פון נייע צווישנפעלקערלעכע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל איינגלידערן דאָס גאַנצע יידיש פאָלק אין דער משפחה פון אַ פאַראייניקטער און פרייער מענטשהייט.

אַלס איינער פון די בויער פון יידישן (העברעאישן) רענעסאַנס, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער יידיש־טראַדיציאָנעלער אומגעבונג אין „גלות", אין דער באַנייטער און אָפגעפרישטער קולטורעלער אַטמאָספער, האָט ראַווידאָוויטש איינגעזאַפּט אין זיך זיין שטאַרקן גלויבן און דער לעבנס־פעאיקייט פון דעם יידישן קיבוץ אין גלות און האָט קלאָרער דערבליקט די אינערלעכע לעבנס־כוחות פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן אויפגעוואַכט יעדעס מאָל, ווען דאָס פאָלק האָט געשיינט צו זיין אויס־געשעפּט און דערשלאָגן אויף זיין לאַנגן געשיכטלעכן מאַרטירער־וועג. ער האָט דערשפּירט בחוש דעם איבערפלוס פון אינערלעכער רייכקייט ביי די גלות־יידן, וואָס איז געווען געענוג אי צו ביישטייערן צו פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, אי צו אויפלעבן אונדזערע אייגענעביידע שפּראַכן (צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור) אין אַ רייכער און הער־לעכער ליטעראַטור אויף זיי ביידע, און אויפצושטעלן אַ פּיאָנערן־באַוועגונג, אויפצובויען דעם ישוב אין ארץ ישראל, אויפצובויען אַ יידישע מדינה. דאָס איז אַ הערלעכע דערשיינונג און דאָס באַ־וואונדערט ראַווידאָוויטש, און דאָס האָט אים אינספּירירט צו זיין נייעם סינטעז פון דעם יידישן געשעפטלעכן נאַציאָנאַלן געדאַנק. „יעדער דור פון מצרים ביז פּוילן און ליטע האָבן אויפגעשטעלט ערלעכע גייסטיקע בנינים און האָבן אָנגעזאַמלט אוצרות, פון וועלכע די היינטיקע ארץ ישראל נאַציאָנאַלע היים שעפּט, מיט פולע הויפנס, און וועט נאָך ווייטער שעפּן כוחות און ענערגיע". אַזוי „רעהאַביליטירט" דעם גלות ראַווידאָוויטש אין זיין קאַמף קעגן דער „שלילת הגלות" פון דעם אומפּרוכטבאַרן אומשעפעריש געוואָרענעם ציוניסטישן געדאַנקענגאַנג.

דעם גרויסן ריס און אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן ארץ ישראל און דעם פאָלק ישראל אין „גלות", ד. ה. די תפוצות־ישראל,

האָט זיך ראַווידאָוויטש געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו היילן און באַזייטיקן דאָס צוקונפטיקע ווי דאָס הייַנטצייטיקע יידנטום איז און דאַרף פאַרבלייבן אומצעטיילבאַר. צווישן ארץ ישראל און חוץ לארץ איז דאָ און וועט זיין שטענדיק אַן אָרגאַניש־דינאַמישע פאַרבינדונג, באַזירט אויף דעם באַוואוסטזיין פון קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די נייע אָריענטאַציע פון נאַציאָנאַלן יידישן געדאַנק דאַרף דעריבער געווענדט ווערן צום גאַנצן יידישן פאָלק. קיין אמתער פריינט פון ציון חוץ דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ. דאַרף דעריבער דער יידישער ישוב ניט איזאָלירן זיך פון פאָלק אָדער מבטל זיין דעם גרעסטן רוב יידן, נאָר קולטיווירן פריינטשאַפט און ברודערשאַפט צום רעאַלן און לעבעדיקן יידישן פאָלק און זיינע מאַסן אומעטום, וואו זיי געפינען זיך.

מען קאָן זיך בלויז חידושן אויף דר. ראַווידאָוויטשן, דעם טיפן און אומפאַסנדיקן יידישן דענקער, וואָס גראָד אין די גרויסע פובליציסטישע אַרבעט זיינע האָט ער דערוויל ניט געפונען פאַר נויטיק צו אָנדייטן די עכטע צייכנס פון יידישן אייגנאַרט, די אָריגינעלע און ווערטפולע אַנדערשקייט פון דעם יידישן פאָלק אין אַלע זיינע טיילן.

דאָס וואָלט געווען ניט קיין אַפּאָלאָגעטיק פון גלות. נאָר עס וואָלט געהויבן אונדזער חשיבות ביי זיך אַליין, און וואָלט געהויבן אַ גרעסערע מאָס פון איבערצייגונג פאַר זיין אָפּשלאָגן די גלות־פאַרנייגונג און זיין אָפּאָזיציע צום פאַרגליווערטן ציוניזם.

און דאָ וויל איך געבן דאָס לעצטע וואָרט צום געערטן דר. ראַווידאָוויטש, הגם זיין טערמינאָלאָגיע וואָלט געדאַרפט פאַרן לייענער אפשר ווי־ניט־ווי אויפגעקלערט ווערן:

נאָר דורך איינשליסן אומקום (כליה) אין אויפקום (תקומה) און דורך דער אויפפאַסונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, ניט ווי אויפקום אָפּגעטיילט פון אומקום, נאָר אַלס אַזעלכע וואָס פאַרשלינגט אין זיך דעם אומקום און באַהערשט אים, וועט אויפשטיין יענע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל פאַרדינען איר נאָמען, וועלכע זאָל איינזאַפּן אין זיך דעם שעפערישן יידישן רעאַליזם, וואָס וועט אַריינגעמען אין זיך אַלץ וואָס לעבט און וויברירט מיט לעבן ביי אונדז.

די דאָזיקע באַוועגונג וועט ניט פאַרשלעפּערן דאָס פאָלק מיט אַן איינזייטיקער דערלייזונג; זי וועט אַרויסטרעטן צו דערמוטיקן אונדזערע מאַסן צו דערזען דעם אומקום צוזאַמען מיט דעם אויפ־

קום, און אויפוועקן צו הארטער שטייגנדיקער נאציאנאלער אנ־שטרענגונג אין אלע יידישע קבוצים, צו טיפער פאראנטוואָרט־לעכקייט פארן פאראייניקטן (געמיינזאמען) גורל צווישן איין טייל און אנדערע טיילן יידן, צווישן יידן און דער וועלט. עס ליגט אַ חוב אויף יידן צו שטארקן זיך קעגן די אומקום־כוחות, וואָס לויערן פון אלע זייטן, צו באַהערשן דעם שטן פון אומקום, צו באזיגן און פארטיליקן די געזעלשאפטלעכע הפקרות, די נאציאָ־נאלע מידקייט, די גייסטיקע אפגעלאָזנקייט — בקיצור, צו אויפ־רעגן און סטימולירן די כוחות פון אויפקום קעגן דעם אומקום, צו באזיגן דעם אומקום פון אינעווייניק. און דאָס קאָן גאָרניט געטאָן ווערן דורך וועלכער ס'איז באוועגונג סיידן דורך אַ גאנץ נייער באוועגונג, פאר וועלכער די פאָלקס־גאנצקייט אָן קיין שום פשרות און אָן קאָמפּראָמיסן וועט זיין אקסיאָמאַטיש.

אין דעם לעצטן סך־הכל, נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָריקן שטודירן און אנאליזירן דעם יידיש געזעלשאפטלעכן נאציאָנאלן געדאנק, קומט אונדזער חשובער דענקער און פּובליציסט, ווי מיר זעען, צום אויספיר און שלוס, אַז עס מוז געשאפן ווערן אַ נייע און אומפאסנדיקע פאָלקס־באוועגונג צו אקטיוויזירן אלע שעפערישע כוחות פארן יידישן אייגענעם און אייגנאַרטיקן לעבן אומעטום.

ב. ריווקין

I

ליטעראַרישע קונסט און שעפערישע ליטעראַטור־קריטיק

שעפערישע נאַטור פון ליטעראַטור און קונסט. — נייע שטרע־מונגען אין קריטיק־פעלד פון דער וועלט־ליטעראַטור. — דער קריטיקער אַלס שעפערישער קינסטלער. — שוואַך־אַנטוויקלטע ליטעראַטור־קריטיק. — ב. ריווקינס שעפערישע ראָלע אַלס ליטע־ראַטור־קריטיקער.

קריטיק אַלס פּראָדוקט פון ליטעראַרישן שאַפן איז מסתמא אַזוי אַלט ווי די ליטעראַרישע קונסט גופא אין אירע פּאָעטישע און פּראָזאַ־אישע פאָרמען. אָבער דורכגעמאַכט האָט זי אין דער וועלט־ליטעראַטור אפשר אַ פּיל גרעסערן פּראָצעס פון דיפערענצירונג און אַ לענגערן אַנטוויקלונגס־גאַנג.

הויפּטזעכלעך אין פאַריקן יאָרהונדערט איז אין איר קענטיג גע־וואָרן די ראַדיקאַלע ענדערונג. זי, די קריטיק איז צום אָנהייב גאַנץ ברייט געזעסן על כסא־המשפט צו אורטיילן און פאַראורטיילן מיט גרויס אויטאָריטעט די קונסט־ווערק צוזאַמען מיט זייערע שעפער אָדער אין בעסטן פאַל צו באַלערן און אויפקלערן, צו פעסטשטעלן כללים און אַרויסברענגען טעאָריעס.

ווייל דער נײַנצנטער יאָרהונדערט האָט געזען דעם גרויסן פּראָ־גרעס פון די וויסנשאַפטן, באַזונדערס די נאַטור־וויסנשאַפט, האָט זיך די ליטעראַטור־קריטיק אויך פאַרמאָסטן, פונקט ווי געוויסע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור גופא, צו ווערן אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעך און

אַנצואווענדן אַט אַזעלכע מעטאָדן אין דער אויספאָרשונג און אויפ־פאַסונג פון דער ליטעראַטור.

אָבער אַפילו דער גרויסער היפּאָליט טעין, מיט זיין גאַנצן דער־פינדערישן אַפּאַראַט פון אָביעקטיוון אַנאַליז, האָט ניט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען די קריטיק אין אַן אָביעקטיווער וויסנשאַפט. דאָס לעבעדיקע און ברויזנדיקע קינסטלערישע שאַפן, וואו עס פולסירט דער אינדי־ווידועלער אימפּעט, דער איבערראשנדיקער אימפּולס, די שפּרונגען און זיגזאַגן פון אויפבליץ, פון אידייען און וויזיעס, דאָס וויברירן פון דעם פילנדיקן און פילבאַרן האַרץ פונעם פּאָעט, איז ניט מסוגל געמאָסטן צו ווערן מיט דער טרוקענער און אַבסאָלוטער מאָס פון אָביעקטיוו פעסטגעשטעלטן געזעץ.

במילא איז געקומען די אַנטשיידונג, אַז אויב די שעפערישע קריטיק קאָן ניט און דאַרף ניט זיין אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעך, איז עס מחמת זי אַליין איז קינסטלעריש. עס שטעלט זיך, אגב, אַרויס, אַז יעדער גרויסער ליטעראַטור־קריטיקער שטרעבט גאָר צו שאַפן אַליין קונסט, ד. ה. אַ לאָגישע גאַנצקייט און לעבעדיקן צוזאַמענהאַנג פון די באַזונדערע ליטעראַרישע דערשיינונגען, אַזוי ווי דער גרויסער פּאָעט און קינסטלער שטרעבט צו שאַפן פון די דערשיינונגען פון לעבן, פון די נאַטור פענאָמענען, פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען און איבער־לעבונגען אמתע קונסט־ווערק.

די עכסטע קאָנסטרוקטיווע קריטיק, הייסט עס, טוט פאַר דער ליטעראַרישער קונסט, אַזוי ווי פאַר די אַנדערע קונסטן, דאָס וואָס דער קינסטלער טוט פאַר דעם לעבן, מיט אַלע לעבנס־דערפאַרונגען און דערשיינונגען. סיי דער ליטעראַרישער שעפער, סיי דער קריטיקער זיינען ביידע קינסטלער, מחמת ביידע האָבן צו טאָן מיט דערשיינונגען, וואָס זיינען ניט גרייט געגעבענע פון דער נאַטור צום מענטשן, נאָר געשאַפן פון אים אַליין.

דער מענטש, איז אַרומגערינגלט פון דער נאַטור מיט אַזעלכע האַרטע, האַרטנעקיקע פאַקטן, אַפילו ווען ער אַנערקענט זיי ניט אַלע. דער אוניווערז, אין וועלכן מיר לעבן, איז אונדז געגעבן אַ פאַרטיקער, און עס איז דאָ ווייניק וואָס מ׳זאָל קענען אומבייטן אַזוי ראַדיקאַל און אַזוי אָפט ווי מיר וואָלטן געוואָלט. אָבער די קונסט איז אין רשות פון דער מענטשלעכער פרייהייט, פון דעם שוואונג פון דער פאַר־שטעלונג און פאַנטאַזיע, און דער סוזשעט פון קינסטלערישן שאַפן ווערט, במילא, פון דעם קינסטלער און פּאָעט אומגעענדערט און

איבערמאָדולירט לויט די מענטשלעכע באַגערן, לויט די קאַפּריזן אָדער שעפערישע סטימולן פון דעם קינסטלער.

פאָדערט זיך טאַקע פון דעם עכטן, קאָנסטרוקטיוון קריטיקער, אַז ער זאָל פאַרמאָגן אַליין די קינסטלערישע נאַטור, כדי אויפצונעמען און אויפכאַפּן די ריין קינסטלערישע, דינסטע, איידלסטע שפּירונג אין דער קונסט און רעאַגירן דערויף. דער גייסטיקער אַפּאַראַט פון קריטיקער דאַרף אַליין זיין מסוגל צו וויברירן צום צאַרטסטן קלאַנג פון דער פּאָעטישער מוזע. פאַר אים דאַרף דאָס קונסט־ווערק זיין אַ נייע דערפאַרונג און פערזענלעכע איבערלעבונג, דער מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם שאַפן, און ניט בלויז אַן אָביעקט פון אויסערלעכן אורטיילן און דערקלערן.

דער שעפערישער קינסטלער, דורך זיינע פאַרשאַרפטע חושים, אַרבעט איינגנטלעך איבער זיינע דירעקטע לעבנס־דערפאַרונגען און פאַרוואַנדלט זיי אין זיין קינסטלערישער וויזיע. באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק קומט אַריין אַ סדר, אַ סימעטריע און האַרמאָנישער ריטם אין דעם כאַאָטיש פאַרפלאָנטערטן קנויל פון די רויע לעבנס־דערפאַרונגען און דערשפּירונגען אין דעם קונסט־ווערט, און דאָס שאַפט אַן עסטעטישע באַפרידיקונג. אַלץ ווערט פאַרשטענדלעך אין טערמינען פון מענטשלעכן געדאַנק און אין איינקלאַנג מיט מענטשלעכע געפילן. די פאָרשטעלונגען פון דעם קונסט־געניסער ווערן אָנגערעגט און דאָס גופא מאַכט אים פאַר אַ שותף צו דער יצירה.

דער גרויסער קריטיקער איז אויך, אַנאַלאָגישערווייזע, אַ שעפערישער קינסטלער. קודם כל איז ער דער „פאַר עקסעלאַנס" געניסער פון קונסט־ווערק. ניט נאָר דערשפּירט ער דאָס קינסטלערישע שאַפן, נאָר הויפּטזעכלעך, דורך פאַרבינדונגען און אַסאָסיאַציעס מיט זיינע אייגענע אידייען און געפילן, מאַכט זיין אייגענער גייסט דורך „אַוואַנטורעס צווישן די מייסטערווערק". מיטן כח פון זיין אייגענער אינטואיציע דערבליקט ער און ברענגט אַריין גאַנצקייט און אָרדענונג אין דער וועלט פון ליטעראַרישן און פּאָעטישן שאַפן. מיט זיין אַליין דורכלעבן און דערפאַרן די קונסט־ווערק באַהעפט זיך דער קאָנסטרוקטיווער קריטיקער מיט די קינסטלערישע דערשיינונגען און אַנטדעקט און אַנטפלעקט בליצאַרטיק דעם תוך און תמצית פון די קונסט־ווערק אין זייער צוזאַמענהאַנג.

עס איז מערקווירדיק, אַז די איניציאַטיוו אין דער נייער ריכטונג פון קאָנסטרוקטיווער ליטעראַרישער קריטיק האָבן גענומען די קינסט־

לער גופא, וועלכע האָבן דערשפירט די נייערע און אייגנטלעך עכטע פונקציע פון קריטיק. אַזוי האָט דער גרויסער אַנאַטאָל פראַנס זיך גענומען אָנצופירן מיטן רודער פון קריטיק נאָך היפּאָליט טעינען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. איז דען סעינט בעוו, פריער נאָך, דער אָריגינעלסטער פראַנצויזישער פּרוכטבאַרסטער קריטיקער ניט געווען איינצייטיק אַ דיכטער, כאָטש ניט פון אַזאַ הויכן ראַנג? אַזוי אויך האָט דער דיכטער קלאַרידזש נאָך פיל פריער מיט אַ באַנייטער וויזיע אַרויסגעפירט די ענגלישע קריטיק אויף די ברייטע וועגן פון שאַפן און האָט אַרויסגערופן די אויפלעבונג פון דער ענגלישער קריטיק ביז ס'איז געקומען וואַלטער פּאַטער און אַנדערע נאָך אים.

די נייע, קאָנסטרוקטיווע ליטעראַטור־קריטיק האָט געוויס געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אין דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור, צו מיטשאַפן און געבן אַ ריכטונג דער ליטעראַטור, צו פאָרמולירן און בולטער אַרויסברענגען דעם צוזאַמענהאַנג און צונויפגוס פון אַלע פאַרשידענע פּראָדוקטן אין איין שטראָם פון אַ גאַנצער ליטעראַטור.

***

פון אַזאַ מין שטאָף ליטעראַטור־קריטיק איז אויך געקנאָטן אין אונדזער יונגער יידישער ליטעראַטור, צום ביישפּיל, ב. ריווקינס קריטיק.

נאַטירלעך האָט אונדזער ליטעראַטור־קריטיק נאָך קוים באַוויזן זיך איינצובירגערן, איינוואָרצלען זיך, דורכצומאַכן כאָטש אַ געוויסן אַנטוויקלונגס־גאַנג, אין דערגרייכן אַ מדרגה פון דיפערענצירונג. איז טאַקע ברוך ריווקין ביי אונדז דערווייל דער יחיד במינו, וואָס האָט אַריינגעטראָגן סימנים פון עכטער שעפערישער קריטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. דער שעפערישער עלעמענט בייגט זיך אַרויס ביי אים, צום ביישפּיל, דורך דעם פּאַטאָס און התלהבות, וואָס עקספּלאָדירן ביי אים פון דעם פונק פון אינטואיטיווער אַנטפּלעקונג און אַנטדעקונג. דורך זיין, אַזוי צו זאָגן, קינסטלערישן טעמפּעראַמענט באַהערט ער זיך און ווערט דורכגעדרונגען מיט די באַזונדערע אינדיווידועלע קינסטלערישע דערשיינונגען; און אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם ווערט ביי אים אַרויסגעקריסטאַליזירט אויף אַ מאַגישן אופן און אויסגעפאָרמירט דער עצם כאַראַקטער און די גרינטלעכע אייגנטימלעכקייט פון דעם אָדער יענעם יידישן פּאָעט אָדער דערציילער.

כמעט אַלע זיינע עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן באַזונדערע שרייבער, דיכטער אָדער דערציילער זיינען, אין תוך גענומען, אין

זייער אינערלעכן געבוי, ווי אַ פּאַרבאַרייטונג פאַר דער שטימונג, פאַר דעם גייסטיקן אינטואַיטיוון מאָמענט, ווען דער קינסטלערישער בליץ, דער ניצוץ פון גאונות, גיסט זיך צונויף מיט דעם אָביעקט גופא פון זיין שטודיום און באַטראַכטונג. אין אַ געוויסן אויגנבליק ווערט ביי אים כמעט עפּיגראַמאַטיש אַרויסגעשטראַלט, ווי פון זיך אַליין, דער תוך און תמצית פון דעם אינדיווידועלן קינסטלער, מחמת פאַראויס דער לאָגיק לויפט ביי ב. ריווקינען די קינסטלערישע אינטואיציע.

אָט זיינען אייניקע מוסטערן פון ריווקינס אינטואיטיווע ניצוצות און קינסטלערישע אָפּשלוסן וועגן גרויסע יידישע שעפערישע קינסטלער.

שלום אַש איז אָנגעלאָדן מיט אַטמאָספערישער וואונדער־קראַפט און מיט דעם הייסן „שטעטלשן" אָטעם. שאַפט ער אַטמאָס־פערישע מופתים אין אַלץ וואָס ער רירט אָן.

וועגן י. ל. פּרץ:

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זיינען שוין כמעט אַ ספּעצי־עלע קונסט־פאָרעם, וועלכע איז אַן עכטער פּראָדוקט פון דער ירושה־טענדענץ, ד. ה. באַוואוסטזיניקער טראַנספאָרמירונג פון דער געירשנטער גלויבנס־ענערגיע אין מאָדערנער מאָראַל־ענער־גיע דורך קינסטלערישע מיטלען.

רייזען גרייכט צו דער אונטערשיכט פון לעבנס־געמיט, וואָס איז די יידישקייט פון דעם יידן.

ער (ליעסין) האָט זיך געשאַפן אַ פּאָעטישע רעאַליטעט, וואָס איז עקוויוואַלענט צו רעליגיע, וואָס קען פאַרבייטן פאַר דעם מאָדערנעם ייד רעליגיע.

וועגן יהואָש:

דאָס פאַרליבט גלויביק זיין אין אַ זאַך, וואָס איז נאָך ניטאָ און דאַרף ניט זיין — היפּנאָטיזירטער ליבע־גלויבן — דאָס איז די גרונט־שטימונג וואָס האָט יהואָשן באַהערשט, באַגליקנדיק אים מיט זיינע העכסטע פּאָעטישע אַנטציקונגען, איבערשפּאַרנדיק דעם סקעפּטיקער.

אָדער וועגן אָפּאַטאָשו:

ער שניידט פון זיך קאַלטבלוטיק שטיקער האַרץ אויף אַוועק־צושענקען זיין העלד... ער לויפט שנעל, שנעל האַנדלענדיק, דער־

ציילנדיק פון פינטעלע צו פינטעלע, ביז ער דעקט דעם גאַנצן שטח, פון צייט ווערט אָרט... אַזוי אויך איז געבויט דער ראָמאַן „די פוילישע וועלדער": דורכגעלאָפן דורך אַ שטרעקע צייט און עס איז געוואָרן דער אָרט — פוילן.

אַזוי טרעפלעך שאַרף און באַשטימענד אויסגעפונען טרעט אַרויס דאָס אייגנטימלעכע אין יעדער פּאָעטישער און קינסטלערישער דערשיינונג, וועלכע רעגט אים אָן, ווייל ער דערשפּירט דאָס אינטימע און טיף פאַרבאָרגענע, — אויב אַפילו מיט דעם לאָגישן אַנאַליז. אומציילקע ציטאַטן פון זיין רעאַגירן איבער אונדזערע יידישע קינסטלערישע ווערק וואָלטן געקענט באַשטעטיקן דעם דאָזיקן בליצאַרטיקן שעפערישן כאַראַקטער פון ב. ריווקינס ליטעראַרישער קריטיק.

ריווקינס ליטעראַטור־קריטיק גיט אונדז אַ געוויסע האָפענונג, אַז אויך דער דאָזיקער צווייג פון ליטעראַרישן שאַפן זאָל אונדז ברענגען יענע שעפערישע דערגרייכונגען, צו וועלכע אונדזער אויפשוואונג פון קינסטלערישן שאַפן האָט שוין דערפירט אין דער יידישער ליטעראַטור.

II

ב. ריווקין: דער ליטעראַטור־קינסטלערישער קריטיקער

1

אַליין אַ יוצא ונכנס אין די אינעווייניקסטע קאַמערן פון אונדזער נייער גייסטיקער מלוכה, אַ בן־בית פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע, איינער וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט דער יידישער פּאָעטישער אויפלעבונג אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, — איז ב. ריווקין, דער ליטעראַטור־קריטיקער, שוין מיט זיין צוגאַנג גופא צום פּאָעטישן שאַפן געוועזן אַ נייע און אפשר די אָרגינעלסטע דערשיינונג אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

לויט זיין גייסטיקן מהות איז ער געווען דער איינציקאַרטיקער און איז פאַרבליבן דערווייל דער איינציקער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער,

וועלכער איז ראוי באַצייכנט צו ווערן אַלס פּאָעטישער קריטיקער, אָדער גיכער אַלס קריטיקער־פּאָעט, באשר ער האָט פאַרמאָגט אַלע פּאָעטישע אַטריבוטן און אייגנשאַפטן און האָט זיי אָפט באַנוצט אין פּראָצעס פון זיין שאַפן.

אַליין אַ פּאָעטישע נאַטור, האָט ב. ריווקין געלאָזן זיין קריטישן אינסטרומענט צו וויברירן אין טאָן מיטן מינדסטן קלאַנג פון דער פּאָעטישער לירע פון אַ פלעיאַדע באַגאַבטע יונגע דיכטער. במילא האָט ער קינסטלעריש רעפּראָדוצירט, איבערגעשפילט די אינטימסטע טענער אויף זיינע אייגענע סטרונעס, מיט פיל פּאַטאָס און עקסטאַז, מיט ווירטואָזיטעט, קען מען זאָגן.

ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו דערגרונטעווען פּסיכאָלאָגיש די סאַמע יסודות פון פּאָעטישן שאַפן און האָט זיך פאַרנומען, זיך פאַר־מאָסטן צו פאָרמירן און אַוועקלייגן די גרונטלאַגעס פון דעם „נייעם יידישן ליד״, פון דער אויפגעלעבטער יידישער פּאָעזיע. ניט נאָר האָט ער אויפגעדעקט דעם נייעם פּאָעטישן דראַנג, נאָר נאָך מער ווי דאָס; מיט גרויסער אינטואיציע און וויזיאָנערישער קראַפט האָט ער אָנגעצייכנט די נייע שטעגן און וועגן פאַר דער יידישער פּאָעטישער קונסט אין דער ריכטונג צו זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־אויסדרוק, כדי צו געפינען איר אייגנאַרטיקייט און געוויינען אָנזען און אָריגינאַליטעט.

אין דעם בוך „יידישע דיכטער אין אַמעריקע״, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט, אַזוי ווי כמעט אַלע אַנדערע ווערק פון דעם מחבר, זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן די צעזייטע און צושפּרייטע גלענצענדע קריטישע עסייען פון ב. ריווקין, צום ערשטן מאָל צווישן צוויי טאָוולען. אין זיי ווערן, מיט גרויסער פּאָעטישער קראַפט און מיט הויכן אינטע־לעקטועלן באַוואוסטזיין, אַרויסגעבראַכט און אילוסטרירן די קאָנסטרוק־טיווע געדאַנקען און געפילן פון איינעם פון די גרויסע שעפערישע גייסטער פון אונדזער צייט.

אינטואיטיוו, אָדער כמעט אינסטינקטיוו, האָט ער אויפגעכאַפּט דעם תוך און תמצית פון יעדער פּאָעטישער דערשיינונג, מיט וועלכער ער איז געקומען אין באַרירונג. און ווי אַזוי? פּשוט, ווייל די דאָזיקע דערשיינונג האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי אים נאָך איידער ער האָט געפּרואווט זי צו אַנאַליזירן. וואָרעם ריווקינס קריטיק, ווי מען קען זען בחוש, איז גיכער געווען אַ איבער־דיכטונג און רעפּראָדוצירונג פון דעם פּאָעט, און קודם־כל אַן אייגענע איבערלעבונג און האָט שטענדיק אָנגערעגט דווקא דעם „צענטראַלן נערוו״ פון זיין אייגענער שעפע־רישקייט.

„דאָס איז דאָך די אַנדערשקייט פון ליד, וואָס אַרבעט ניט מיט לאָגיק", זאָגט אונדזער קריטיקער אינעם עסיי „דאָס ליד וואָס ווערט גלייך מקוים", וועלכער דינט, אגב, אַזוי טרעפלעך פאַר אַן אַריינפיר צום בוך, און שטעלט אפשר טאַקע פאַר ב. ריווקינס גופא ליטעראַרישן מאַניפעסט און אַ מין דעקלאַראַציע.

און ווייטער:

> לאָגיק פעלשט די איבערלעבונג... זי נעמט בלויז דאָס אַלגעמיינע פון דער איבערלעבונג... טרעפט ניט דעם לייענער אין האַרצן... איז דאָך דער תמצית פון ליד אַנצושטעקן און פאַרכאַפּן. צו רעאַליזירן — וואָס און ווירקלעך מאַכן — די איבערלעבונג פון פּאָעט און לייענער.

אויפן שטייגער פון די גרויסע שעפערישע קריטיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור, צו וועלכע ער דערנענטערט זיך מיט זיין אייגענעם שעפערישן דראַנג, איז ריווקין אויך דער פאַרמיטלער צווישן שרייבער און לייענער, ד. ה. דעם וואָס דאַרף פון קינסטלערס פּאָעטישן שאַפן באַווירקט ווערן. ער איז קודם־כל אַליין אַ לייענער און פאַרנעמט זייער ערנסט און סימפּאַטיש די פּראָבלעמען פון לייענען. שרייבט ריווקין:

> וואָרעם דער לייענער איז בבחינת פּאָעט — אַ שטומער פּאָעט — מיט אַ שטיקעלע נשמה־יתירה, מיט אַ ניצוץ רוח־הקודש, נאָר אָן אַ ליד. זיכער האָבן זיינע איבערלעבונגען ריטם — די נשמה פון אַ ליד — נאָר איינגעדרעמלטן ריטם. און אַ ליד דאַרף אונטערקומען דעם ריטם אויפצוואַכן... קומט קיין ליד ניט אונטער בלייבט גאַרנישט, שטאַרבט אָפּ אַ שטיק חיות... און ווען קיין פּאַסיק ליד איז ניטאָ... כאַפּט ער זיך אָפּט צו אַן אומגעלומפּערטער האַנדלונג ווי צו אַ סימבאָל, וואָס דאַרף אויס־דריקן די אַנגעקוואָלענע איידעלע שטימונג...

אמת, אין זיין עקזאַלטירטער קריטיק פאַלט אָפּט ריווקין אַריין אין גרויסצוגיקער און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן היפּערבאָלישקייט, ווען ער רעדט פון דער „מאַגיק פון וואָרט". אַליין אַזוי שטאַרק עמפּינדלעך צום פּאָעטישן שאַפונג־פּראָצעס, האָט ער דערשפּירט און אין פאַר־גרעסערטער מאָס אפשר דערזען די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן נס — פון אויפבלויז און אויפבלי פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע.

אָבער טאַקע דערפֿאַר ווייל ער האָט געלעבט אין דער גייסטיקער אַטמאָספֿער, וואָס איז דורך און דורך פּאָעטיש, איז זיין קריטיק, וואָס האָט געזוכט צו רעוווידירן אָדער באַשטימען אויף דאָס ניי דעם תוך און קערן פֿון דער יידישער פּאָעזיע — בכדי דייטלעכער צו מאַכן דעם אָנזאָג פֿון דער נייער פּאָעטישער פֿאַרווירקלעכונג — באמת געווען אַזוי קאָנסטרוקטיוו־רעוואָלוציאָנירנדיק:

> דאָס אַלטע ליד — וואָרט במקום טאַט; דאָס נייע ליד — וואָרט־טאַט... ווען דער פּאָעט לעבט זיין אייגן ליד — דעקלאַרירט ב. ריווקין — ווען פֿריער פֿון אַלץ ווערט אין אים אַליין מקוים, אַז וואָרט איז טאַט, — דעמאָלט ווירקט עס מאַגיש אויף דעם לייענער אויך...

די פּאָעטישע איבערלעבונג און דערפֿאַרונג, אַלס באַזיס פֿאַרן פֿאַרטיפֿטן שאַפֿן, און די ווידער־איבערלעבונג און דערפֿאַרונג פֿון דעם פּאָעטישן ווערק דורכן קריטיקער און לייענער (וואָס איז אייגנטלעך דער ניט־אַרטיקולירטער קריטיקער און דער „שטומער פּאָעט".) האָבן עס געגעבן גרונט ריווקינען צו דערקענען די אמתע פּאָעזיע און דאָס אויפֿריכטיק־פּאָעטיש שאַפֿן דאָרט, וואו מער ניכטערע גייסטער האָבן עס ניט דערזען אָדער גאָר אָפּגעלייקנט.

אָט זאָגט ריווקין וועגן מאָריס ראָזענפֿעלד: „זיין שוואַכסטע ליד פֿאָדערט אַ פּאָעט פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַסער," און ער גייט איבער צו באַווייזן, אַז כאָטש פֿאַר מאָריס ראָזענפֿעלד איז אַלץ גוט געווען פֿאַר אַ פּאָעטישער טעמע, האָט ער אָבער אַלס עכטער פּאָעט פֿאַרמאָגט גענוג ווירקלעכע און ווירקזאַמע איבערלעבונגען אויפֿצובויען אין אים דעם פּאָעט:

> אַ געוואַלדיקע גלויבנס־קראַפֿט איז אין אים פֿאַרלאָרן געגאַנגען און דאָס איז נאָך מער פֿאַרדראָס, וואָס זי איז אין אים איינגעבוירן געווען... (יהואש איז באַרופֿן צו אַנטפּלעקן די ריינע ליטעראַרישע פֿאָרעם פֿון יידישן גלויבן... אַ גאָט־מענטשלעכע פֿאַראיידעלונג פֿון אונדזער אידעאַל...)

אַזוי גייט ריווקין צו, כסדר, צו יעדן צוועלף־דרייצן רעפּרעזענטאַטיווע פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער פּאָעזיע, וועלכע זיינען פֿאַרטראָטן אין אָט־דעם באַנד עסייען (מ. ראָזענפֿעלד, יהואש, א. ליעסין, א. רייזען, ה. רויזענבלאַט, משה נאַדיר, מ. ל. האַלפּערן, מנחם באָריישאָ, ה. לייוויק), און אַנטדעקט דאָס פּינטעלע פּאָעט אין יעדן איינעם פֿון זיי.

אַט למשל, אין עסיי וועגן י. ראַלניק האָט ריווקין אַזאַ אַריינפיר:

וועגן איינס אָדער צוויי לידער זאָגן עדות אויף עמיצן אַז ער איז אַ פּאָעט, איז ער שוין דערהויבן איבער אייער „קריטיק". איר מעגט אויסזעצן חסרונות וויפיל איר ווילט, אָבער אַזוי לאַנג ווי איר האָט ניט אויסגעשעפּט דאָס גוטע, וואָס אין דעם פּאָעט איז פאַראַן, אָדער לכל הפּחות אַזוי לאַנג ווי איר האָט נישט אָנגעטראָפן זיין פּאָעטישן סימן און ניט אויסגעלערנט זיך אים זען אין די לידער, וואָס איר רופט אָן שלעכטע, איז אייער קריטיק ווערטלאָז...

אָבער דער עיקר וואַרפט אונדזער פּאָעטישער קריטיקער אַן גאַנצע בילדער פון יעדער באַזונדערער פּאָעטישער דערשיינונג און ברענגט אַרויס מיט קלאָרער העלזעערישער וויזיע דעם דראַמאַטישן גאַנג פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון די אינדיווידועלע שעפער.

איז דאָך אין יעדער לעבנס־דערפאַרונג פאַראַן אַן עלעמענט פון קאָנפליקט און שטרייט, וואָס מאַכט אַזוי דראַמאַטיש און אָפט טראַגיש די פּאָעטישע קונסט גופא. אין יעדער איבערלעבונג איז אָבער אויך פאַראַן ריטם, סימעטריע און באַלאַנס, מיט וועלכע עס אָטעמט דאָס פולסירנדיק לעבן. פון דאַנען שטאַמט די עסטעטישע פאָרעם פון דער פּאָעזיע, וועלכע ריווקין דער קריטיקער פאַרלייקנט ניט און פאַר־דרענגט ניט, נאָר וועלכע ער וויל אָנפילן און אויספילן מיט נייעם און אַלט־נייעם אָריגינעלן עכט־יידישן אינהאַלט.

אָט איז אַ ביישפּיל ווי אַזוי דער שעפערישער קריטיקער גיסט זיך צוזאַמען מיטן אָביעקט פון זיין קריטיק. ווידער — אין עסיי וועגן ראַלניקן, ווען ריווקין שטעלט זיך אָפּ אויפן אַלעגאָרישן כאַראַקטער פון דעם פּאָעט, פאַלט ריווקין אַליין אַריין אין דעם עצם סטיל און נוסח פון דער אַלעגאָרישער פּאָעזיע און הויבט אָן ריידן מיט משלים:

שטעלט אייך פאָר, אַז איינער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ נייער ערד, וועלכע איז מיט אַ באַרג העכער פון אונדזער נידע־ריקער ערד, און ער עפנט אַ פענצטערל און וויל אַראָפּשרייען צו די מענטשן פון אונטן וועגן די וואונדער פון דער נייער ערד. וואָס פאַראַ שפּראַך וועט ער ריידן? ער וועט ריידן די ווערטער פון אונטן, אָבער הערן דאַרף מען אין זיי די וואונדער פון אויבן. און איינער, וואָס רעדט אַרויס פון די טיפענישן פון זיין נשמה — די טיפענישן פון אַ מענטשנס נשמה — געפינען זיך אַלע מאָל אויף אַ באַרג — דאַרף אַרויסשרייען משלים און רמזים.

2

מיט דעם גאַנצן ברען און ברויזן פון זיין פאַנטאַזיע און זיינע עמאָציעס, און, דער עיקר, מיט זיינע פּאָעטישע און ליטעראַריש־קריטישע וויזיעס, האָט ריווקין אין זיין גייסטיקער קרובהשאַפט צו דער אויפבליאונגס־פּאָעזיע פון די „יונגע", שטענדיק געצילט אין דער סאַמע עסענץ פון דעם עכטן פּאָעטישן שאַפן. אויסער דער עסטעטישער פאָרעם, האָט ער דערזען די געוואַלדיקע פונקציע פון דער פּאָעזיע צו פורעמען און קריסטאַליזירן די כאַאָטישע ווירקלעכקייט.

> אַ ליד איז אַן אַריינבליק אין דער ווירקלעכקייט, וואָס אַנט־פלעקט אין איר אַ נייעם זין. וואָרעם די ווירקלעכקייט, ווי זי דערלאַנגט זיך דעם פּאָעט, איז קיינמאָל ניט פּאַרטיק; אַלעמאָל פּאָרמענלאָז און גאַנץ אָפּט זינלאָז, און יעדער פּאָעט האָט אַ וויזיע וואָס דינט אים פאַר אַן אינסטרומענט אויף צו פורעמען זיין ליד — אַפילו ווען ער רעדט קיינמאָל ניט אַרויס, ווען ער ווייסט פון איר ניט... (פון דעם לייוויק־עסיי „ליד עבודה").

די גרויסע וויזיע ריווקינס, די זעאונג פון דעם נייעם ליד, אָדער פון באַנייטער יידישער פּאָעזיע, איז אַרויסגעוואָקסן פון די העכסטע אַלטרואיסטישע אידייען און אידעאַלן פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט. די קערנער זיינע זיינען פאַרזייט געוואָרן שוין צוריק מיט טויזנטער יאָרן דורך אונדזערע ביבלישע נביאים, די גרעסטע פון שעפערישע גייסטער, ווי ישעיהו, עמוס, מיכה המורשתי און אַזוי ווייטער.

איז דען ניט אויסגעפאַלן דער גורל אויף אונדזער יונגער און יינגסטער ליטעראַטור און פּאָעזיע אויפצושטייגן אין דער עפּאָכע, ווען דער ענין פון סאָציאַלער צווישנפעלקערלעכער גערעכטיקייט ווערט, כאָטש זייער לאַנגזאַם און מיט שוידערלעכע עקליפּסן, אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט פון דער געשיכטע? איז דען ניט די עכט שעפערישע יונגע פּאָעזיע ביי אונדז די אמתע און דירעקטע יורשטע פון דער גרויסער טראַדיציע, וואָס האָט צוגעשטעלט די שענסטע מוסטערן פאַר דער דערהייבנסטער אינספּיראַציע פון דעם אוניווערסאַלן מענטשלעכן גייסט, די גרעסטע אוצרות פון קונסט און פּאָעטישן שאַפן? און אָט די וויזיע ריווקינס ציט זיך דווקא אין דער ריכטונג פון דעם „נייעם ליד". ער שרייבט:

דאָס וועט זיין אַ ליד וואָס וועט דירעקט ווירקן — מענטש פורעמדיק... דאָס וועט זיין אַ ליד וואָס וועט ווירקן נביאיש... נבואה איז געווען די עכטע יידישע קונסט; קונסט, ניט ווי מען מיינט מוסר־זאָגעריי און אמת־זאָגעריי — אין אַבסטראַקט... קונסט, נאָר אַנגעווענדט אויפן לעבעדיקן מענטשן אַנשטאַט אויף פּאַרב, ליים און שטיין... און נבואה האָט זיך באַנוצט מיט אַלע גרונט־עלעמענטן פון קונסט — מיט ריטם, בילד, פאַנטאַזיע, אויף איבערגעשטאַלטן לעבעדיקע מענטשן און מאַסן...

ווען ס'וועט קומען אַ סינטעז צווישן נבואה און ליד, וועט די נאַטירלעכע קונסט פון דער נבואה פאַרשטאַרקט ווערן מיט דער קינסטלעך קינסטלערישער טעכניק, וואָס איז אין ליד אַריינגעאַרבעט געוואָרן דורך דורות פּאָעטן... די נבואה וועט איר (דער קונסט) דעם ציל געבן; און די קונסט וועט, פון איר זייט, דער נבואה אַנטקעגן געבן איר מעטאָד פון אויפנבליקלעכער באַאיינפלוסונג. דענסטמאָל וועט מקוים ווערן דאָס „מאַגישע ליד".

דערפאַר הערט טאָקע ב. ריווקין ניט אויף צו באַטאָנען און אונטערשטרייכן דעם עכטן נביאישן פּאַטאָס און די משיחישע אויסלייזונג־אידייע ביי די בעסטע פאַרשטייער פון דער אַמעריקאַניש־יידישער פּאָעזיע, ביי א. ליעסין אַזוי גוט ווי ביי מ. ל. האַלפּערן, לייוויקן אָדער ביי יוסף ראָלניקן.

ביי וואַלטן (ליעסין) איז דער סאָציאַליזם געוואָרן דער לבוש פאַר זיין אייביקן יידישן ברען... די יידישע נבואה און די יידישע געשיכטע באַרעכטיקן יידן צו זיין די ערשטע און אויסדערווײלטע אין קאַמף פאַר סאָציאַלער גאולה.

וועגן מ. ל. האַלפּערן:

ער האָט געקלעטערט באַרג־אַרויף צום העכסטן סינטעז, וואו דאָס יידיש־נביאיש און פריי־קינסטלעריש ווערן איינס; זיין העכסטע דערגרייכונג וואָלט געווען נביא־קינסטלער צוזאַמען...

איבער לייוויקן:

די משיח־זעאונג איז געווען לייוויקס הויפּט־אינסטרומענט אויף צו פורעמען זיין ליד און אַלע גרעסערע ווערק, וואָס האָבן געהאַט די כוונה איינצופאַסן די יידישע ווירקלעכקייט, אויף צו אַריינצוגעבן אין איר דערלייזונגס־זין פאַר איר קינפטיקער איבערפורעמונג און איבערשטאַלטונג...

מיט מנחמען דיסקוטירט ריווקין און לייקנט אָפּ יענעם אַנטי־משיחיזם:

ווי קען מען אַוועקנעמען ביי שניאור־זלמן פון ליאַדי דעם בעל־שם־טוב, די משיח־אמונה? פאַרקערט, דאָס איז געווען די משיח־אמונה, די משיח־וויזיע, וואָס האָט זיי ביידן אַרויסגערופן, געפורעמט און באַשאַפן... בפרט קינסטלער אַוודאי, קאָנען זיי ציען און האָבן געצויגן שעפערישע פּעולה פון דער משיח־געשטאַלט, משיח־וויזיע. און מנחם, אונטערגעבנדיק זיך דעם אומקינסטלערישן אַנטי־משיחיזם, האָט זיין ווערק („דער גייער" —ש. ל.) קינסטלעריש געשעדיקט... די אַנטי־משיחיסטישע טענדענץ איז ניט נאָר אומקינסטלעריש, נאָר אויך אומעטיש...

און אין דער עסיי וועגן ראַלניקן:

פון אַ וואָרטשפּיל איז די נביאישע זעאונג אַרויסגעשפּרונגען און דאָס לכתחילהדיק וואָרטשפּיל פאַלט אַוועק און ביים נביא שטעלט זיך אָפּ די פעאיקייט צו געבן געבורט צו משלים־זעאונגען דירעקט...

אָבער אויפן וועג צו גאָט איז דער שעפערישער ייד — דער נביא — פאַרטיק געוואָרן פאַר דער הויפט־יידישער וויזיע, די איבערגעשטאַלט, צו וועלכער דער נביא האָט געגעבן געבורט — משיח...

געדאַנקען — געפילן — בילד... דאָס אַלץ האָט זיך איבער־געגעבן בירושה פון נביא צום יידישן פּאָעט — צו יעדן יידישן פּאָעט פון גרעסערן שניט. בפרט קינסטלער, קאָנען אַוודאי ציען און האָבן געצויגן שעפערישע פּעולה פון משיח־געשטאַלט...

אין זיין געוויסן קול־קורא „צו אונדזערע שריפטשטעלער", וואָס דער קריטיקער האָט פאַרעפענטלעכט אין דוד איגנאַטאָוס „שריפטן" (באַנד 2), האָט באמת אויפגעבליצט די גרויסע וויזיע ריווקינס, וואָס האָט אים געהאָלפן צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות פון אוניווער־סאַלן כאַראַקטער און באַדייט פון דעם יידישן פּאָעטישן שאַפן. מיר ציטירן דאָ — כאָטש גאַנץ קורץ — פון יענעם עסיי זיינעם:

אין דעם יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין איז דאָ אַן אוצר, וואָס האָט אויסגעטיילט און וועט אויסטיילן געשטאַלטן נאָך געשטאַלטן,

וואָס פלייצט און וועט פלייצן מיט שטימונגען און געשטאַלטן, דער־הויבענע, דערלייזנדע, אָנשטעקנדיקע, היפּנאָטיזירנדע און פאַר־וואַנדלענדיקע פאַר אונדז יידן און פאַר אַלע פעלקער — און דער אוצר און דער קוואַל איז די משיח־געשטאַלט. עס איז שוין פאַראַן אַ היפּשע צאָל געשטאַלטן אַזעלכע אין אונדזער ליטעראַטור — עס שימערט פון זיי סימבאָלישעס, נביאישעס. זיי זאָגן וואָס אָן. נאָך אַ רגע און זיי וועלן ברענגען אַ דערקוויקנדיקע בשורה, אַ לאָבונג דער אינטעליגענטער יידישער נשמה. נאָך אַ רגע און זיי וועלן אַ מופת באַווייזן. זיי וועלן אונדז בענטשן און מיר וועלן אויפ־געריכט און אויסגעלייזט ווערן.

אַט־דאָ אין זיין הויפּט־זעאונג פון דער יידישער פּאָעזיע, האָט ריווקין געפונען דעם ברען־פּונקט, דעם „פאָקוס", פון אַלע זיינע פּאָעטיש־ליטעראַרישע וויזיעס — און האָט אויפגעשטעלט און אָנגעצייכנט די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע שלעסער און טורמעס פאַר דער יידישער שעפערישער קונסט.

טיילוויז האָט ער שוין געפונען זיינע אייגענע רעגונגען, שטימונגען און וויזיעס פאַרקערפּערט אין די ווערק פון דעם יונגן דור יידישע קינסטלער, ביי די „פּאָעטן פון דעם נביאישן גאַנג". ער האָט אָבער ביי זיי אַלעמען אַנטדעקט די אינערלעכע קאָנפליקטן און ראַנגלענישן, דעם ויתרוצצו צווישן דעם פּאָעט־עסטעט און דעם „נביא — דעם זאָגער".

מען דאַרף געדענקען, אַז נאָך איידער די יידישע ליטעראַטור איז אויפגעשטאַנען, זיינען עס געווען אויך די יידישע שעפערישע גייסטער, גרויסע פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע זיינען פאַרוואָגעלט געוואָרן אין דעם „גייסטיקן גלות" פון די גרויסע וועלט ליטעראַטורן, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך אין זייער אייגענעם שאַפן טיפע וואָרצלען און ענגע פאַרבינדונגען מיט דעם יידישן עטישן אורשפּרונגלעכן מהות. זיינען עס געווען, למשל, אַזעלכע פּאָעטן און קינסטלערישע שעפער, ווי אַ היינע, אָדער יאַקאָב וואַסערמאַן, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט די דאָזיקע קאָנפליקטן צווישן דער גריכישער עסטעטיק און דער יידישער עטיק אין דער ליטעראַטור, וואו זיי האָבן געשאַפן און געווירקט.

איז אָבער ביי אַזעלכע „פאַרוואָגעלטע" שעפערישע גייסטער זייער יידישער באַוואוסטזיין און יידישער פּולס געווען צו שוואַך און האָט,

נאָך אַן אויפפלאַקערונג, געבומען צאַנקען און אונטערגיין אין דעם אומפאַרגלייכלעכן און אומפאַרגלייכבאַרן קאַמף.

ביים יידישן פּאָעט און קינסטלעריש שעפערישן גייסט, וועלכער באַהערשט די עסטעטישע פאָרעם און האַלט אָן די פאַרבינדונג מיט דעם אורשפּרונגלעכן יידישן שאַפן, קאָן — גאַנץ מעגלעך — פאַרווירקלעכט ווערן דער סינטעז פון דער עסטעטישער פאָרעם מיט ריינעם און יידישן שעפערישן מהות, דורך דער אויפפאַסונג פון דער נביאישער וויזיע, דער „געשטאַלט־בילדונג" און דער פּאַטאָס פאַר סאָציאַלער גערעכטי־קייט, פאַר מענטשלעכער אויסאיידלונג און אויסלייזונג.

III

אויף די וועגן פון אומגלויבן און גלויבן *)

1

אין זיינעם אַ קורצן אַרטיקל, „די טראַגעדיע פון אַ רויטער בלום" (זען זאַמלבוך: „דוד איגנאַטאָוו 25 יאָר ליטעראַרישער שאַפן", שיקאַגאָ, 1935) קאָנסטאַטירט דר. חיים זשיטלאָווסקי אַז „בערמאַן (דער הויפּט־העלד פון ד. איגנאַטאָווס ווערק, „אויף וויטע וועגן"), אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט וואָס האָט זיך דערווייטערט פון יעדן מין יידישקייט, איז אויף אייגענע וועגן ווידער געקומען צו אַן אייגנאַרטיקן יידיש־רעליגיעזן גלויבן". און ער, דר. זשיטלאָווסקי, איז מוסיף אַז —

> אין אונדזער ראַדיקאַלער וועלט זיינען שוין פאַראַן אַ היפּש ביסל פאַרטרעטער פון דעם זעלביקן מין. אייניקע פון זיי שפּילן אויך אַ חשובע ראָלע אין אונדזער ראַדיקאַלער ליטעראַטור. איך דערמאָן די נעמען פון די ברידער א. און י. שטיינבערג, וויליאַם נאַטאַנסאָן, און ב. ריווקין.

האָט דאָך דר. ח. זשיטלאָווסקי אַליין דורכגעבראַכן די וואָנט פון דעם יידישן קאָסמאָפּאָליטישן ראַדיקאַליזם אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, און

*) באַמערקונגען און באַטראַכטונגען צו ב. ריווקינס „אַ גלויבן פאַר אומ־גלויביקע", דוד איגנאַטאָוו פאָנד, ניו־יאָרק, 1947.

מיט זיינע אייזערנע אַרגומענטן און אויפקלערונגען באַווירקט די מוחות, אויב נישט די הערצער, פון דער פּאַרגליוועטער, צו אַ פּוסטער (מייסטנס) אַסימילאַציע גענייגטער אינטעליגענציע, און האָט זיי באַקערט צום יידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם (ווי דאָס האָט זיך קריסטאַליזירט, למשל, אין דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלע־ראַדיקאַלע שולן).

אַליין, אָבער, אַ ראַציאָנאַליסט און פילאָזאָפישער דיאַלעקטיקער, האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי דאָך אַרויפגעלייגט זיין אייגענעם „פריי־דענקערישן" שטעמפּל אויף אַ מין דיאַלעקטיש־וועלטלעכער יידישקייט. איז זי טאַקע געוואָרן אונטער זיינע הענט אַ פּראָדוקט, כמעט אויסגעהוילט פון דעם עמאָציאָנעלן און פּסיכאָלאָגישן אינהאַלט און אָנהאַלט — אונדזער גרויסער שעפערישער גייסטיק־טראַדיציאָנעלער ירושה.

דער „שלטון השכל", ד. ה. די שטרענג און איינזייטיק ראַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס, האָבן אָבער שוין פון לאַנג זייער ראָלע אָפּגעשפּילט. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די לעבנס־זאַפטן און כוחות, וואָס קענען אויפוועקן, עפּענען די טיפערע שעפערישע קוואַלן פון מענטשלעכן לעבנס־שאַפן, אָדער — ווי ב. ריווקין דריקט זיך אויס, בנוגע דעם פאַטאַלן טעות, וועלכן די וועלטלעכע דערלייזער באַגייען: „זיי זיינען בלויז מעכאַניקער, האַנט־אַרבעטער... אפילו ווען זיי ווענדן אָן קולטור־מיטלען, איז עס אויך מעכאַניש אַריינגעשטופּקעוועטע קולטור".

און בנוגע צו זשיטלאָווסקין גופא ברענגט טאַקע דער פאַרשטאָרבענער ב. ריווקין אין זיין לעצטנס פאַרעפנטלעכן בוך „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע" דאָס וויטערדיקע:

> דר. זשיטלאָווסקי האָט אין זיין „גאָט־רעוויזיע" געפונען גאָט מער ווי אַלעמאָל. אָבער ערשט ער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. ער האָט אים אויפגעזוכט אויף אַזאַ מהלך פון מענטשן און פון מענטשנס האַנדל־וואַנדל, אַז צו מאַכן אים אַרבעטן, צו ברענגען הילף און רעטונג פאַרן מענטשן, קען גאָר קיין רייד ניט זיין.

וואָרעם פאַר ריווקינען איז רעליגיעזער גלויבן נישט קיין ספּעקולאַטיווער־פילאָזאָפישער ענין, און אַ פּשיטא שוין ניט קיין אָביעקט פאַר טעאָלאָגישע חקירות. „דער סאַמע עיקר פון דער רעליגיעזער שפּירונג איז... אַז ער (גאָט) איז די באַשעפערישע וועלט־קראַפט אין אונדז, אין דער פּערזענלעכער דערפאַרונג פון יעדן מענטשן".

האָט דער פאַרשפּעטיקטער און אויסגעלעבטער ראַציאָנאַליזם ביי

אונדז געהאָלפֿן אויסבילדן דעם נאַיוון ראַדיקאַליזם, וואָס האָט זיך היפּש פֿאַרצויגן אין צייט און געדייעט אין אַ תקופה פֿון אַ בערגסאָן, אַ פֿרויד און אַן איינשטיין; אָט־דער ראַדיקאַליזם וואָס האָט צוגעזען, אָבער ווייניק פֿאַרשטאַנען, די וואולקאַנישע אויסברוכן פֿון נייעם מענטש־לעכן באַרבאַריזם און פֿון די וועלט־קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס דער מענטש און נישט די נאַטור, מיט אירע כוחות, האָט אַרויסגערופֿן.

פֿונדעסטוועגן וואַקסט, בעת און נאָך דער גרויזאַמער יידישער קאַטאַסטראָפֿע, דאָס יידיש־אינטעלעקטועלע דענקען אין אַמעריקע טאַקע אין דער ריכטונג פֿון דער יידיש־גייסטיקער שעפֿערישקייט און פֿון יידיש־אוניווערסאַלן פֿאָלקס־געניוס.

ב. ריווקין, דער שטורמיש שעפֿערישער גייסט און קאָנסטרוקטיווער אינטעלעקט, האָט ניט נאָר אַרויסגעפֿירט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק אויף אַ נייעם שעפֿערישן טראַקט, נאָר ער האָט אויך אויפֿגע־רודערט און סטימולירט, אויף זיין אייגנאַרטיקן אינטואיטיוון שטייגער, דעם יידישן געדאַנק.

מיט זיינע אויפֿבליצנדיקע אידייען האָט ער, ריווקין, געהאָלפֿן צו דורכצוברעכן אַ וועג פֿאַר אַ נייער באַציאונג צום יידישן רעליגיעזן גייסט, צו דער יידישער שעפֿערישער טראַדיציע, צום עכטן קוואַל פֿון דער יידישער רעליגיעזער גאונות, וואָס האָט געשיכטלעך רעוואָלוציאָ־ניזירט אַ האַלבע מענטשהייט (די „מערב־וועלט"), און איז ווייט נאָך נישט אויסגעשעפּילט פֿאַר ווייטערדיקער באַנייאונג־ און אויפֿלעבונג־ווירקונג אויף יידן און ניט־יידן.

אין זיין אויפֿלייכטנדיקער וויזיע זעט ריווקין דעם יידישן געניוס פּאָטענציעל אַלס דעם אַנטשיידנדיקן פֿאַקטאָר פֿון מענטשלעכער אַק־טיווער און אינטענסיווער אַנטוויקלונג און פֿון פֿאַרשריט. ריווקין זעט בחוש ווי דער יידישער פֿאָלקס־געניוס איז ביכולת צו ראַטעווען, אויס־לייזן די מענטשהייט פֿון איר פֿאַרטעמפּטן גלייכקייט, פֿון פֿאַרזונקנקייט אין רשעות, אין דער „ממלכת הזדון"...

דאָס בוך „אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע", וואָס איז געווען דאָס ערשטע בוך ריווקינס פֿאַרעפֿנטלעכט צו ווערן נאָך זיין טראַגיש־פּריצייטיקן טויט אין 1945, און אפֿשר דאָס ערשטע ווערק ריווקינס אַרויסצוגיין אין בוך־פֿאָרם, אַנטהאַלט באמת דעם גאַנצן תמצית פֿון זיין שעפֿערישער פּובליציסטיק. ער פֿאַרנעמט זיך דאָרט מיט די פֿונדאַמענטאַלסטע יידישקייט־פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דעם עיקר פֿון יידישן קיום, אַלס פֿאָלק, אין באַצוג צו גאָט, וועלט און מענטש.

דער (פאָדערשטער) טייל פון בוך, אַ טייל וואָס טראָגט דעם אייגנטלעכן נאָמען „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע“, באַפּאַרבט דעם אידייען־אינהאַלט פון גאַנצן בוך, און איז משפיע אויף דער פאַר־קייטלונג פון ריווקינס געדאַנקען־גאַנג איבער אַט־דער לעבנס־וויכטיקער (פאַר אונדזער גייסטיקן קיום) פּראָבלעם פון דעם מאָדערנעם ייד־מענטש. דאָ טאַקע, אין אַט־דעם טייל פון בוך, ווייזט זיך אַרויס די קראַפט פון אינטואיטיוון געדאַנק ביי ריווקינען, וואָס נעמט אָן די פּראַגמאַטישע איינפאַכקייט, הגם פול מיט פּאַטאָס און שפּרודלענדיק, מיט אַ שפע פון אַנטפלעקונג און בליציקער אויפדעקונג.

אָט ווי ער שטורעמט און פאַרמעסט זיך צו צעברעכן יעדע מחיצה צווישן וועלטלעכער און גלויביקער יידישקייט, בעת ער רעדט באַזונ־דערס פון „גלויבנס־ענערגיע“, אַלס אַן אויסדרוק פון דער געוואַלדיקער גייסטיק־באַהערשנדיקער מאַכט אין דער יידישער געשיכטע:

> דאָס איז די אָנגעזאַמלטע קיום־ענערגיע, וואָס יידן האָבן אָנגעפּאַרדינט דורך די אויפטועון פון אַלע יידישע דורות; דורך זייער אויסדויער, מאַרטירערטום און הייליקייט, העראָאישקייט. און ווייל קיום ענערגיע, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן, טראָגט דעם כאַראַקטער פון גלויבן אין דער אייביקייט — דעם כאַראַקטער פון גלויבן בכלל... דערלאַנגט זי עס פון זיך קראַפט צו באַשאַפן אונדז אַליין און אַנדערע „בצלם אלהים“, און דראַנג צו געשטאַל־טיקן פעלקער און צו פורעמען דאָס פּנים פון דער וועלט... גלויבן איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון דער וועלט, איר נאַטירלעכע העכסטע פונקציע, וואָס נעמט שוין אַריין נשמה, נשמהדיקייט...

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ריווקין פאַסט־אויף דעם רעליגיעזן גלויבן אַלס אַ פּסיכישע, אַ טיפע, אינערלעכע איבערלעבונג, אַ גייס־טיקער פענאָמען, וואָס נעמט אַרום דעם ווילן, שכל, געפיל און די פאַנטאַזיע; אַ דערפאַרונג, וואָס גיט דעם מענטשן אַ נשמה־יתירה, וואָס בילדעט אים אויס און גיט אים מער ווערט.

„גלויבנס־ענערגיע, האַלט ריווקין, איינגעשפּאַרטע גלויבנס־ענערגיע, פאַרמאָגן אַפילו די אומגלויביקסטע. זי נעמט זיך פון דער זעלביקער יידישער לעבנס־עקשנות, וואָס זאָגט אונטער דעם יידן, אַז ער גייט נישט אונטער און לאָזט אים נישט אונטערגיין“.

וואָרעם דער גלויבן, צושטעלנדיק כוחות פאַרן יידישן קיום, לאָזט

נישט דעם יידישן פאָלק פאַטאַליסטיש זיך אונטערוואַרפן צום גורל פון אונטערגאַנג, לאָזט אים נישט צו דיסאינטעגרירן און פאַרשווינדן פון דער געשיכטלעכער אַרענע.

אין אַט־דעם פּרט, טאָר מען נישט צווייפלען, אַז קיינער קען נישט אָפּלייקענען די געשיכטלעכע יידישע זעלבסטשטענדיקייט און גייסטיקע סואווערעניטעט. עס ליגט שוין אין דער טבע פון יעדן גלויביקן, ווען אָנגעלאָדן מיט גלויבנס־ענערגיע, צו באַפרייען זיך פון יעדן אויסערלעכן צוואַנג, און דראַנג, צו דערגיין צו דער העכסטער, אינערלעכסטער שטופע פון פרייהייט.

אין דעם אַקטיוון און אינטענסיוון פּראָצעס פון זיין גלויבן קאָן יעדער מענטש שטייגן און וואַקסן, אָדער — לויט ריווקינס אויסדרוק, — „זאָל ער נאָר צולאָזן גאָט צו זיך, ווערט ער אין איין רגע אַ נייער מענטש, מער מענטש ווער זיך נעמען שאַפן אין אים, ער וועט צוריק־קריגן די נשמה־יתירה”. ריווקין שרייבט:

> סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש איז דער יידישער גאָט דער סימבאָל־מאָביליזאַטאָר פון יידישן פאָלקס־כוח, וואָס דאָס שטימט מיט דער טעאָריע פון דעם פראַנצויזיש־יידישן סאָציאָלאָג דורקהיים — אַז גאָט איז דער קאָנצענטרירטער לעבנס־ווילן פון אַ פאָלקס־געמיינ־שאַפט פּערזאָניפיצירט...

אַזוי וויל ריווקין דערנענטערן די אומגלויביקע צום גלויבן דורך דער פאַרמיטלונג פון דער נייער סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. און ווייטער:

> מיר האָבן שוין אין אורשפּרונג פון אונדזער געשיכטלעכן דערשיינען געמאַכט דעם דראַנג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט און פעלקער־ברודערשאַפט פאַר אַ היסטאָרישן כוח; מיר האָבן אַפילו אין (ברוטאַלע) פעלקער־חיות אַריינגעגעבן נשמה־פונקען און אַזוי אַרום זיי גובר געווען...

אויף אַזאַ אופן ציט ווייטער ריווקין זיין געדאַנק ביז צו זייער ווייט־גרייכנדיקע שלוסן מיט אַ העלזעערישער וויזיע און אַ פּאָעטישן פּאַטאָס.

> אַ דאַנק דעם יידנס פיל־טויזנטיאָריקער נשמה־שפּאַנונג און זיין צוגעקלאַמערט זיין צום באַרג־סיני, איז גאָט פאַרגעזעצט געוואָרן ווי אַווירקנדיקער כוח אין דער געשיכטע, אין דעם

> נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן אין דער נאַטור פון מענטשן.
> גאָט איז געוואָרן נאַטור־געזעץ אין מענטשן. אין דעם לעצטן
> סך־הכל איז גאָט דאָס מענטשלעכסטע אין מענטשן — דער מענטש,
> אַנטפּלעקט ביז צו די גרונט־געזעצן פון זיין וועזן...

די קאַפּיטלען פון דעם בוך „גלויבן פאַר אומגלויביקע״ וועגן ארץ ישראל של מעלה און דער ערדישער ארץ־ישראל, וועגן געשריי־בענעם גויאישן מאַנדאַט אויף ארץ ישראל א. אַז. וו. זיינען אָנגעפילט מיט זעלטענער רעליגיעזער יידישער פּאָעזיע און סובלימירונג, אַ דערהויבענעם גלגול, פון דעם יידישן שעפערישן גייסט.

2

ריווקין, דער גלויביקער אין דער יידישער שעפערישער טראַדיציע, אין דעם שעפערישן כוח פון דעם יידישן רעליגיעזן געניוס, האָט, אַלס אַ וויזיאָנעריש קינסטלערישע נאַטור, אויך אידענטיפיצירט דעם דאָזיקן יידישן שעפערישן פּראָצעס מיט געשטאַלטונג און געשטאַלטגעבונג.

> מיר זיינען די באַרופענע מענטש־געשטאַלטער בצלם אלהים,
> מיר זיינען די „גאָט־באַשאַפער״, און — דורך גאָט — מענטש־
> באַשאַפער און פעלקער־געשטאַלטער. דערמיט האָבן מיר אונדזער
> געשיכטע אָנגעהויבן. פון שטיין אין מדבר האָבן מיר אַרויס־
> געשלאָגן גאָט־שעפערישע גאָט־קראַפט, וואָס געשטאַלטיקט; באַ־
> שאַפן די משיח־געשטאַלט, וואָס האָט געשטאַלטיקט דעם יידישן
> פאָלק דורך די טויזנטער יאָר גלות...

בלויז אַ קינסטלער־נאַטור מיט אַ העלער, אויפלויכטנדיקער וויזיע האָט געקאָנט זיך דערטראַכטן און אַרויסצוזיבערן אינעם יידיש־רעליגיעזן שאַפן די דערלייזערישע געשטאַלט פון משיח, וואָס סימבאַליזירט די געשטאַלטונג־אייגנשאַפט פון דעם יידישן גייסט און דעם יידישן מהות.

אַזוי גלויבט ריווקין, אַז די איינציקאַרטיקע און הויפּט־יידיש־שעפערישע געשטאַלט פון משיח, דער יידישער און וועלט־אויסלייזער, האָט געפורעמט און פורעמט נאָך עד־היום דעם פּנים פון פאָלק און מאָדעלירט זיין כאַראַקטער... וואָרעם עס איז אַ פאַקט, זאָגט ריווקין, אַז מיר יידן זיינען געניט אין דער איידעלער קונסט פון מענטש־באַשאַפונג, האָבנדיק דורכגעמאַכט אַזוי פיל משיח־באַוועגונגען, וואָס זיינען אין תוך געווען מענטש־באַשאַפונג אויף אַ מאַסן־שטייגער...

נישט אומזיסט שפּאַרט ביי אים, אין זיין ליטעראַטור־קריטיק, אַזוי פיל משיחיסטישע וויזיאָנערישקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

די שריפטשטעלער, די קינסטלער צווישן זיי, זיי פאַרלאָזן זיך סיסטעמאַטיש אויף דעם רוח הקודש, זיי טרויען זיך אָן דעם גייסט, ער זאָל זיי דערלאַנגען וואָס זיי פאַרלאַנגען... זיי זײַנען אַוודאי גלוביבּיקע... און דער פאַקט איז, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט שוין אַריינגעזויגן אין זיך אַ גוטע העלפט פון יידישן גלויבנס־רעזערוו...

דאָס האָט ריוּוקין אין זיין אינטימער שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור פון זיך אַליין עדות געזאָגט אויף דער אינטימער פאַרוואַנדשאַפט און אידענטיפיצירונג פון קינסטלערישן שאַפן מיט דעם גלויבנס־אַקט.

***

אַ גוטע געלעגנהייט צו באַפעסטיקן זיינע באַהויפּטונגען, אַז „אין זייער עצם זיינען דער גלויבנס־אַקט און דער שאַפונגס־אַקט אידענטיש", האָבן ריוּוקינען געגעבן „דוד איגנאַטאָווס שאַפונגען" — אַ ווערק וואָס פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ אין דעם בוך „אַ גלויבן פאַר אומ־גלוביבּיקע". אין אָט־דעם ליטעראַטור־קריטישן עסיי כישופט אַרויס ריוּוקין, טאַלאַנטפול־גייסטרייך, די עסענץ פון דעם קינסטלערישן שאַפן, וואָס איז אין תוך אַזוי אינטים נאָענט צום גלויבנס־שאַפן.

אָט ווי ריוּוקין דערקלערט דעם ליכט־מאָטיוו ביי דוד איגנאַטאָוון:

ליכט, וואָס אויף דעם היימישן לשון רופט מען דאָס נשמה, און אויף וויסנשאַפטלעך־פּסיכאָלאָגישן לשון איז דאָס פּסיכישע ענערגיע... אין דער מאָדערנער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט, איז יעדער פורעם פון ענערגיע צוזאַמען מיט דער מאַטעריע אויפגעבויט אויף וויבראַציעס, וואָס זיינען זייער נאָענט פאַרוואַנדט צו ליכט־שטראַלן; אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז סיי מאַטעריע און סיי ענערגיע איז ליכט אין פאַרשידענע מדרגות.

און רעדנדיק וועגן שאַפונג־פּראָצעס:

אָבער אין זייער עצם זיינען דער גלויבנס־אַקט און דער שאַפונגס־אַקט אידענטיש. ביידע באַדייטן דאָס שטרעקן זיך פון דעם מענטשנס נשמה אין דער הויך... כדי אַרויסצוקריגן פון הוילן גאָרנישט ניי פאַרמעגן, מער מענטש, ניי־מענטש... דאָס האַנדלען אין דער זיכערקייט, אַז דאָס נישט פאַראַנענע איז שוין פאַראַן — אָט די האַנדלונג אויף קרעדיט, וואָס פאַרווירקלעכט דעם קרעדיט — דאָס איז עס וואָס גיט די שפּירונג: גלויבן. אָבער

גלייכצייטיק איז אויך שאַפונג — לעבנס־באַשאַפונג, מענטשן־באַשאַפונג.

אין דער ליטעראַטור וועט איר געפינען אַ סך באַשטעטי־קונגען, אַז די פרייד פון שאַפן איז רעליגיעזע פרייד,ביידע שלאָגן זיי פון איין קוואַל... עס איז שעפערישער עקסטאַז, וואָס גיט אין רעזולטאַט זייביידן: די פאַרלעבנדיגונג, די פאַרגעשטאַלטיקונג פון מענטשן. דער עקסטאַז פון גלויבן איז אַנגעקלאַמערט אין באַשאַפער וואָס איז הויך איבערן מענטשן — ער געשטאַלטיקט דעם מענטשן בצלם אלהים, און דער עקסטאַז פון קינסטלערישן שאַפן איז אַנגעקלאַמערט אין דעם באַשאַפער וואָס זיצט אין מענטשנס אינטימסטער טיף — ער געשטאַלטיקט דעם מענטשן בצלם מענטש.

ריווקין גייט אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט: „ווער עס רעדט וועגן רעליגיעזן גלויבן און קינסטלערישן שאַפן ווי צוויי באַזונדערע קאַטע־גאָריעס, איז ניט געווען אינעווייניק, ניט אין גלויבנס־אַקט און ניט אין שאַפונגס־אַקט.” און ער קומט צום שלוס, אַז די ליטעראַטור איז קאַפּאַבל איבערצונעמען דעם גאַנצן פּסיכישן אינהאַלט פון רעליגיע... בלויז זי קאָן פאַרנאַטירלעכן און פאַרוועלטלעכן דעם אינהאַלט פון רעליגיע.

אין זיינע „דריי פרקים פון מסכתא ש. צ. זעצער” האָט זיך ריווקינס פלאַמיקער און ברויזנדיקער גייסט אַנגעשטויסן ניט אויף רעזיסטענץ־שטאָף, וואָס פאַרלאַנגזאַמט דעם שוואונג פון זיינע אידייען און פאַראורזאַכט במילא די עקספּלאָזיע. פאַרקערט, די טעמע איז פאַר אים געווען אַ ברען־האָלץ, וואָס מען וואַרפט אַריין אין אַ העלישן פייער, וואָס שלאָגט אָפּ מיט הילכיקן און פלאַקערדיקן זייל פון זעצערס שעפערישן גייסט אַליין, וואָס פאַרשלינגט דעם אַריינגעוואָרפענעם ברען־שטאָף און לאָזט העלער אויפפלאַקערן דעם אָריגינעלן פייער.

אָט איז אַ קלאָרער ביישפּיל פון אָט־דער גייסטיקער עקספּלאָזיע ביי ב. ריווקין:

ווייל ארץ ישראל איז געווען אַ לאַנד פון סכנת נפשות, האָבן די נביאים געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערפאַכן דעם גאָט־פייער — די פייער־זייל, וואָס איז דעם פאָלק נאָכגעגאַנגען אין מדבר. כדי דאָס פאָלק אָנצולאָדן מיט פלאַמיקער אמונה און מיט אייזערנעם ווילן, וואָס דאָס נאָר אַליין האָט אים געקענט באַוואָרענען קעגן אונטערגאַנג, דערפאַר איז

די מינדסטע אָפּווייכונג פון ריינעם גאָט־גלויבן ביי די נביאים פאַר־רעכנט געוואָרן פאַר דעם גרויליקסטן פאַרברעכן; דערפאַר האָבן זיי איבער דער ענגשאַפט פון ארץ ישראל של מטה געהויבן די רחבות פון ארץ ישראל של מעלה, כדי דאָס פאָלק אויפצוהויבן איבער אַלע געפאַרן...

***

אין דעם לעצטן סך־הכל קאָן מען זאָגן, אַז דאָס בוך פון ב. ריווקין „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע" ברענגט ערשט איצטער בולט אַרויס די גאַנצקייט פון איין אויסגוס און די גייסטרייכקייט פון דעם שעפערישן אינטעלעקט פון ב. ריווקין אין זיין עכט־יידישער אויפפאַסונג פון מענטש און וועלט.